כולל ובמיוחד - דורך צו-קלאפן און צובויען אין שטוב (ומה טוב - אויך אין קיך) א צדקה-פושקע, וועלכער מאכט די שטוב פאר א בית של צדקה (כמדובר לאחרונה בארוכה).

ז. זעלבספארשטאנדיק, אז דאס אלעם איז נוגע צו מוסדות ויחידים בכל מקום שהם, סיי אין חוץ לארץ, סיי בארץ.

אבער על אחת כמה וכמה אין ארץ הקודש, וואס דארטן האבן די בנינים נאכמער קביעות, ווייל זיי וועלן דארט בלייבן, אויך נאך ביאת המשיח, משא״כ די בתים אין חוץ לארץ וועלן נעתק ווערן ממקומם און גע-נומען ווערן אין ארץ ישראל בגאולה העתידה[20].

19) זבולון לחוף ימים ישכון ויוצא לפרקמטיא בספינות ומשתכר ונותן לתוך פיו של יששכר והם יושבים ועוסקים בתורה כו׳ (פרש״י ברכה לג, יח).

20) מגילה כט, א..

ו. יש להוסיף, אז דער ״שנת בנין״ האט א שייכות מיוחדת צו ישיבות און תלמידי הישיבה,

ווארום דער ענין פון א ״ישיבה״ איז כשמה - א מקום קבוע ובהתיישבות אויף לימוד התורה.

וכמובן, אז דאס איז כולל סיי די ישיבה המרכזית, און סיי די סניפי הישיבה בכל מקום שהם. ואדרבה: ס׳איז דא א מעלה אין א סניף לגבי די ישיבה מרכזית, מצד דעם וואס בסניף איז ניטא קיין ״שרגא בטיהרא״, ס׳איז דארטן דא די עבודה בכח עצמו. און נאכמער: די סניפי הישיבה גיבן נאך צו א הוספה וחידוש אין דער ישיבה המרכזית (ע״ד ווי מתלמידי יותר מכולם)[21].

האבן די תלמידי הישיבה די הוראה און נתינת כח מיוחדת אין דעם ״שנת בנין״ - לכל לראש, צו ״אויפבויען״ נייע תלמידים[22], ובמיוחד - צו פאר-שטארקען דעם זיין ״נרות להאיר״,

ועוד ועיקר: די ישיבות און סניפי הישיבה זאלן אויפעפענען נאך סניפים, און יעדער סניף - זאל צוגעבן נאך סניפים.

וואס דאס אלץ וועט צוגעבן נאכמער אין דעם תלמיד (דער נר להאיר) אליין און אין דער ישיבה המרכזית - ע״ד מתלמידי יותר מכולם.

ח. די הוספה אין די אלע פעולות, און במיוחד אין בא-שטימען דעם יאר אלס ״שנת בנין״ - וועט זיכער צוגעבן אין ברכת ה׳ פאר א חתימה וגמר חתימה טובה צו יעדער אידן בתוך כלל ישראל.

ביז אז דאס וועט נאכמער ממהר זיין דער בנין בית העיקרי - בית המקדש השלישי, מקדש אד׳ כוננו ידיך[23], בגאולה האמיתית והשלימה, ביז אז מ׳וועט זען בגלוי ווי די גאנצע וועלט איז א דירה (בית קבוע) לו יתברך.

און מ׳וועט אלע צוזאמען פראוועןן דעם חג הסוכות ושמע״צ ושמח״ת, בשמחה גדולה, ובשמחת עולם על ראשם[24].

21) תענית ז, א.

22) והרי כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו.

23) בשלח טו, יז ובפרש״י.

24) ישעי׳ לה, י. נא, יא.

---*---

בס"ד. ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א להתלמידים שיחיו - ערב יום הכפורים, בבית הכנסת, לפני כל נדרי, ה'תשמ"ט

הנחה פרטית בלתי מוגה

א. וידבר גו' דבר גו' יברכך גו' יאר גו' ישא גו'. ושמו גו' ואני אברכם.

דער אויבערשטער זאל בענטשן און מצליח זיין יעדערן פון אייך בתוך כלל ישראל מיט אלע ברכות, ולכל לראש - ברכת כהנים (הנ"ל), וואס אין ברכת כהנים איז דא דער חידוש (לגבי ברכות בכלל), אז דאס האט (אויך) די מעלה פון תפלה, וועלכע טוט אויף א רצון חדש ("יהי רצון"), בנוסף אויף דער מעלה פון ברכה (כמבואר בדרושי חסידות פון רבותינו נשיאינו),

און אין ברכה עצמה האט ברכת כהנים אויך די מעלה, אז דורך איר ווערן נמשך די ברכות ובקשות (וואס מ'קען בעטן) אין אן אופן פון "עד מהרה ירוץ דברו", כמבואר בדרושי חסידות עה"פ והנה פרח מטה אהרן גו' ויגמול שקדים, אז שקדים איז מרמז אויף כהונה, ווייל דורך ברכת כהנים ווערט די השפעה נמשך במהירות גדולה בלי שום עיכובים, אזוי ווי שקדים וואס ממהרים להגמר, און דערפאר הייסט עס שקד וואס באווייזט אויף מהירות (וכמ"ש "מקל שקד גו' כי שוקד אני על דברי לעשותו").

ב. בדוגמא די מעלה הנ"ל פון ברכת כהנים איז אויך דא בשעת א איד בענטש אנדערע אידן - ווארום יעדער איד איז בדוגמא ווי א כהן, כפס"ד הרמב"ם אז "לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש כו' אשר נדבה רוחו אותו כו', הרי זה נתקדש קודש קדשים", ער איז אזוי ווי א לוי, און נאכמער - ווי א כהן, און נאכמער - ווי א כהן גדול (קודש הקדשים).

און ווי עס האט זיך אויפגעטאן נאך בא מתן תורה, וואס דעמולט איז יעדער איד און אלע אידן עד סוף כל הדורות געבענטשט געווארן: "ואתם תהיו לי ממלכת **כהנים**", וכמבואר במדרשים ומפרשים, אז דאס מיינט (די מדריגה פון) "כהנים גדולים".

און נאכמער: וויבאלד אז דאס שטייט אין **הלכה** (אז "כל איש ואיש כו' אשר נדבה רוחו אותו כו', הרי זה נתקדש קודש קדשים"), און א הלכה אין ספר יד החזקה להרמב"ם - גיט דאס דעם כח צו גובר ושולט זיין אויף יעדער זאך וואס קען מעכב זיין אדער עכ"פ אפשוואכן די עבודה.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת אידן בענטשן אנדערע אידן (וואס יעדער איד איז בדוגמא צו א כהן און א כהן גדול) - האט עס מעין ובדוגמא די מעלה פון ברכת **כהנים**.

ג. ובפרט ווען דאס איז ערב יום הכפורים, וועלכע איז אן ערב והכנה והתחלה צו דער עבודה פון יוהכ"פ, וואס די עבודה פון יוהכ"פ איז דוקא בכהן גדול, די עבודה מצד בחי' יחידה - אין עולם שנה נפש: אחת בנפש - דער כהן גדול, אין אחת בשנה - יום הקודש, אין אחת במקום - קודש הקדשים, וואו דער כהן גדול גייט אריין טאן די עבודה ביוהכ"פ.

ומעין זה איז דא בא יעדער איד ביוהכ"פ - מצד בחי' כהן גדול שבו, יחידה שבנפש. און ער טוט די עבודה ביוהכ"פ אין אחת במקום (קודש הקדשים) - כידוע דער פתגם פון רבותינו נשיאינו (איבערגעגעבן דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר) "מאך דא ארץ ישראל", אז יעדער איד ווערט אנגעזאגט און באקומט די כחות צו מאכן פון זיין ארט ארץ ישראל בכלל, וואס דער עיקר פון ארץ ישראל איז - ירושלים עיר הקודש, און דארטן גופא איז דער עיקר - דער הר הקודש, הר הבית, און דארטן גופא - דער ביהמ"ק און **קודש הקדשים**. קומט אויס, אז א איד דארף מאכן פון זיין ארט - קודש הקדשים.

און ער באקומט אויף דעם כחות מיוחדים ביוהכ"פ, ווען די דרגא פון כהן גדול שטייט אין יעדער איד מער בגלוי.

דערפון איז אויך מובן בנוגע צו **ערב** יוהכ"פ, וואס די עבודה דעמולט איז א הכנה והתחלה צו יוהכ"פ - אז די עבודות וברכות פון א אידן ביום זה, האבן אין זיך דעם כח און תוקף פון בחי' כהן גדול.

ד. ובפרט אז ערב יוהכ"פ עצמו קומט נאך דער עבודה פון אידן במשך די עשרת ימי תשובה בכלל, אנהויבנדיק פון ראש השנה (ווי ער איז אן ענין בפ"ע פון די עשי"ת), ולפני זה - די עבודה בחודש אלול, ווען דער אויבערשטער איז ווי א "מלך בשדה",

אנהויבנדיק נאך פון שבת מברכים אלול, און דערנאך איז מען געגאנגען מחיל אל חיל אין דער עבודה במשך חודש אלול, ביז ח"י אלול - וועלכער גיט אריין חיות בכל עניני אלול, און דערנאך - די עבודה אין די ימי הסליחות, ביז ערב ראש השנה, וואס דעמולט ווייסט יעדער איד און אלע אידן (עד סוף כל הדורות) אז זכו בדין, ביז אז נכתבים ונחתמים לאלתר בספרן של צדיקים גמורים.

און דערנאך, כאמור - די עבודה בראש השנה, ועשרת ימי תשובה, וואס דעמולט שטייט מען אין א מצב פון "דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב", דער אויבערשטער פאדערט און מאנט בא אידן עס זאל זיין "דרשו ה' בהמצאו" און "קראוהו בהיותו קרוב", און דאס טוט אז עס זאל נמשך ווערן בפועל אלע ברכות פון דעם אויבערשטן מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, כמדובר כמ"פ בימים אלו,

ועאכו"כ ווען מ'שטייט (בסיום עשי"ת) אין דער צייט וועלכער פארבינדט תשיעי בחודש און עשירי בחודש, און מ'האט די התעוררות פון עשירי בחודש, יום הקודש, צוזאמען מיט די התעוררות אין ערב יוהכ"פ, וואס יש בזה מה שאין בזה.

איז דאך א זיכערע זאך, אז שטייענדיק איצטער אין דעם זמן וואס איז מקשר ערב יוהכ"פ און יוהכ"פ - איז א איד ווי א כהן גדול, און זיינע עבודות און ברכות זיינען אזוי ווי פון א כהן גדול.

ה. אין דעם קומט צו נאכמער הדגשה מצד דעם שיעור חומש פון יום שני, דער טאג וואס איז א הכנה צו ערב יוהכ"פ - וואס דארטן שטייט "כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו", אז יעדער איד איז "חבל נחלתו",

און דעריבער איז יעדער איד אויך א בעה"ב אויף כל העולם כולו, ווי עס שטייט לפנ"ז - "יצב גבולות עמים למספר בני ישראל", די שבעים אומות כנגד די שבעים נפש של ישראל (וואס דער טעם לזה איז "כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו").

דערפון איז מובן, אז מה-דאך דאס איז אזוי בנוגע צו כל העולם (אז אידן זיינען אויף דעם בעה"ב), עאכו"כ אז אזוי איז לכל לראש בנוגע צו אידן אליין ("יעקב חבל נחלתו"), אז יעדער

איד דערגרייכט (בגלוי) צו תכלית השלימות, ביז צו דער דרגא פון כהן גדול.

ובפרט אז ס'איז שוין דורך אזויפיל צייט זינט מתן תורה, ווען אידן זיינען אנגעזאגט געווארן "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים" (כנ"ל), און זינט דעמולט איז מען געגאנגען מחיל אל חיל בכל עניני תורה.

ויש לקשר זה אויך מיט דעם שיעור חומש שלאחרי זה, היינטיקן שיעור חומש - "ירכיבהו על במותי ארץ גו'", וואס באווייזט אויף די מדריגה נעלית פון אידן, און ווי זיי זיינען העכער פאר כל עניני ארץ,

און - "ויניקהו דבש מסלע ושמן מחלמיש צור", וואס דאס גייט אויף לימוד התורה, און אין תורה עצמה - פנימיות התורה, וואס דורך דעם ווערן אידן אויפגעהויבן צו דער דרגא פון כהן גדול וקדש הקדשים (כדלקמן).

ו. דער ענין הנ"ל - ווי יעדער איד איז אזוי ווי א כהן גדול וכו' - האט א שייכות מיוחדת צו תלמידי הישיבה, וואס בא זיי איז בגלוי דער ענין פון "נדבה רוחו אותו והבינו מדעו כו' לדעה את ה' כו' ופרק מעל צוארו עול החשבונות הרבים אשר בקשו בני האדם", די הבלי העולם,

ווי מ'זעט עס בפשטות אז עסקם פון תלמידי הישיבה איז - לימוד התורה, און זיי שיידן זיך אפ פון כל הבלי העולם,

ובמילא ווערן זיי "נתקדש קודש הקדשים", כפס"ד הרמב"ם הנ"ל.

ביחד עם זה איז אבער ניט דער טייטש אז תלמידי הישיבה האבן קיין שייכות ניט מיט עולם, נאר אדרבה - אסתכל באורייתא וברא עלמא, אלע ענינים הויבן זיך פון תורה, און פון תורה ווערט עס נמשך אין וועלט, אזוי אז תורה ווערט בעה"ב אויף וועלט.

ועד"ז בנוגע צו תלמידי הישיבה וואס ענינם איז תורה: דאס וואס א תלמיד הישיבה איז זיך מפריש מהבלי העולם, איז אין דעם דער פירוש, אז ער באנוצט זיך מיט עניני העולם, בכל דרכיך דעהו וכל מעשיך יהיו לשם שמים, אבער דערביי ווייסט ער

אז עולם איז הבל (הבלי העולם), און דער עיקר ובעה"ב אויף וועלט איז - תורה.

ווי די גמרא זאגט בנוגע צו **הבל** תינוקות של בית רבן, אז דורך דעם איז מתקיים העולם שנברא בשבעה **הבלים**, אנהויבנדיק פון את העולם נתן בלבם, עולם קטן זה האדם, און לבא פליג לכולא שייפין, ביז אין דעם עולם גדול, אז ער ווערט א בעה"ב אויף כל העולם כולו, וכנ"ל אז "יצב גבולות עמים למספר בני ישראל".

ביז אז דאס טוט אויף שלימות בכל העולם כולו, ביז ווי ס'וועט זיין בתכלית השלימות בגאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט זיין לתקן עולם במלכות שד-י.

ז. צווישן תלמידי הישיבה עצמם שטייט דאס נאכמער בההדגשה בא תלמידי ישיבת תומכי תמימים, וואס דער נאמען ("תומכי תמימים") איז געגעבן געווארן דורך רבותינו נשיאינו:

די תלמידי ישיבת תומכי תמימים זיינען בדוגמא ווי אן "עולה תמימה", און זייער לימוד התורה במיוחד איז באופן של תמימות, "תורה תמימה", נשמתא דאורייתא ופנימיות התורה (בחי' דבש ושמן שבתורה, כנ"ל) צוזאמען מיט גופא דאורייתא ונגלה דתורה, אזוי אז זיי ווערן חד.

וואס אין תורה עצמה איז בחי' קודש הקדשים שבתורה - פנימיות התורה. ועאכו"כ ווען מ'לערנט דאס דאס צוזאמען מיט נגלה תורה, "תורה תמימה".

איז דערפון מובן, אז דער ענין פון "נתקדש קודש הקדשים" איז נאכמער בהדגשה בא תלמידי ישיבת תומכי תמימים.

און דאס אלץ איז אין אן אופן פון "תומכי תמימים", אז דאס איז תומך און שטיצט אונטער די גאנצע וועלט, כמדובר לעיל אז תורה איז בעה"ב אויף עולם און דורך תורה ווערט דער קיום כל העולם, ביז - אז תורה טוט אויף שלימות ותמימות אין וועלט.

ח. וענין זה איז בהדגשה יתירה בשנה זו - א שנת העיבור, וועלכע ווערט אנגערופן "שנה תמימה", וואס דאס איז פארבונדן מיט (און פארבינדט צוזאמען) אלע ענינים של תמימות,

אנהויבנדיק... פון די תמימות אין תורה, ווארום אסתכל באורייתא וברא עלמא - אלע זאכן הויבן זיך אן פון תורה, פון די וועלכע האבן אין דעם זוכה געווען און זיינען זוכה און זיינען ממשיך בזה, ווארום קדושה לא זזה ממקומה, איין מאל אריין אין ישיבת תומכי תמימים - בלייבט עס אזוי כל ימי חייו, ואדרבה - ניט וואס עס בלייבט, נאר דאס גיט כח און מאנט פון אים אז ער זאל עולה זיין מחיל אל חיל (אויך) בענין התמימות, ובפרט אין תמימות בלימוד התורה, וגדול לימוד שמביא לידי מעשה.

ט. דאס איז אויך מאשר נאכמער, אז די אלע ברכות וענינים וועלכע מ'האט גערעדט באטאג, געווענדעט צו כל אחד ואחת מישראל, אנשים נשים וטף - איז זיכער שייך צו תלמידי הישיבה, ותלמידי ישיבת תומכי תמימים במיוחד, ואדרבה - הם קודמם לדבר, ווארום לכל לראש איז אסתכל באורייתא וברא עלמא, כנ"ל.

ובפרט אז מ'האט געמאכט אלע החלטות צו אנהאלטן און ממשיך זיין בזה, ווארום קדושה לא זזה ממקומה, און נאכמער - צו מוסיף זיין בזה מחיל אל חיל, בהתאם צו דעם ציווי ונתינת כח פון להעלות בקודש בכלל, ועאכו"כ אין "קדש הקדשים", די דרגא פון כהן גדול, וואס אין תורה עצמה - איז דאס במיוחד דער חלק פון פנימיות התורה, און אין אידן עצמם - איז דאס די דרגא פון כהן גדול.

י. בשנה זו קומט צו נאכמער מעלה מצד דעם וואס זי קומט בהמשך צו א שנה מיוחדת - שנת תשמח ותשמח ושנת הקהל את העם האנשים והנשים והטף; וכמובן אז בשנה זו דארף דער ענין פון שמחה והקהל זיין באופן פון להעלות בקודש, מחיל אל חיל.

ובפרט אז דער יאר איז שנת תשמ"ט, וכמדובר לעיל דער רמז בזה, אז דער תי"ו איז ר"ת תשובה, און אין תשמ"ט זיינען דא צוויי פירושים: תהא שנת מעשים טובים, און תהא שנת משיח טובה, וואס דאס ווערט דורך תשובה, וועלכע טוט אויף אז די מעשים זאלן זיין טובים ומאירים, ביז שלימות הטוב, וואס דאס איז ענינו של משיח, ובזה גופא - קומט צו די מעלה פון טובה.

וואס דאס אלץ גיט צו נאכמער עילוי אין די תמימות פון דעם יאר אלס שנת העיבור, "שנה תמימה" (כנ"ל), וועלכע טוט אויף

שלימות אויך בשנים שלפני זה, און טוט אויף דער ענין התמימות, די אויסגלייכונג פון דער שמש און לבנה (מעין ווי ס'וועט זיין לע״ל),

וואס דאס באווייזט אויף דער חיבור ותמימות פון פנימיות התורה ונגלה דתורה (תורה תמימה), דער ענין המיוחד פון ישיבת תומכי תמימים (כנ״ל).

ובכללות יותר - באווייזט דאס אויף דער חיבור פון דיביידע עבודות פון שמש ולבנה, ויש בזה מה שאין בזה, כמבואר בתורה הרב המגיד בענין ״ועינינו מאירות כשמש וירח״,

ועד״ז אויך בתורת הבעש״ט, און פון דעם אלטן רבי'ן, דעם מיטעלן רבי'ן, דעם צמח צדק, דעם רבי'ן מהר״ש, דעם רבי'ן (מהורש״ב) נ״ע און כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, און אזוי אויך אין די ענינים שלאחרי זה,

ובכללות - בתלמידיו, ובפרט תלמידי הישיבה, ובפרטי פרטיות - תלמידי ישיבת תומכי תמימים, וואס זיי זיינען א חלק און א חלק עצמי ותמימה, ״תמימים״, ובאופן פון ״תומכי תמימים״ (כנ״ל).

יא. אין דעם קומט צו נאכמער הדגשה מצד דעם וואס בקביעות שנה זו קומט אויס יוהכ״פ ביום רביעי בשבוע, דער יום שנתלו שני המאורות הגדולים, דער שמש וירח,

וואס דאס גייט כאמור, אויף פנימיות התורה און נגלה דתורה, ביז ווי זיי ווערן איין מציאות, תורה תמימה.

וואס דאס איז די עבודה מיוחדת פון תלמידי ישיבת תומכי תמימים, כנ״ל, וואס זיי האבן א שייכות מיוחדת מיט די אלע ענינים האמורים באטאג, ואדרבה - זיי קומען לכל לראש, און בא זיי קומט אין דעם אלעם צו א הדגשה נוספת. יב. ובנוגע לפועל:

איר זאלט לערנען נגלה און חסידות און ווי זיי ווערן איין זאך, תורה תמימה, און איר זאלט האבן הצלחה אין דעם לערנען.

וגדול תלמוד שמביא לידי מעשה, סיי די מעשה וואס קומט ארויס פון נגלה און סיי די מעשה ועבודה וואס קומט ארויס פון חסידות, כמבואר ענינה בקונטרס העבודה.

הנחה פרטית בלתי מוגה

און דורך דעם ווערט איר "קרוב לשמים", אז אלע עניני שמים, ובמיוחד - שמים שבתורה - ווערט נאענט צו אייך, און אלע עניני ארץ, ובמיוחד - ארץ שבתורה, וואס דאס איז דער חלק המעשה שבתורה, ווערט "רחוק" (בערך צו שמים שבתורה), ווארום עיקר העסק פון תלמידי הישיבה ובפרט בישיבת תומכי תמימים איז אין יגדיל תורה ויאדיר, און ניט נאר אין תורה השייך למעשה,

און אזוי קומט עס אויך אראפ בעבודה - אז עס ווערט נפשם עיקר (קרוב לשמים) און גופם טפל (רחוק מן הארץ),

אבער ניט אין אן אופן אז ס'איז ניטא קיין גוף וארץ, נאר מ'האט אויך א גוף און גשמיות, אבער דאס איז אין אן אופן טפל, וכנ"ל אז מ'זעט ווי די עניני העולם זיינען הבל וטפל (הבלי העולם).

ובפשטות - אז מ'טוט די אלע ענינים מתוך בריאות הנשמה, און דערפון ווערט נשתלשל אויך שלימות בבריאות הגוף, וחיבור שניהם יחד, אז מ'איז פשוט געזונט ברוחניות ובגשמיות ושניהם יחד (ע"ד דער חיבור פון שמש וירח).

יג. ועוד וגם זה עיקר, אז יעדערער פון אייך ווערט א נר להאיר, און אלע צוזאמען - נרות להאיר, צו באלייכטן אויך אנדערע אידן,

וכנזכר לעיל, אז נוסף צו די ברכות באטאג, וואס איז זיכער שייך אויך צו אייך, האט איר נאך א תפקיד מיוחד זייענדיק תלמידי הישיבה ובפרט ישיבת תומכי תמימים.

וואס דאס איז כולל אלע פון אייך וואס געפינען זיך דא, און אלע תלמידים, אויך די וועלכע געפינען זיך אין די סניפי הישיבה בכל מקום. ואדרבה - דארטן איז דא די מעלה פון עבודה בכח עצמו, וויבאלד אז דער סניף איז ניט שרגא בטיהרא.

ביז אז דורך דעם סניף קומט אויך צו אין דעם מרכז, וע"ד מתלמידי יותר מכולם.

און זיכער וועט יעדער סניף צוגעבן נאך סניפים, ועד"ז יעדער תלמיד (זייענדיק א נר להאיר) וועט זיכער צוגעבן נאך תלמידים, וואס זיכער האט יעדערער פון אייך זוכה געווען, אדער איר וועט זוכה זיין - האבן אייגענע תלמידים, ובזה גופא

- זאל ביי אייך צוקומען מערער און מערער, והעמידו תלמידים הרבה, און דאס וועט אויך צוגעבן שלימות אין אייך, וואָרום מתלמידי יותר מכולם.

ביז אז מ׳וועט ברענגען די שלימות פון מלאה הארץ דיעה את ה׳ כמים לים מכסים.

וכל זה בהדגשה יתירה ובהוספה זייענדיק שנת תשמ״ט און א שנה מעוברת, און קומענדיק בהמשך צו שנת הקהל ושנת תשמח ותשמח.

יד. און דאס וועט זיין א הכנה קרובה אז מ׳וועט אלע גיין אין ארץ הקודש, לביהמ״ק השלישי, און מ׳וועט דארטן זען ווי דער כהן גדול גיט אריין אין קדש הקדשים,

ותיכף ומיד ממש, ולא עכבן אפילו כהרף עין, אזוי אז נאך אין דעם יום הכפורים, יום הקדוש, וועט מען זען ווי דער כהן גדול גייט אריין אין קדש הקדשים בפשטות.

און אין דעם גופא קומט צו שלימות דורך דעם וואס אידן זאגן דאס בתפלתם ביוהכ״פ, ווי געדעדט פריער (באטאג) דער פירוש אין ״ונשלמה פרים שפתינו״, אז דורך ״שפתינו״ קומט צו שלימות (ונשלמה) אויך אין די פרים, ווי זיי ווערן נקרב ביוהכ״פ!

ובפרט אז יעדער איד איז בדרגת כהן גדול, און איז ״נתקדש קדש הקדשים״, כפס״ד הרמב״ם הנ״ל.

און בזה גופא - גייט מען שטענדיק מחיל אל חיל עד יראה אל אלקים בציון,

ולציון יאמר גו׳ והוא יכוננה עליון, ותיכף ומיד ממש.

--- * ---

הנחה פרטית בלתי מוגה

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א



ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!



נדפס ע"י

משפחת נמדר

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 23 כפר חב"ד טל. 03-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחות
ליל א׳ דחגה״ס
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

מפתח

ליל א' דחגה"ס

ליל א' דחגה"ס - בסוכה

בס"ד. שיחת ליל א' דחג הסוכות ה'תשמ"ט.
- אחרי תפלת ערבית -

הנחת התי' בלתי מוגה

א. פותחין בברכה[1] - מיט דער ברכה פון "גוט יום טוב". און וויבאלד אז עס שטייט אין ילקוט[2] אז "שלש שמחות כתיב בחג" - איז דעריבער מתאים צו אנהויבן מיט זאגן דריי מאל די ברכה פון "גוט יום טוב" (וואס איז אויך דער ענין פון שמחה).

[הקהל הכריזו "גוט יום טוב" ג' פעמים. אח"כ התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "ושמחת בחגיך"].

ב. שמחת בית השואבה הויבט זיך אן פון דער ערשטער נאכט סוכות.

וואס אזוי איז געווען אין דעם זמן פון בית ראשון, ווי פארשטאנדיק פון דעם וואס דער פסוק "ושאבתם מים בששון"[3] (וואס דערפון לערנט מען ארויס[4] דער ענין פון שאיבת המים פון שמחת בית השואבה, אז דאס דארף געטאן ווערן "בששון") איז געזאגט געווארן דורך ישעי' הנביא. און ער איז דאך געווען בזמן בית ראשון, וואס דעמאלט האט מען געפראוועט שמחת בית השואבה אלע זיבן נעכט פון חג הסוכות (אנהויבנדיק פון דער ערשטער נאכט) "בששון" און מיט כלי שיר.

אבער דערנאך, אין דעם זמן פון בית שני, האט מען אנגעהויבן די שמחה פון בית השואבה ערשט "במוצאי יום טוב הראשון של חג"[5], ווייל די חכמים האבן גוזר געווען אן איסור של שבות אויף "החליל של בית השואבה שאינו דוחה לא את השבת ולא את יום טוב"[6].

אבער איצטער איז געווארן א מנהג צו פראוועןן שמחת בית השואבה אויך אין דער ערשטער נאכט פון סוכות (ווי אויך ביום השבת), ווארום וויבאלד אז דאס וואס מען פראוועט היינט שמחת בית השואבה איז נאר א מנהג (ניט אזוי ווי עס איז געווען בזמן הבית), איז מען דערפאר מוותר אויף דעם "חליל" בכדי צו קענען פראוועןן שמחת בית השואבה אויך אין דער ערשטער נאכט פון

---

1) נסמן בלקו"ש חכ"ד ע' 641 הערה ד"ה פותחין בברכה. 2) שמעוני - אמור רמז תרנד (בתחלתו). 3) ישעי' יב, ג. 4) סוכה מח, ב. 5) שם נא, א במשנה. 6) שם נ, א.

סוכות[7].

און אעפ״כ איז די שמחה וואס מ׳פראוועט אין דעם נאכט פון יום טוב א שמחה גדולה ביותר - דורך שירה בפה, טיפוח בידים און ריקוד ברגליים [און כאטש מ׳געפינט א סוגיא שלימה[8] בנוגע צו טיפוח בידים ביום השבת - אעפ״כ זעט מען אז ס׳איז שוין געווארן א מנהג ישראל (וואס ״תורה היא״)[9] אז מ׳מעג עס טאן ביום השבת, ובפרט אין א שבת של שמחה, ועאכו״כ ביו״ט[10]].

ואדרבא - אין דער ערשטער נאכט איז פאראן מער שמחה, ביתר שאת וביתר עז, וויבאלד אז ס׳איז א נייע שמחה, משא״כ אין די אנדערע נעכט שלאח״ז, וואס דעמאלט דארף מען געפינען א חידוש אויף דער שמחה, בכדי אויפצוטאן א שמחה באמיתית ובהוספה (ווי פארשטאנדיק פון שמחת נישואין[11] ״שמח תשמח רעים האהובים״[12] - אז יעדער טאג דארף מען האבן א פנים חדשות צו אויפטאן א שמחה אמיתית).

ג. בנוגע צו דעם נאמען פון דער שמחה - ״בית השואבה״, זאגן חז״ל[13] ״למה נקרא שמה בית שואבה, שמשם שואבים רוח הקודש״, און מ׳ברענגט אויף דעם א ראי׳ פון יונה בן אמיתי, וואס ״נכנס לשמחת בית הושאבה ושרת עליו רוח הקודש״ [וואס דאס איז א סיפור וואס איז געשען בפועל, א ״מעשה רב״[14] (ניט פון חלק האגדה וכיו״ב), וואס דערפון דוקא לערנט מען אפ א הלכה לפועל[15]].

יעדער זאך אין דעם בית המקדש איז געווען בתכלית הדיוק, און ווי עס שטייט[16] ״הכל בכתב מיד ה׳ עלי השכיל״. דארף מען פארשטיין - פארוואס ווערט דאס אנגערופן ״בית השואבה״: סיי די שמחה פון ״שמחת בית השואבה״ - איז ניט געווען אין א ״בית״ מיוחד, דער שמחה איז דאך געווען אין דער עזרת נשים[5]; און סיי די שאיבת המים בפועל - איז געווען אין גאר אן אנדערן ארט, ניט אין בית המקדש. און נאכמער - מען האט געשעפט וואסער פון די מי השילוח[17] - מחוץ פון ירושלים! איז פארוואס ווערט דאס אנגערופן ״בית השואבה״?!

וי״ל, אז דערמיט איז מרומז, אז אע״פ וואס די שמחה איז נאר געווען אין די זיבן טעג פון סוכות, אעפ״כ ווערט די שמחה אין

7) וראה גם שיחת ליל א׳ דחגה״ס תשד״מ ס״ה - סה״ש תשד״מ (ח״א) ע׳190. 8) ביצה לו, ב. 9) תוד״ה נפסל - מנחות כ, ב. וראה שו״ע אדה״ז או״ח סו״ס קפ. סתצ״ד סט״ז. לקו״ש חכ״ב ע׳ 56 הערה 2. וש״נ. 10) וראה שו״ת מנחת אלעזר ח״א סק״ט. לקו״ש ח״א ע׳ 230. ועוד. 11) טושו״ע אה״ע סס״ב ס״ז. 12) ברכה חמישית דברכות נישואין. 13) ירושלמי סוכה פ״ה ה״א. 14) שבת כא, א. וש״נ. 15) ראה לקו״ש חי״ד ע׳ 50 ובהנסמן שם. 16) דה״א כח, יט. 17) ראה סוכה מח, א.

אן אופן פון קביעות אזוי ווי א ״בית״, ביז אז דער ארט פון דעם שמחה ווערט אנגערופן ״בית השואבה״. און דאס ווערט אויך דערנאך נמשך על כל ימי השנה, וואס דער נאמען ״בית השואבה״ בלייבט אויף א גאנץ יאר (אז בכל ימי השנה רופט מען אן די שמחה - ״שמחת בית השואבה״).

ביז אז ס׳ווערט נמשך אין דער גאנצער וועלט, אויך מחוץ לביהמ״ק, און מחוץ לירושלים ומחוץ לארץ ישראל (ווי ס׳איז מסתבר אז בזמן שבית המקדש הי׳ קיים פלעגט מען פראוועון שמחת בית השואבה אין יעדער פלאץ וואו אידן האבן געלעבט, אויך מחוץ לירושלים וארץ ישראל, במכ״ש פון דעם וואס מ׳פראוועט עס היינט), אז די שמחה, וואס איז אין אן אופן פון קביעות, ווערט נמשך אין דער גאנצער וועלט, ביז אז ס׳ווערט אנגערופן ״בית השואבה״.

*

ד. בנוגע צו שמחת בית השואבה - געפינט מען ענינים וואס זיינען בשוה יעדער יאר, און ענינים וואס זיינען שייך צו א געוויסע יאר במיוחד. און צווישן יארן גופא - געפינט מען ענינים וואס זיינען שייך לכל שבעת ימי הסוכות, און ענינים וואס זיינען שייך צו דעם טאג במיוחד, ובלשון הידוע[18] ״כל יומא ויומא עביד עבידתי׳״.

און דער מקור פון די אלע ענינים הכלליים והפרטיים - איז אין תורה, וכמאמר[19] ״קוב״ה אסתכל באורייתא וברא עלמא״, און דערפאר איז ״בר נש עסיק באורייתא ומקיים עלמא״. דעריבער, בכדי צו געפינען די ענינים מיוחדים הנ״ל, דארף מען זוכן אין תורה.

דער ענין הכללי וואס איז שייך צו די אלע ימי הסוכות שבכל שנה ושנה:

חג הסוכות איז פארבונדן מיט פארשידענע עבודות וואס מ׳פלעגט טאן אין דעם ביהמ״ק.

ווערט געבראכט אין לקו״ת (די חסידישע פרשה פון דער וואך)[20] אז ״עכשיו שאין לנו בית המקדש ולא מזבח (און כידוע אז התורה היא נצחית), צריך כל אחד למצוא דברי חפץ בנפשו ולהבין איך כל הבחינות עליונות של מעלה הם למטה בעבודת ה׳ שבלב כל אחד

18) זח״א רה, א. ח״ג צד, ריש ע״ב. 19) זח״א קלד, א. ח״ב קסא, ריש ע״ב.
20) דרושים לסוכות עח, ג.

ואחד״.

און ער איז ממשיך אין לקו״ת און איז מבאר[21]: ״הלב הוא רומז כנגד המזבח, וכשם שהיו ב׳ מזבחות פנימי וחיצון, כך יש בלב ב׳ בחי׳, חיצוניות הלב ופנימיות הלב״. און לויט דעם איז ער מבאר דער ענין הקרבנות וניסוך המים בעבודה.

ובפרטיות יותר (ע״פ המבואר אין דעם דרוש און אין דעם דרוש שלאח״ז): די צוויי ענינים ניסוך היין וניסוך המים (וואס מ׳האט מנסך געווען ע״ג המזבח בחג הסוכות) זיינען מרמז אויף אהבה כרשפי אש און אהבה כמים. ובספירות - מים איז חכמה און יין איז בינה[22], וואס זיי באווייזן אויף די צווי תנועות פון ביטול והתפשטות.

ובעבודה: עס שטייט[23] ״ושכנתי בתוכם״, וארז״ל[24] בתוך בני ישראל. ד.ה. אז א איד האט א כח צו פועל׳ן די ענינים פון ניסוך המים והיין בעבודה (די צוויי מיני אהבות) אין זיין ״משכן״ און ״מקדש״ רוחני אין זיין לב, אז זי זאל ווערן א משכן ומקדש לה׳.

ה. כל הנ״ל איז שייך צו חג הסוכות בכל שנה ושנה. דערצו, זיינען פאראן ענינים אין דעם יאר וואס טיילן אויס דער שמחת בית השואבה פון אנדערע יארן:

דער יאר איז א שנת העיבור. און ״אסתכל באורייתא״ (כנ״ל) - אין תורה ווערט דעם יאר אנגערופן ״שנה תמימה״[25].

אין דערצו איז אויך דא א דבר מיוחד אין דעם ערשטן טאג (נאכט) סוכות וואס טיילט אים אויס פון די אנדערע טעג סוכות (און וואס בייט זיך אויך משנה לשנה), און בכדי וויסן וואס דער ענין המיוחד איז, דארף לכל לראש זיין ״אסתכל באורייתא״ (כנ״ל) - אין דעם היינטיקן שיעור חומש, פון שני ביז שלישי אין פ׳ ברכה. וכידוע דעם פתגם פון דער אלטער רבי[26] אז מ׳דארף לעבן מיט דער צייט.

[ס׳איז פאראן אויך דער שיעור היומי בתהלים, וואס בייט זיך יעדער טאג פון סוכות. אבער דאס בייט זיך ניט משנה לשנה, ווארום יעדער יאר, אין דעם ערשטן טאג פון סוכות ט״ו תשרי (ועד״ז בימים שלאחרי זה) זאגט מען דעם זעלבן שיעור בתהלים -

---

21) שם, ריש ע״ד. 22) שם פ, א. 23) תרומה כה, ח. 24) ראה של״ה סט, א. 25) בהר כה, ל. ערכין לא, א במשנה. רמב״ם הל׳ שמיטה ויובל פ״ב ה״ה. 26) ״היום יום״ ב׳ חשון. סה״ש תש״ב ע׳ 29.

און וועגן דעם האט מען שוין גערעדט בשנים שלפנ״ז, און די ענינים זיינען שוין געדרוקט בדיוק, ואותיות מאירות וכו׳].

וואס דערפאר וועט מען איצטער רעדן, בעיקר, וועגן די חידושים המיוחדים שבשנה זו: א) א ״שנה תמימה״. און ב) דער היינטיקער שיעור חומש (כולל אויך - דער קשר פון דעם שיעור חומש מיט דעם ענין התמימות).

ו. היינטיקער שיעור חומש הויבט זיך אן ״וללוי אמר תומיך ואוריך גו׳״[27].

וואס דא זעט מען גלייך דער שייכות צו היינטיקער יאר (וואס ווערט אנגערופן ״שנה תמימה״), ווארום ״תומיך״ איז פון לשון ״תמימות״.

(און כאטש אז דער פירוש פון ״תומיך ואוריך״ איז אורים ותומים - זאגט דאך אבער די גמרא[28] ״למה נקרא שמן אורים ותומים (״תומיך ואוריך״) - אורים, שמאירים את דבריהן, ותומים, שמשלימין (ובעניננו - מתמים) את דבריהן״, אז זיי ווערן אנגערופן ״אורים ותומים״ ווייל זיי באווייזן אויף תמימות ושלימות).

ויש לקשר זה אויך צו חג הסוכות און שמחת בית השואבה:

״אוריך״, וואס איז מלשון אור, באווייזט אויף ספירת החכמה, און ״תומיך״ באווייזט אויף ספירת הבינה, וואס זי פועל׳ט א תמימות ושלימות אין נקודת החכמה, אז דורך דעם ווערט די נקודה פון חכמה בהרחבה והתפשטות. ולאידך גיסא - ספירת הבינה, ״תומיך״, איז דורכגענומען מיט נקודת החכמה, ״אוריך״.

וואס דאס איז דער קשר צו חג הסוכות, ווארום ווי גערעדט פריער איז חגה״ס פארבונדן סיי מיט ניסוך המים און סיי מיט ניסוך היין, וואס ״יין״ איז בינה, און ״מים״ איז חכמה.

און דאס איז ״וללוי אמר תומיך ואוריך גו׳״: דער ענין פון שבט לוי איז ״לעמוד לשרת לפני ה׳ לשרתו״[29] - דער עבודה בביהמ״ק, וואס דארט ווערט געטאן דער עבודה פון ניסוך המים והיין. און דארט פראוועט מען אויך שמחת בית השואבה.

און די עבודה פון שבט לוי איז שייך צו יעדער איינער, כפס״ד הרמב״ם[30], אז ״לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש כו׳ אשר נדבה

---

27) ברכה לג, ח. 28) יומא עג, ב. וראה גם פרש״י תצוה כח, ל. 29) עקב י, ח. 30) הל׳ שמיטה ויובל בסופן.

רוחו אותו כו׳ להבדל לעמוד לפני ה׳ לשרתו ולעובדו כו׳״, אז יעדער איינער קען אויפטאן די עבודות הנ״ל אין זיין אייגענעם ״משכן״ ו״מקדש״, כנ״ל.

ז. דערנאך איז דער שיעור ממשיך[27] ״תריבהו על מי מריבה״. וואס דא זעט מען גלייך דער קשר מיט ניסוך המים און שמחת בית השואבה, ווארום מ׳רעדט דא וועגן מים ״מי (מריבה)״.

נאר, וויבאלד אז מ׳שטייט שוין לאחרי העבודה פון ראש השנה ויום כיפור, און יעצט קומען ארויס אלע ענינים בהתגלות (כמ״ש[31] ״בכסה ליום חגינו״, אז די אלע ענינים וואס זיינען בהעלם בר״ה ויוהכ״פ קומען לידי גילוי בחג הסוכות[32]) - איז פארשטאנדיק אז ס׳איז א זיכערע זאך אז דער ענין פון ״(מי) מריבה״ איז שוין בטל און נתהפך געווארן, און די מים ווערן אין אן אופן פון טוב וקדושה, ביז - ״ושאבתם מים בששון״.

ח. ויש לקשר כל זה (דער ענין פון תמימות, חג הסוכות און דעם שיעור חומש) מיט די אושפיזין

- ווי מ׳האט שוין גערעדט אין די פריערדיקע יארן וועגן די אושפיזין אז זיי קומען יעדער טאג פון סוכות (זיי ווערן טאקע אנגערופן ״אושפיזין״ מלשון אורחים, אבער זיי קומען אין אן אופן וואס באווייזט און איז משפיע אויף די ״בעלי-בתים״),

סיי די אושפיזין פון זהר[33] - אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף און דוד. און סיי די חסידישע אושפיזין, ווי נשיא דורנו כ״ק מו״ח אדמו״ר האט מגלה געווען[34], אז יעדער טאג קומען אויך די ״חסידישע״ אושפיזין, און כידוע דער סיפור בזה, אז ער האט אנגעוויזן מיטן פינגער און געזאגט: אט דא זיצט דער בעש״ט, אט דא זיצט דער מגיד, אט דא זיצט דער אלטער רבי, אט דא זיצט דער מיטעלער רבי, אט דא זיצט דער צמח צדק, אט דא זיצט דער רבי מהר״ש, אט דא זיצט דער רבי (מהורש״ב) נ״ע.

דער קשר פון די היינטיקן אושפיזין - אברהם אבינו און דער בעש״ט - מיט דעם ענין פון תמימות:

בא אברהם אבינו שטייט[35] ״התהלך לפני והי׳ תמים״.

31) תהלים פא, ד. 32) ראה לקו״ת דרושים לר״ה נד, ד. ובכ״מ. 33) ח״ג קג, ב ואילך. ח״א רסא, א (בהשמטות). ח״ג רנה, ב ואילך (וראה שם שא, סע״ב ואילך. שב, סע״ב). פע״ח שער חגה״ס ספ״ג. סידור האריז״ל במקומו. וראה ס׳ הערכים-חב״ד (כרך ד׳) ערך אושפיזין דסוכות. וש״נ. 34) שיחת ליל א׳ דחגה״ס תרצ״ז ותש״ג (הובאה בלקו״ש חי״ד ע׳ 412 בהערה. וראה שם ע׳ 441). אגרות קודש שלו ח״ט ס״ע תמב ואילך. 35) לך לך יז, א.

און בנוגע צו דער בעש״ט - זעט מען אז די התחלה פון זיין ספר ״צוואת הריב״ש״ (וואס ״הגם שבאמת אינו צוואתו כו׳ אך המכוון הוא אמת לאמיתו״[36]) שטייט ״להיות תמים בעבודתו יתברך״.

דער קשר פון די אושפיזין מיטן שיעור חומש און חג הסוכות:

מ׳האט גערעדט פריער וועגן דעם ענין פון מים (וואס איז פארבונדן מיט חג הסוכות) וואס שטייט אויך אין היינטיקן שיעור - ״מי מריבה״.

געפינט מען אויך בנוגע צו די אושפיזין, אז די נקודה המשותפת צווישן ביידע פון זיי איז ענין המים. ובהקדם - אז די טבע און תכונה פון מים איז, אז זיי זיינען יורד ממקום גבוה למקום נמוך[37]. ועד״ז געפינט מען אויך בנוגע צו די אושפיזין:

בנוגע צו אברהם אבינו - שטייט דאך[38] ״זכור אב נמשך אחריך כמים״. ובפשטות - אברהם אבינו האט זיך פארנומען מיט הכנסת אורחים צו יעדער איינער און איינע, ״האנשים והנשים והטף״[39], און אזוי אויך מיט ״גרך אשר בשעריך״[39], און נאכמער - אפילו מיט די וואס זיינען געווען פאר ״גיור״ - כידוע אז אברהם האט אויך מכניס געווען ערביים, אראבער. וואס דאס איז ע״ד די טבע ותכונה פון מים, וואס מים איז יורד ממקום גבוה למקום נמוך.

און בנוגע צו דער בעש״ט - איז ידוע[40] אז ער האט זיך פארנומען מיט ארומגיין צו פארשידענע שטעט און שטעטלעך וואו אידן האבן געלעבט, בכדי זיי ארויסהעלפן, פריער - בענינים גשמיים, און דערנאך (גלייך אדער לאחר זמן) - בענינים רוחניים. און דאס איז געווען צו אלע אידן, ״האנשים והנשים והטף״ (אפילו הנמוך ביותר), ביז אפילו אויך צו אומות העולם, וכמסופר אין ״שבחי הבעש״ט״ (ויש אומרים אז א חלק פון די סיפורים דארט זיינען געשריבן געווארן דורכן אלטן רבי׳ן) - וואס דאס איז ע״ד הנהגתו פון אברהם אבינו בנוגע צו גרים. [ס׳איז נאר, אז בא דעם בעש״ט איז דאס ניט ארויסגעקומען אין גיור בפועל, ווייל בפועל היינט, אין דעם איצטיקן צושטאנד (לאחרי חתימת המשנה וכו׳) איז

---

36) אגה״ק סכ״ה. 37) ראה תענית ז, א. 38) בנוסח תפלת מוסף לשמע״צ. 39) ל׳ הכתוב - וילך לא, יב. 40) ראה ״התמים״ ח״ב ע׳ מד. לקו״ש ח״א ע׳ 261. ובכ״מ.

מען נזהר פון מקבל זיין גרים מפני כמה טעמים, ובפשטות הטעם - כמארז״ל[41] ״קשים גרים לישראל כו׳״]. וואס דא זעט מען אויך דער קשר לענין המים.

ט. ויש להוסיף בכל זה, לויט דעם וואס דער שיעור חומש איז דערנאך ממשיך[42], אז דער ענין פון שבט לוי איז ״יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל״. וואס דאס איז דער ענין פון די אושפיזין, וואס זיי זיינען גדולי, שרי ונשיאי התורה.

ובמיוחד - די חסידישע אושפיזין, די נשיאים פון פנימיות התורה, ובפרט ווי ס׳איז נתגלה געווארן אין חסידות חב״ד, וואס ברענגט פנימיות התורה אין הבנה והשגה, ״יתפרנסון״[43] מיני׳, ביז אז ס׳ווערט דם ובשר כבשרו, בדוגמא צו אכילה ושתי׳ כפשוטה.

און דאס איז אויך ״וללוי אמר גו׳ לאיש חסידך״: לוי איז מלשון התקשרות, ״ילוה אישי אלי״[44]. וואס דאס מיינט אז אלץ דארף זיין דורכגענומען מיט דער התקשרות פון די וואס זיינען ״איש חסידך״ - די חסידים, צו דעם צדיק ונשיא הדור, ללכת בדרכיו אשר הורנו - ניט נאר אין די ענינים פון תומ״צ, די ג׳ קוין פון תורה, תפלה וצדקה, נאר אויך אין די עניני הרשות, אין זיין אכילה ושתי׳, און אין ״כל מעשיך״[45], ו״בכל דרכיך״[46], אז זיי זיינען ״לשם שמים״[45], און ״דעהו״[46], אז ס׳איז ניכר אין אלע זיינע ענינים (אויך עניני רשות) אז זיין הנהגה איז פון א חסיד פון דעם נשיא הדור, און ער איז מקיים זיינע הוראות און זיין רצון בכל הענינים והפרטים, באופן של התקשרות אמיתית ופנימית, אז דאס נעמט דורך און ווערט זיין רצון פנימי, וואס איז מגלה א שמחה פנימית אין אן אופן פנימי.

כולל ובמיוחד, די הוראה שהזמן גרמא - צו פראוועו שמחת בית השואבה, און מיט א שמחה פנימית וויבאלד דאס קומט פון זיין רצון פנימי כנ״ל.

י. ובפרט ווי מ׳זעט בא די היינטיקע אושפיזין, אז זייערע ענינים ווערן נמשך לכאו״א מישראל:

אברהם ווערט אנגערופן ״אברהם אבינו״, ״אבינו״ פון יעדער איד, וכמודגש במארז״ל[47] ״אין קורין אבות אלא לשלשה״, וואס דאס

---

41) יבמות מז, ב. וראה רמב״ם הל׳ איסורי ביאה ספי״ג. 42) לג, י. 43) תקו״ז ת״ו בסופו. וראה לקו״ש חכ״ד ע׳ 136 הערה 35. וש״נ. 44) ויצא כט, לד. 45) אבות פ״ב מי״ב. 46) משלי ג, ו. 47) ברכות טז, ב.

הויבט זיך אן, לכל לראש, פון דער ערשטער פון די אבות, אברהם אבינו, וואס דערפאר זיינען די ענינים שלו שייך צו יעדער איד, ״האנשים והנשים והטף״[39], ביז אויך צו ״גרך אשר בשעריך״[39] - כידוע וואס דער רמב״ם שרייבט אין איינע פון זיינע תשובות[48], אז די גרים ווערן נתייחס ביז צו אברהם אבינו, ווארום ״אברהם מגייר את האנשים ושרה מגיירת את הנשים״[49].

און בנוגע צו דער בעש״ט - זעט מען אז ער האט זיך פארנומען מיט אלע סוגים פון אידן, און אויך ניט-אידן, כנ״ל.

יא. די הוראה מכל האמור לעיל במעשה בפועל, ווארום המעשה הוא העיקר[50], און ״והחי יתן אל לבו״[51]:

מ׳דארף גיין און פראוועך שמחת בית השואבה בפועל ממש, דורך שירה בפה (וואס איז אויך אן ענין של מעשה - ״עקימת שפתיו הוי מעשה״[52]), ביז אויך צו טאנצן מיט די פיס (וואס דאס איז מעשה בפועל). און טאן דאס אין אן אופן פון ״כל עצמותי תאמרנה״[53].

און פראוועך די שמחת בית השואבה אין גאס, ביז אז די גאס אליין, און די אלע וואס געפינען זיך דארט, וועלן מיט-טאנצן,

ועאכו״כ אז מ׳פועל׳ט אויף די אידן וואס לעבן אין דעם גאס, אדער אפילו די וואס גיין נאר פארביי אין גאס בדרך עראי - אז זיי זאלן אויך זיין בשמחה און אויך מיט-טאנצן, וואס דאס טוט מען אויף דורך דעם דיבור אין עניני התורה **הנצחית**, ובפרט אין די ענינים פון ״ואהבת לרעך כמוך״[54], וואס זי איז א ״כלל גדול בתורה״[55], און ״ואידך פירושה הוא״[56],

וואס דורך דעם טוט מען אויף אז די שמחה ווערט אין אן אופן פון ״**בית** השואבה״, אין אן אופן פון קביעות (כנ״ל ס״ג) - אז אע״פ וואס זיי גיין נאר פארביי אין דעם גאס (ניט אין אן אופן של קביעות), ווערט די שמחה בא זיי אין אן אופן של קביעות. ביז אז זיי ווערן ״נרות להאיר״[57], אז זיי זיינען משפיע אויך אויף אנדערע אידן, אז זיי זאלן אויך פרייען זיך אין שמחת בית השואבה, ניט נאר אז זיי זאלן הערן ווי א צווייטער זינגט וכו׳, נאר זיי זינגען אויך.

יב. און דאס אלץ אין אן אופן פון תמימות ושלימות בהתאם צו

---

48) ראה רמב״ם הוצאת שולזינגער (נ.י. תשמ״ח) הוספות לח״א סי״ט. תשובות הרמב״ם (ירושלים תש״כ) כרך ב סרצ״ג. וראה גם רמב״ם הל׳ ביכורים פ״ד ה״ג. 49) פרש״י לך לך יב, ה. 50) אבות פ״א מי״ז. 51) קהלת ז, ב. 52) סנהדרין סה, א. 53) תהלים לה, י. 54) קדושים יט, יח. 55) תו״כ ופרש״י עה״פ. 56) שבת לא, א. 57) ראה לקו״ש ח״ב ע׳ 484 ואילך. ובכ״מ.

דעם חידוש שבחג הסוכות פון דעם יאר וועלכע איז א ״שנה תמימה״, און אויך שנת ״תשמט ידיך״[58], און דעם ר״ת פון דעם יאר איז - תהא שנת משיח טובה, וואס דאס מיינט אז צווישן די אלע סוגים פון ״שנים״ וואס קענען זיין בא משיח - איז דאס א ״שנת משיח טובה״[59].

וואס כל זה איז אין צוגאב צו דעם וואס שנה זו איז אויך א המשך פון שנה שלפנ״ז - שנת הקהל האנשים והנשים והטף, און שנת תישמח ותשמח. און וויבאלד אז שנה זו איז א המשך פון שנה שלפנ״ז, דארף זיכער זיין ״מעלין בקודש״[60].

און וויבאלד אז ס׳איז שוין דורכגעגאנגען א ריבוי שנים פון דעם וואס מ׳פראוועט די שמחה פון שמחת בית השואבה, און בהתאם להכלל ״מעלין בקודש״, אז מ׳איז מוסיף משנה לשנה - איז פארשטאנדיק, וואו מיר האלטן שוין (אדער עכ״פ וואו מ׳האט געדארפט האלטן). און אפילו אויב ס׳איז געוועען עפעס א חסרון אין צווישן, האט מען דעם כלל אז ״אין לך דבר העומד בפני התשובה״[61].

יג. ויה״ר, אז די הוספה אין דעם שמחת בית השואבה בשמחה הכי גדולה, און מיט א שטורעם שלמעלה מכל מדידה והגבלה - זאל נאכמער ממהר און מזרז זיין די גאולה האמיתית והשלימה,

ווארום אויב שמחה בכלל איז ״פורץ גדר״[62], איז עאכו״כ אז די שמחה פון שמחת בית השואבה, וואס אויף די שמחה זאגן חז״ל[5] אז ״מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו״ - וועט דאס זיכער פורץ זיין די אלע גדרים, ולכל לראש - דעם גדר פון דעם גלות, אין אן אופן אז ס׳וועט ניט בלייבן קיין שום רושם פון דעם גלות, און דער איינציקער רושם וואס בלייבט - איז דער טוב ושמחה גדולה וואס קומט ארויס פון גלות - ״שמחנו כימות עינתנו״[63].

ולהוסיף, אז סוכות בכלל איז פארבונדן מיט דער גאולה העתידה, ווי עס שטייט אין גמרא[64] אז לעתיד לבוא וועט דער אויבערשטער אויספרואוון די גוים מיט דער מצוה פון סוכה, ״מצוה קלה יש לי וסוכה שמה, לכו ועשו אותה״. און ווי מ׳געפינט אויך אין דער הפטרה פון יום ראשון דסוכות וועגן לעתיד לבוא[65]: ״והי׳ כל

---

58) ל׳ הכתוב - ראה טו, ג. וראה מכתב ו׳ תשרי שנה זו הערה ד״ה תשמ״ט. 59) ראה בארוכה ״משיחות״ ח׳, ט׳ וי״א תשרי שנה זו בתחלתה. 60) ברכות כח, א. וש״נ. 61) רמב״ם הל׳ תשובה ספ״ג. 62) ראה המשך שמח תשמח (סה״מ. תרנ״ז ע׳ רכג ואילך). 63) תהלים צ, טו. 64) ע״ז ג, א. 65) זכרי׳ יד, טז.

הנותר מכל הבאים על ירושלים ועלו מידי שנה בשנה להשתחוות למלך ה׳ צבאות ולחוג את חג הסוכות״.

אבער דער עיקר פון די אלע ענינים איז - אז ס׳זאל אזוי זיין בפועל ממש, גלייך, נאך פאר דעם וואס מ׳זאגט די הפטורה (ווארום דאס קומט ערשט מארגן, ולאחרי א חלק חשוב בתפלה - תפלת העמידה, קריאת שמע וכו׳), נאר דאס זאל שוין זיין איצטער, אין דעם צייט וואס מ׳הויבט אן פראוועון שמחת בית השואבה - גלייך נאך תפלת ערבית, אזוי ווי די גמרא זאגט[66] ״כשהיינו שמחים בשמחת בית השואבה לא ראינו שינה בעינינו כו׳ לא טעמנו טעם שינה דהוו מנמנין אכתפא דהדדי״ - אז דער זמן פון שמחת בית השואבה איז באנאכט.

דערפאר זאל מען ארייינכאפן, און גלייך אנהויבן פראוועון שמחת בית השואבה, גלייך נאכן דאווענען, און עס מאכט ניט אויס אויב ס׳וועט זיין פאר קידוש וסעודת יו״ט. דערנאך וועט מען מפסיק זיין פאר א משך זמן - בכדי צו מאכן קידוש אויף יין - ״המשמח אלקים ואנשים״[67], און צו עסן סעודת יו״ט - אויך מתוך שמחה,

און דערנאך, גלייך - ממשיך זיין מיט דער שמחה פון שמחת בית השואבה אין אן אופן פון ״לא טעמנו טעם שינה״.

והמעשה הוא העיקר - עס זאל ניט בלייבן נאר מיט דיבורים, אדער אין א געדרוקטער ספר, נאר מ׳זאל מאכן אז ס׳זאל זיין ״א לעבעדיקער ספר״ (בדוגמא צו דעם פתגם בנוגע צו שמחת תורה[68], אז א איד ווערט די ״פיס״ פון דעם ספר תורה) - דורך דעם וואס מ׳טאנצט בשמחה גדולה, ביז אז מ׳קומט צו דער גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו.

און מ׳וועט ממשיך זיין פראוועון די שמחה פון שמחת בית השואבה בארצנו הקדושה, אין ירושלים עיר הקודש (וואס מ׳געפינט אין נ״ך (אין דער היינטיקער הפטרה, כנ״ל) א הדגשה בשייכות פון ירושלים און סוכות), ובבית המקדש השלישי (כולל דער חלק בביהמ״ק דער ״בית השואבה״ אין עזרת נשים כנ״ל) ביז אין קודש הקדשים (ווי דער פס״ד הרמב״ם הנ״ל[30] ״לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש כו׳ ה״ז נתקדש קדש הקדשים״),

תיכף ומיד ממש.

―――― * ――――

66) סוכה נג, א. 67) שופטים ט, יג. 68) ראה סה״ש תש״ד ע׳ 36.

בס״ד. שיחת ליל א׳ דחג הסוכות ה׳תשמ״ט
- להאורחים שיחיו, בעת ביקורו בסוכה -

הנחת התי בלתי מוגה

א. פותחין בברכה[1], און ווי גערעדט פריער[2], לויט דעם וואס עס שטייט אין ילקוט[3] אז ״שלש שמחות כתיב בחג״ - אז די פתיחה בברכה דארף זיין דריי מאל: ״גוט יום טוב, גוט יום טוב, גוט יום טוב״.

און וויבאלד אז חז״ל זאגן[4] אז ״בתלת זמני הוי חזקה״, איז די ברכה פועל א תוקף און חזקה (שטארקייט) אין דער שמחה, וואס גיט כח אז מ׳זאל קענען ממשיך זיין די שמחה במשך כל ימי חג הסוכות,

ביז די שמחה פון שמיני עצרת און שמחת תורה, וואס דעמאלט איז די שמחה ביתר שאת ויתר עז, למעלה מכל מדידה והגבלה.

און דערנאך ווערט די שמחה נמשך במשך כל השנה כולה. ובפרט בשנה זו, וועלכע איז א שנת העיבור, וואס ווערט אנגערופן[5] ״שנה תמימה״, ווארום אין דעם יאר ווערט אויסגעגליכן מהלך הלבנה מיט מהלך השמש, ביז - אז ס׳קומט צו אין א ״שנה תמימה״ זיינען פאראן מער טעג ווי אין א שנת החמה.

ויש לומר אז דאס איז ע״ד ומעין לעתיד לבוא, וואס דעמולט וועט זיין ״נקבה תסובב גובר״[6].

וואס דאס איז אויך מרמז אויף די מעלה פון אידן (וואס זיינען ״דומין ללבנה״[7]) לעתיד לבוא, וואס דעמאלט וועלן זיי זיין אין א מעמד ומצב נעלה ביותר, נאך העכער ווי בזמן בית שני, אדער בית ראשון, און אפילו העכער פון זמן משה רבינו, כולל אויך דעם זמן פון מתן תורה - ווי פארשטאנדיק פון דעם וואס שטייט אין תניא - בנוגע צו דער שלימות לע״ל[8] - אז ״כבר הי׳ לעולמים מעין זה בשעת מתן תורה״, ד.ה. אז דער מעמד ומצב בא מ״ת איז געווען נאר ״מעין״ פון דעם מעמד ומצב און שלימות פון לע״ל. נוסף לזה וואס לע״ל וועט אלץ זיין אין אן אופן נצחי, און בזה גופא -

1) נסמן בלקו״ש חכ״ד ע׳ 641 הערה ד״ה פותחין בברכה. 2) בהשיחה בביהכנ״ס בתחלתה. 3) שמעוני - אמור רמז תשנד (בתחלתו). 4) ב״מ קו, ריש ע״ב. 5) בהר כה, ל. ערכין לא, א במשנה. ועוד. 6) ירמי׳ לא, כא. 7) סוכה כט, א. ב״ר פפ״ו, ג. זח״א רלו, ב. וראה סה״מ תקס״ז ע׳ מח ואילך. אוה״ת בראשית ד, סע״ב ואילך. 8) פל״ו.

אין אן אופן פון מוסיף והולך.

ב. בכל זה גופא - קומט צו נאכמער בשעת מ׳געפינט זיך צוזאמען מיט אורחים:

סוכות בכלל איז פארבונדן מיט אורחים, ווארום איינער פון די עיקר׳דיקע ענינים פון סוכות איז די ״אושפיזין״ (וואס זיי זיינען אורחים), סיי די אושפיזין פון זהר[9] - אברהם אבינו, יצחק אבינו, יעקב אבינו, משה רבינו, אהרן כהן גדול, יוסף הצדיק, און דוד מלכא משיחא, און סיי די חסידישע אושפיזין[10] - דער בעל שם טוב, דער מגיד, דער אלטער רבי, דער מיטעלער רבי, דער צמח צדק, דער רבי מהר״ש, און דער רבי (מהורש״ב) נ״ע, און דער ״מאסף לכל המחנות״[11] - נשיא דורנו, כ״ק מו״ח אדמו״ר, וואס ער איז דער אושפיז פון שמיני עצרת (ווען אלע ענינים פון סוכות ווערן נקלט אין א פנימיות[12]), וואס איז כנגד יוסף[13] (זיין ערשטער נאמען).

וכמדובר כמה פעמים, אז די אושפיזין שבזהר און די חסידישע אושפיזין זיינען איין זאך, און זיי שטייען אלע צוזאמען אין דער זעלבער סוכה (ולהעיר פון דער וואס מ׳געפינט אין הלכה בנוגע צו ברכת המזון נאך א סעודה - כולל אויך די סעודה אינעם סוכה - אז אחד מברך לכולם[14]).

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ווען מ׳געפינט זיך אין סוכה צוזאמען מיט אורחים, און אין דער פלאץ וואו זיי עסן סעודת יו״ט וכו׳ - זיינען די ענינים פון אושפיזין מודגש ביותר. און די אושפיזין זיינען אזעלכע ״אורחים״ וואס לערנען און באווייזן די וועג צו די ״בעלי-בתים״.

ג. און דער גילוי פון די אושפיזין איז שייך לכל אחד ואחת מישראל, ״האנשים והנשים והטף״[15].

ועי״ד ווי הכנסת אורחים בפשטות - איז שייך צו יעדער איינער און איינע בשוה, אנשים נשים וטף, און אזוי אויך די **הכנות** צו דער סעודה, וואס איז שייך צו אלעמען בשוה - אזוי איז אויך בנוגע צו די אושפיזין, אז דער גילוי פון זיי איז שייך צו יעדער איינער בשוה - ניט נאר אין דער סוכה בשעת הסעודה, נאר אפילו אין די **הכנות** צו דער סעודה!

---

9) ראה הנסמן בהשיחה בביהכנ״ס הערה 38. 10) ראה הנסמן שם הערה 34. 11) ל׳ הכתוב - בהעלותך י, כה. 12) ראה פע״ח שער הלולב פ״ח. לקו״ת שמע״צ פח, ג. צא, א. אוה״ת שמע״צ ע׳ א׳תשעז. ועוד. 13) ראה זח״א רח, ריש ע״ב. ועוד. 14) ראה טושו״ע או״ח ר״ס קצב. ועוד. 15) ל׳ הכתוב - וילך לא, יב.

און אע"פ אז נאר די נשמות קומען (איז ווי זאגט מען אז דער גילוי קומט צו יעדער איינער) - אעפ"כ, וויבאלד אז מ'רעדט וועגן נשמות פון צדיקים, קומט דאס ארויס בגילוי און דאס איז פועל אויף יעדער איינער וואס וויל!

ד. ויה"ר, אז מ'זאל שוין זוכה זיין צו זען די אושפיזין ווי זיי זיינען נשמות בגופים, ווען ס'וועט מקויים ווערן דער יעוד "הקיצו ורננו שוכני עפר"[16], און די אלע אושפיזין - אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף ודוד, ועאכו"כ די חסיד'ישע אושפיזין (אדער פארקערט - די חסיד'ישע ועאכו"כ די זהר'דיקער אושפיזין) - דער בעש"ט, דער מגיד, דער אלטער רבי, דער מיטעלער רבי, דער צ"צ, דער רבי מהר"ש, דער רבי (מהורש"ב) נ"ע, און נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר בראשם, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ולא עיכבן אפילו כהרף עין[17].

אז נאך אין דעם ערשטן טאג פון סוכות זאל שוין קומען די גאולה תיכף ומיד, און ווי דערמאנט פריער[18] אז סוכות איז פארבונדן מיט דער גאולה, ווארום אין דער הפטורה פון דעם ערשטן טאג סוכות רעדט זיך וועגן די גאולה.

און דער אויבערשטער זאל העלפן אז די גאולה זאל קומען נאך פאר אמירת ההפטרה, און במילא וועט מען גלייך זען ווי "הקיצו ורננו שוכני עפר", ווארום צדיקים ("ועמך כולם צדיקים"[19]) זיינען קמים לתחי' מיד ווי עס שטייט אין זהר[20].

און תיכף ומיד ממש איז מען ממשיך די שמחה פון שמחת בית השואבה (וואס איז אין אן אופן של תוקף וחוזק ווי דערמאנט פריער) אין ארץ הקודש, בירושלים עיר הקודש ובבית המקדש, מיט א שמחה וואס איז למעלה ממדידה והגבלה.

*

---

16) ישעי' כו, יט. 17) ע"פ מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 18) בהשיחה בביהכנ"ס סי"ג. 19) ישעי' ס, כא. 20) ח"א קמ, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

הכתובת להשיג ח"תנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ליל ב׳ דחגה״ס
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ

מפתח

בס״ד. שיחת ליל ב׳ דחג הסוכות ה׳תשמ״ט
- אחרי תפלת ערבית -

הנחת התי בלתי מוגה

א. פותחין בברכה[1]. און ווי געועדט נעכטן, אז וויבאלד חג הסוכות ווערט אנגערופן ״זמן שמחתינו״[2], און נאכמער - ווי עס שטייט אין ילקוט[3], אז ״שלש שמחות כתיב בחג״, איז פארשטאנדיק, אז מ׳דארף אנהויבן מיט א ברכה של שמחה דריי מאל - ״גוט יום טוב, גוט יום טוב, גוט יום טוב״.

און דערנאך זאל די שמחה פון דעם יום טוב נמשך ווערן אויף דעם גאנצן יאר, ובפרט לויט דעם וואס כ״ק מו״ח אדמו״ר איז מבאר[4] אז די אלע ימים טובים פון חודש תשרי זיינען ״מועדים כלליים״, ווארום פון זיי ווערט נמשך על כל השנה כולה. וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז די שמחה פון (דער יו״ט פון) ״זמן שמחתינו״ איז מען ממשיך על כל השנה כולה.

ובפרט דורכדעם וואס מ׳האט מכריז געווען די ברכה של שמחה דריי מאל, וואס ״בתלת זמני הוי חזקה״[5], וואס דאן ווערט די שמחה נמשך מיט מער תוקף וחוזק (חזקה).

ב. בנוגע צו שמחת בית השואבה - האט מען שוין גערעדט נעכטן[6], אז עס זיינען פאראן ענינים וואס זיינען בשוה יעדער יאר, און ענינים וואס זיינען שייך צו א געוויסן יאר במיוחד, און צווישן יארן גופא - זיינען פאראן ענינים וואס זיינען שייך לכל שבעת ימי הסוכות, און ענינים וואס זיינען שייך צו דעם טאג במיוחד - ובנדו״ד דעם צווייטן טאג פון סוכות. ובהדגשה יתירה בחג הסוכות, אז יעדער טאג האט אן ענין מיוחד וואס איז שייך צו דעם טאג - ווייל אזוי געפינט מען אויך בא די קרבנות, אז יעדער טאג פון סוכות איז ״חלוקין בקרבנותיהם״[7].

בנוגע צו די ענינים וואס זיינען בשוה אין יעדער יאר - האט מען שוין גערעדט בארוכה אין די פריערדיקע יארן, און די זאכן זיינען שוין אפגעדרוקט וכו׳, און דערפאר האט עס ניט קיין תועלת אויף זיי איבער׳חזר׳ן, ווארום ממה נפשך: אויב מ׳געדענקט וואס

---

1) נסמן בלקו״ש חכ״ד ע׳ 641 הערה ד״ה פותחין בברכה. 2) בנוסח התפלה וקידוש דיו״ט. 3) שמעוני — אמור ע׳ רמז (בתחלתו). 4) ראה סה״מ תש״ב ע׳ 219. וראה גם סה״מ תקס״ו ע׳ שעט. אור התורה סוכות ע׳ א׳תשנו. ברכה ס״ע א׳תתסו ואילך. סה״מ תרנ״ד ע׳ לו. תרנ״ד ע׳ רעח. 5) ב״מ קו ריש, ע״ב. וש״נ. 6) שיחת ליל א׳ דחה״ס ס״ד. 7) ערכין י, ריש ע״ב. שו״ע אדה״ז או״ח סתרמ״ד.

מ׳האט גערעדט - דארף מען דאס ניט איבער׳חזר׳ן, און אויב מ׳געדענקט ניט - איז וואס וועט העלפן אויב מ׳וועט עס יעצט איבער׳חזר׳ן?!...

וואס דערפאר וועט מען רעדן וועגן די נייע זאכן וואס קומען צו - אין דעם יאר, און אין דעם טאג.

וכפרט, אז ע״פ טבע בני אדם - איז ווען מ׳גייט רעדן וועגן א דבר חדש, איז דאס נייגעריקער, ווארום מ׳וויל שוין וויסן וואס וועט זיין דער ״נייע זאך״ וועגן וועלכע מ׳גייט רעדן - אדער ווייל ס׳איז א ״דבר חדש״, אדער - ווי די ״איפכא מסתברא׳ניקעס״ טראכטן - אז זיי ווילן הערן דעם נייע זאך בכדי צו אריינוואַרפן אַ ״פינטל זאלץ״, א ״קורטוב של מלח״; זיי ווילן זען אויב מ׳קען דאס אפפרעגן...

ג. בנוגע צו דער חידוש המיוחד פון דעם יאר - איז דא אן ארט צו זאגן, אז ס׳איז פאראן דער חידוש וואס ווערט נמשך פון דעם לעצטן יאר - שנת הקהל, און שנת תישמח ותשמח. און אע״פ אז דאס איז געווען לעצטער יאר - האט מען דאך אבער שוין גערעדט[8], אז די ענינים פון שנה שעברה ענדיקן זיך ערשט נאך סוכות. און אזוי געפינט מען אויך אין תורה בנוגע צו ״הקהל״, אז כאטש אז מען רעדט וועגן א נייעם יאר - שנת הקהל, אעפ״כ זאגט תורה, אז דער ענין פון הקהל איז ״במועד שנת השמיטה בחג הסוכות״[9], מען רופט דאס אן ״שנת השמיטה״, אע״פ וואס מ׳רעדט וועגן שנת הקהל. דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דעם יאר, אז דער חידוש פון לעצטן יאר ווערט נמשך ביז נאך חג הסוכות פון דעם יאר.

לאידך גיסא אבער - דער חידוש פון לעצטן יאר איז ניט ממש א דבר חדש וואס קומט צו מצד דעם יאר. וואס דערפאר, מצד דער ספעציעלקייט פון א דבר חדש ממש, דארף מען פריער רעדן וועגן דעם דבר חדש ממש וואס קומט צו ערשט אין דעם יאר.

[ולהעיר, אז אזוי געפינט מען אויך אין כמה הלכות, ולדוגמא - אין הלכות ברכות הנהנין[10], אז אע״פ וואס מ׳האט א חזקה אויף עסן א געוויסער מאכל, אעפ״כ, ווען עס קומט צו א מאכל חדש, קען מען פריער מאכן א ברכה אויף דעם דבר חדש].

ד. דער חידוש פון דעם יאר איז, ווי מ׳האט שוין גערעדט כמה

8) שיחת ש״פ האזינו. 9) וילך לא, י. 10) ראה סדר ברכת הנהנין לאדה״ז פ״י סט״ו.

פעמים, אז דער יאר איז א שנה מעוברת, וואס ווערט אנגערופן אין תורה "שנה תמימה"[11].

וואס דאס איז א חידוש פון דעם גאנצן יאר, דאע"פ אז דער חודש העיבור וואס קומט צו אין דעם יאר איז ערשט חודש אדר - אעפ"כ ווערט דער גאנצער יאר אנגערופן "שנה תמימה". וואס דאס איז אפילו בזמן הבית (אדער אפילו נאך דעם חורבן וכו'), ווען מ'פלעגט מקדש זיין ע"פ הראי' - וואס דעמאלט האט דאך געקענט זיין א שינוי אין מיטן יאר וכו' - איז בדרך כלל, האט מען שוין געקענט וויסן דעם חשבון פאראויס, אין אנהויבס יאר. עאכו"כ איצטער, ווען קביעות החדשים איז נאר ע"פ החשבון, ווייסט מען בודאי בתחלת השנה אז דער יאר איז א שנה מעוברת.

דאס איז דער חידוש וואס קומט צו מצד דעם יאר. דערצו קומט אויך צו א חידוש מצד דעם טאג (כנ"ל), וואס דאס איז די אושפיזין וואס קומען אין דעם טאג.

והגם אז אין אלע זיבן טעג פון סוכות קומען אלע זיבן (פערצן) אושפיזין - סיי די אושפיזין פון זהר[12] - אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף ודוד (וי"א[13] אויך שלמה המלך, וואס איז שייך במיוחד צו היינטיקן טאג, כמודגש אין דער הפטרה: "ויקהלו אל המלך שלמה"[14]), און סיי די חסידישע אושפיזין[15] - דער בעל שם טוב, דער מגיד, דער אלטער רבי, דער מיטעלער רבי, דער צמח צדק, דער רבי מהר"ש, און דער רבי (מהורש"ב) נ"ע -

דאך, איז אבער אין יעדער טאג פאראן דער עיקר'דיקער אושפיז וואס קומט בראש, און "ועמי", נאך און מיט אים - קומען די אנדערע אושפיזין.

ובפרטיות יותר: די זיבן (פערצן) אושפיזין, די "שבעת המאורות" זיינען איין ענין כללי, ביז אז זיי ווערן איין זאך; צוזאמען דערמיט איז אבער יעדער איינער א "מאור" פאר זיך

11) כהר כה, ל. ערכין לא, א. במשנה. רמב"ם הל' שמיטה ויובל פי"ב ה"ה.
12) ח"ג קג, ב ואילך. רסא, א (בהשמטות). ח"ג רנה, ב ואילך (וראה שם שג, סע"ב ואילך. שב, סע"ב). פע"ח שער חגה"ס ספ"ג. סידור האריז"ל במקומו. וראה ספר הערכים-חב"ד (כרך ד') ערך אושפיזין דסוכות וש"נ. 13) זח"ג רנה, ב ואילך. 14) מלכים-א' ח, ב ואילך. 15) שיחת ליל א' דחגה"ס תרצ"ז, ותש"ג (הובאה בלקו"ש חי"ד ע' 412 בהערה. וראה שם ע' 441). אגרות קודש שלו ח"ט ס"ע תמב ואילך. וראה גם ס' הערכים-חב"ד הנסמן בהערה 12.

אליין. און דאס איז נאכמער אונטערשטראכן ביי די חסידישע אושפיזין, וואס זייער ענין הכללי איז צו מגלה זיין די מעיינות פון פנימיות התורה ביז אין חוצה; צוזאמען דערמיט, האט אבער יעדער נשיא באזונדער זיין אייגענער חידוש וענין. ועד״ז אויך בנוגע צו די חסידים פון די אושפיזין - אז ס׳איז פאראן ווי זיי זיינען בכללות איין זאך און איין מציאות מיט איין המשך - ״קהל חסידים״[16], און דערנאך זיינען פאראן די חסידים פון יעדער דור בפ״ע, וועלכער האבן ענינים פרטיים - בהתאם צו דעם ענין הפרטי והמיוחד פון דעם נשיא פון זייער דור.

די היינטיקע אושפיזין זיינען יצחק און דער מגיד, וואס זיי זיינען די עיקר׳דיקע און פרטיות׳דיקער אושפיזין פון היינט, און ״ועמי״, צוזאמען מיט זיי - קומען די אלע אנדערע אושפיזין.

און וויבאלד אז ביידע חידושים - דער חידוש מצד דעם יאר וואס זי איז א ״שנה תמימה״, און דער חידוש מצד דעם טאג וואס אין אים קומען די אושפיזין, יצחק און דער מגיד - קומען צוזאמען, וועט מען רעדן ווי ביידע חידושים האבן א שייכות איינער מיטן אנדערן.

ה. דער ענין המיוחד פון יצחק וואס מ׳זעט בגלוי איז - אז ער איז געווען אן ״עולה תמימה״[17].

וואס דא זעט מען גלייך דער קשר צו (דעם חידוש פון) שנה זו - וואס זי איז א ״שנה תמימה״.

ויש להוסיף בזה נאכמער, ובהקדם[18]:

דער ענין פון ״תמימות״ דארף זיין אין יעדער קרבן, ווי דער רמב״ם זאגט[19] ״מצות עשה להיות כל הקרבנות תמימין ומובחרין שנאמר[20] תמים יהי׳ לרצון זו מצות עשה״.

אבער אין קרבן עולה איז דער ענין פון תמימות אונטערגעשטראכן נאך מער, ווארום דער עולה איז ״כולה כליל״[21], זי איז אינגאנצן ״עולה״ לה׳.

והענין: אלע קרבנות זיינען עולין צו דעם אויבערשטן. דאך, איז די עלי׳ בא אלע אנדערע קרבנות נאר אין א חלק מסויים פון דעם קרבן, און בנוגע צו דער איבעריקער חלק פון קרבן - איז אויב די קרבן איז ״קדשי קדשים״ - גייט דאס צו די כהנים, און

16) ל׳ הכתוב - תהלים קמט, א. 17) ב״ר פס״ד, ג. פרש״י תולדות כה, כו. כו, ב. 18) בהבא לקמן - ראה גם לקו״ש לך שנה זו. 19) ריש הל׳ איסורי מזבח. 20) אמור כב, כא. 21) פרש״י תצוה כט, יח.

אויב די קרבן איז ״קדשים קלים״ - גייט דאס אויך צו די בעלים (ביז אויך ״לנשיהם ולבניהם ולעבדיהם״)[22], ולדוגמא - בא קרבן שלמים, וואס חז״ל זאגן[23] אז ״יש בהם שלום למזבח ולכהנים ולבעלים״;

דאקעגן ביי א קרבן עולה - איז זי כולה עולה לה׳, דער גאנצער קרבן איז עולה לה׳. וואס פון דא זעט מען אז א קרבן עולה האט אין זיך מער ״תמימות״ ווי אלע אנדערע קרבנות.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז ווען מ׳זאגט (בנוגע צו יצחק, דער היינטיקער אושפיז) ״עולה תמימה״, באווייזט דאס אויך נאך א העכערע דרגא פון תמימות - ״תמימות שבתמימות״.

ו. עד״ז געפינט מען אויך דער ענין פון ״תמימות״ בא דעם מגיד,

ולכל לראש דארף מען זוכן אין זיין תורה, ווארום אזוי ווי חז״ל זאגן בנוגע צו דעם אויבערשטן, אז ער האט זיך ״ארייגעלייגט״ אין זיין תורה, וכמרומז אין דעם ווארט אנכי״[24], אז זי איז ר״ת ״אנא נפשי כתבית יהבית״[25] (וואס ״אנכי״ איז דער ערשטער ווארט, און איז (במילא) כולל דעם גאנצן עשרת הדברות, וואס זי איז כולל כל התורה כולה, כולל ״כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש״[26]) - איז אזוי אויך בא צדיקים, וואס ״צדיקים דומין לבוראם״[27] - אז זיי האבן זיך ״ארייגעלייגט״ אין זייער תורה.

אין דער תורה פון דעם מגיד זעט מען דעם ענין פון ״תמימות״, ווייל תורת הבעל שם טוב איז באופן של נקודה (בדוגמא צו א מעיין וואס טראפעט אין אן אופן פון טיפין טיפין), אבער אין תורת המגיד, זעט מען אז די זעלבע ענינים פון תורת הבעש״ט זיינען נתבאר געווארן באריכות ובהרחבה יותר (לפי ערך), און מיט פרטים ומשלים כו׳ - ווי יעדער איינער קען זען במוחש, אז ספרו של המגיד איז גרעסער בכמות.

און דאס דריקט זיך אויס אויך אין הפצת המעיינות חוצה, אז וויבאלד אז זיינע תורות זיינען מיט מער ביאור, און מיט משלים פון עניני העולם וכו׳ - איז פארשטאנדיק אז די פעולה פון הפצת

---

22) ראה זבחים פ״ה. 23) תו״כ ופרש״י ויקרא ג, א. 24) יתרו כ, ב. ואתחנן ה, ו. 25) שבת קה, א (כגירסת הע״י). 26) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. שמו״ר רפמ״ז. ועוד. 27) רות רבה פ״ד, ג. וראה ב״ר פס״ז, ח. ועוד.

המעיינות חוצה איז געווען אין א שטארקערן אופן. ועד"ז זעט מען, אז דער מגיד האט געהאט מער תלמידים פון דעם בעש"ט, ביז אז "פי שנים ברוחך"[28].

ז. דער ענין פון "תמימות" געפינט מען אויך אין היינטיקער הפטרה, פון דעם צווייטן טאג סוכות, ובקשר מיט שלמה המלך, וואס די הפטרה הויבט זיך אן מיט "ויקהלו אל המלך שלמה"[14]:

בא שלמה המלך איז מודגש דער ענין פון שלימות המלך. בא דוד המלך איז טאקע געווען דער עצם (און אויך שלימות) המלוכה, און ווי דער רמב"ם פסק'נט[29], אז "כיון שנמשך דוד זכה בכתר מלכות, והרי המלכות לו ולבניו הזכרים עד עולם, שנאמר[30] כסאך יהי' נכון עד עולם", און "עיקר המלכות לדוד"[31], און "מלכי בית דוד הם העומדים לעולם"[32] - איז דאך אבער בא שלמה המלך צוגעקומען שלימות אין דעם גופא, ווארום בא עם איז געווען "שלום ושקט אתן על ישראל בימיו"[33] (וואס דערפאר הייסט ער "שלמה"), ביז אז מ'זאגט אז "וישב שלמה על כסא ה'"[34].

און ווי דאס איז אויך מודגש בנוגע צו דעם בית המקדש: מ'געפינט אז דוד האט געוואלט בויען דעם בית המקדש, ביז אז ער האט געמאכט אלע הכנות צו דעם. אבער ער האט באקומען א הוראה מלמעלה, דורך נתן הנביא ("גלה סודו אל עבדיו הנביאים"[35]), וואס ער האט אים געזאגט "אתה לא תבנה בית לשמי גו' הנה בן נולד לך גו' הוא יבנה בית לשמי"[36], אז דוקא שלמה המלך וועט בויען דעם בית המקדש[36*].

ויש להוסיף בזה, ובהקדמה - וועגן תורת הבעל שם טוב, אז "שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש" איז מהוה ומחי' ומקיים וכו'[37], און ווי דער מגיד (דער היינטיקער אושפיז) איז מבאר נאכמער בפרטיות ובשלימות[38] (ווי גערעדט פריער (ס"ו) אז תורת המגיד איז, לפי ערך, מער בפרטיות ווי תורת הבעש"ט) אויפן פסוק[39] "כל אשר יקרא לו האדם נפש חי' הוא שמו", אז דער נאמען איז דער מקור און שרש החיות פון יעדער נברא, און אין דעם איז באשטאנען די

28) ל' הכתוב - מלכים-ב ב, ט. 29) הל' מלכים פ"א ה"ז. 30) שמואל ב ז, טז. 31) רמב"ם שם ה"ח. 32) רמב"ם שם ה"ט. 33) דה"א כב, ט. 34) שם כט, כג. 35) עמוס ג, ז. 36) דה"א כב, ח-י. וראה גם שמואל-ב ז, יב-יג. ועוד. 36*) וראה בארוכה ד"ה פדה בשלום תשל"ט (קונטרס ט'-יו"ד כסלו שנה זו) ס"ה. ובהנסמן שם. 37) שעהיוה"א פ"א. 38) לקו"א סרמ"ד. או"ת ד, ג ואילך. 39) בראשית ב, יט.

מעלה און חכמה פון אדם הראשון.

וואס עפ"ז יש לומר, אז דער ענין פון "תמימות" ושלימות איז אויך מרומז אין דעם נאמען פון שלמה, וואס איז מלשון שלימות.

און הגם אז בפרטיות איז שלימות און "תמימות" צוויי באזונדערע ענינים (כמובן משינוי שמם, וואס דער שם איז מחי' און גיט ארויס תוכן הדבר כנ"ל), אעפ"כ איז דער תוכן הכללי צווישן דיביידע נעמען די זעלבע (אע"פ אז יש בזה מה שאין בזה).

און פון כל הנ"ל זעט מען ווי דער היינטקער (צווייטער) טאג פון סוכות און די אושפיזין וואס קומען אין אים - זיינען פארבונדן מיט דעם ענין פון תמימות, וואס דאס איז דער חידוש המיוחד פון דעם יאר.

ח. ויש להוסיף בכל זה בעומק יותר, ובהקדם:

דער ענין ה"תמימות" איז כולל אין זיך צוויי ענינים:

פון איין זייט, וויבאלד אז מ'זאגט "תמימות" - באווייזט דאס אז עס פארמאגט אלץ. ד.ה. אז אלע פרטים און פרטי פרטים וועלכע זיינען שייך צו אט דעם ענין - זיינען אין עס פאראן בשלימות, און עס פעלט גארניט (ווארום אויב מ'וועט זאגן אז עס פארמאגט ניט אלץ וואס עס דארף - קען מען דאס ניט אנרופן "תמימות");

און פון דעם אנדערן זייט, וויבאלד אז מ'זאגט "תמימות" - איז פון דעם ענין מושלל בתכלית איבעריקער זאכן וואס זיינען ניט שייך צו אים. ווייל א דבר נוסף און נפרד ממנו, קען ניט האבן א שייכות מיט א זאך וואס איז ב"תמימות", ווארום וויבאלד אז מ'זאגט "תמימות" - איז דאס שוין ב"תמימות", און דעריבער דארף ער ניט (און במילא - קען ער ניט) האבן צו טאן מיט אלע איבעריקער ענינים.

ט. און די צוויי ענינים פון "תמימות" געפינט מען בא יצחק (דער היינטיקער אושפיז):

זייענדיק אן "עולה תמימה", האט יצחק געדארפט בלייבן אין ארץ ישראל, און ער האט ניט געמעגט ארויספארן צו חוץ לארץ - "אתה עולה תמימה ואין חוץ לארץ כדאי לך"[17]. ווייל חוץ לארץ איז א דבר נוסף ונפרד צו יצחק. און היות אז יצחק איז אן "עולה תמימה" דארף ער (און קען ער) ניט האבן אן איבעריקע זאך, ובנדו"ד - חוץ לארץ.

פון צווייטן זייט, הייסט עס ניט אז יצחק'ן האט עפעס געפעלט (וויבאלד אז ער איז ניט ארויס אין חוץ לארץ), נאר זייענדיק אן

״עולה תמימה״ האט ער געהאט אלץ וואס איז שייך צו אים,

ביז אז אויך זאכן וואס געפינען זיך אין חוץ לארץ און זיינען שייך צו יצחק - האט יצחק זיי געהאט (ניט דורך גיין אין חו״ל, וואס דעמאלט וואלט געפעלט אין דעם ערשטן ענין פון ״תמימות״ - אז ער זאל ניט האבן קיין איבעריקע זאכן, נאר ער האט אלץ געהאט) זייענדיק אין ארץ ישראל, דורך דעם וואס ער האט פועל געווען אז די ענינים זאלן קומען צו עם, אין ארץ ישראל.

אין אנדערער ווערטער: די פרטים פון חו״ל האט ער מעלה געווען צו די דרגא פון ארץ ישראל, וואו ער איז געווען. וע״ד דער פתגם פון דעם צמח צדק[40]: ״מאך דא (אין חו״ל) ארץ ישראל״, וואס דער פירוש אין דעם איז אז מ׳איז מעלה בחי׳ חו״ל צו בחי׳ א״י.

און ווי דאס איז מודגש אין איינער פון די ענינים הכי עיקריים פון יצחק - זיינע נישואין מיט רבקה:

רבקה האט א שייכות מיט יצחק׳ן, ביז א שייכות הכי עיקרית - דורך נישואי יצחק ורבקה, וואס א חתונה איז אן ענין הכי עיקרי אין לעבן, ביז אז ס׳איז נוגע צו שלימות האדם (ווי עס שטייט[41] ״זכר ונקבה בראם ויברך אותם (און דורך דעם) ויקרא את שמם אדם״),

ונוסף לזה - קומט צו נאכמער בא יצחק און רבקה, ווארום נישואי יצחק ורבקה איז דער ענין פון יחוד מ״ה וב״ן, כללות התורה כולה, כמבואר אין לקו״ת פרשתנו[42].

און אעפ״כ זעט מען אז יצחק איז ניט ארויסגעפארן פון ארץ ישראל צו חוץ לארץ צו חתונה האבן, נאר ער האט פועל געווען אז רבקה זאל קומען צו אים אין ארץ ישראל,

און אין ארץ ישראל עצמה - אין דעם ארט פון יצחק ווי ער שטייט בתכלית העילוי - ווען ער האט געדאוונט, ווי עס שטייט[43] ״ויצא יצחק לשוח בשדה״ (ע״ד דער עילוי פון ״מלך בשדה״ פון חודש אלול[44]), וואס דער טייטש פון ״לשוח״ איז תפלה[45]. און אין תפלה גופא - בשעת תפלת מנחה, ווי דער פסוק איז ממשיך ״לפנות ערב״ (וואס תפלת מנחה איז נתתקן געווארן דורך יצחק)[46], און דעמאלט איז רבקה אנגעקומען צו יצחק, און ס׳איז געווארן ״ויביאה יצחק

40) אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ תפה. 41) בראשית ה, ב. 42) ברכה צו, ג-ד. 43) חיי שרה כד, סג. 44) לקו״ת ראה לב, ב. וראה מאמרי אדה״ז על פרשיות התורה ח״ב ע׳ תתכה. סד״ה לך אמר לבי בסה״מ ה׳ש״ת ע׳ 166 ואילך. ה׳שי״ת ע׳ 285. 45) ראה פרש״י עה״פ. ברכות כו, ב. וש״נ. 46) ברכות שם.

האהלה שרה אמו"[47], אז "נעשית דוגמת שרה אמו"[48] [ולהעיר, אז דא זעט מען דער קשר צו דער אושפיז פון דעם ערשטן נאכט, אברהם, וואס ער איז שייך צו שרה].

וואס עפ"ז קומט אויס, אז בא יצחק איז געווען א דבר והיפוכו: פון איין זייט האט ער ניט געקענט גיין אין חו"ל, ווייל ער האט ניט קיין שייכות דערצו (וויבאלד אז ער איז געווען אן "עולה תמימה"); ולאידך גיסא - די ענינים השייכים לו וואס געפינען זיך אין חו"ל, ווי רבקה - באקומט ער דורך דעם וואס זיי קומען צו אים און זיין ארט.

י. די צוויי ענינים אין "תמימות" געפינט מען אויך בא דעם צווייטן אושפיז פון דער טאג - דער מגיד:

ס'איז ידוע[49], אז זינט ער האט אנגענומען די נשיאות, איז דער מגיד אלעמאל געבליבן במקומו און פון דארט ניט ארויסגעגאנגען, און דארטן האט ער זיך פארנומען מיט פארשפרייטן די מעיינות פונעם בעל שם טוב. וואס דאס האט ער געטאן דורך זיינע תלמידים, וואס ער האט פועל געווען אז די אלע תלמידים זאלן קומען צו עם, און דערנאך זיינען זיי אוועקגעגאנגען פון דעם ארט פון דעם מגיד, און האבן זיך פארנומען מיט הפצת המעיינות.

ד.ה. אז פון איין זייט איז דער מגיד ניט ארויסגעגאנגען פון זיין ארט, און פון דעם אנדערן זייט האט ער זיך פארנומען אויך מיט די וואס געפינען זיך ניט לעבן אים, ביז אין א ווייטערן ארט פון עם וכו'. אבער ער האט עס געטאן אין אן אופן וואס ער האט געבראכט די אלע ענינים צו עם, צו זיין ארט ודרגא.

יא. דער ענין דריקט זיך אויס און איז מרומז אויך אין דעם נאמען פון דעם מגיד - "דובער":

אין דעם נאמען "דובער" זיינען פאראן צוויי חלקים. איין חלק איז אין לשון הקודש - "דוב", און דער צווייטער חלק איז בלע"ז, אין אידיש - "בער".

און כאטש אז זיי זיינען צוויי באזונדערע נעמען, ביז אז אין שטרות (ע"פ תורה) דארף מען שרייבן ביידע נעמען באזונדער - דאך געפינט מען (ע"פ רוב) באם מגיד אז ער האט גע'חתמ'עט זיין נאמען "דובער", ער האט מחבר געווען ביידע נעמען צוזאמען.

נאכמער: אפילו נאך דעם וואס ער האט מחבר געווען די ביידע נעמען, איז דאס ניט אין אן אופן אז עס הערט זיך אן ביידע

---

47) חיי שרה שם, סז. 48) פרש"י עה"פ. 49) ראה "היום יום" ג' כסלו. ובכ"מ.

נעמען, נאר זיי ווערן ממש איין זאך, ״דובער״, אז דער אות ״בית״ קומט נאר איין מאל, און עס ווערט געניצט סיי פארן ערשטן נאמען - ״דוב״, און סיי פארן צווייטן נאמען - ״בער״.

וואס דאס איז ווי מ׳האט פריער גערעדט בנוגע צו ״תמימות״, אז דער מגיד איז ניט געגאנגען צו א פלאץ וואס האט ניט קיין שייכות צו אים (חוץ ממקומו), נאר די אלע פרטים וואס האבן צו אים א שייכות האט ער מעלה געווען למקומו. ע״ד דער נאמען פון דעם מגיד, אז דער נאמען ״בער״, וואס איז א שם לע״ז (״חוץ״ פון לשון הקודש, ע״ד חוץ לארץ) בלייבט ניט אלס א שם בפ״ע, נאר זי איז נתעלה געווארן, און זי איז געווארן א חלק והמשך פון דעם נאמען אין לשון הקודש (וואס איז ע״ד ארץ ישראל), דורכדעם וואס ער האט מצרף ומחבר געווען די צוויי אותיות ״ער״ (פון ״בער״) צו דעם בית פון ״דוב״ אין לשון הקודש, ביז אז ס׳איז געווארן ״דובער״.

יב. וויבאלד אז דער צווייטער טאג (און נאכט) פון סוכות קומט בהמשך צום ערשטן טאג (און נאכט), איז פארשטאנדיק, אז דער לימוד פון דעם חידוש פון היינטיקן טאג, דער צווייטער טאג סוכות - קומט בהמשך צום לימוד פון דעם חידוש פון דעם ערשטן טאג סוכות. ד.ה בנוגע לענינינו - דער לימוד פון היינטיקן ביידע אושפיזין (יצחק און דער מגיד) בענין ה״תמימות״, קומט בהמשך צו דעם לימוד פון נעכטיקע אושפיזין (אברהם און דער בעש״ט).

והענין:

מ׳האט נעכטען גערעדט[50], וועגן דאס וואס מ׳געפינט אז אברהם אבינו האט זיך פארנומען מיט מפרסם זיין אלקות בכל העולם, ביז אז ס׳איז געווארן (נוסף על ״אלקי השמים״[51]) אויך ״אלקי[52] השמים ואלקי הארץ״[53], ביז אין אן אופן פון ״ויקרא שם בשם ה׳ א-ל עולם״[54], און חז״ל זאגן[55] ״אין ויקרא אלא ויקריא מלמד שהקריא אברהם אבינו לשמו של הקב״ה בפה כל עובר ושב״, אז ״הרגלתיו בפי הבריות״[53], וואס דאס מיינט אז ער האט גע׳פועל׳ט ניט נאר אויף אידן וכיו״ב, נאר אויף כל הארץ. און ניט נאר ״א-ל העולם״, נאר ״א-ל עולם״ (אז אלקות איז אנטפלעקט אין וועלט, און ס׳ווערט איין זאך כביכול)[56].

---

50) שיחת ליל א׳ דחג הסוכות ס״ח. 51) חיי שרה שם, ז. 52) שם, ג. 53) ראה פרש״י שם, ז. 54) וירא כא, לג. 55) סוטה י, סע״א ואילך. וראה גם פרש״י עה״פ. 56) לקו״ת תבוא מכ, ד. מג, ג. המשך תער״ב ח״כ פקל״ג. ועוד.

געווען בשלימות נעלית יותר, ווי געריעדט פריער (ס״ו), אז באם מגיד האט זיך אנגעהויבן הפצת המעיינות חוצה - ניט נאר אין אן אופן פון ״טיפין טיפין״, נאר מיט אריכות ההסבר און משלים וכו׳.

אבער די פעולות פון דעם מגיד (כולל אויך - די המשך הפעולות פון דעם בעש״ט) זיינען אופגעטאן געווארן אין זיין (דעם מגיד׳ס) אופן, אין אן אופן פון ״תמימות״, אז ער איז ניט ארויסגעגאנגען פון זיין ארט, נאר זייענדיק אין זיין ארט האט ער מעלה געווען די אלע ענינים פון ״חוץ״ וכו׳.

טו. ויש לומר, אז דער ענין פון דעם מגיד - דאס וואס ער האט ממשיך געווען די עבודה פון דעם בעש״ט, אבער אין זיין דרך און אופן - געפינט מען אויך אין זיין תורה (נוסף על הנ״ל, אז אין דער תורה פון דעם מגיד איז נאכמער מוגדש דער ענין פון הפצת המעיינות):

מ׳געפינט כמה תורות פונעם בעש״ט, וואס ווערן געבראכט דורכן מגיד, אין דער זעלבער צורה ווי ס׳איז בתורת הבעש״ט. ולדוגמא - די תורה הידועה אויפן משנה[69] ״דע מה למעלה ממך״, אז אלץ וואס מלמעלה איז ״ממך״, וואס די תורה ווערט געבראכט סיי בתורת הבעש״ט[70], און סיי (באותו הלשון) בתורת המגיד[71]. ולכאורה: ס׳איז ידוע[72] אז ״כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם״ - פארוואס שטייט עס ניט בתורת המגיד בשם אומרו (הבעש״ט)?

איז דער ביאור בזה, אז די תורות פון דעם בעש״ט זיינען נתעצם געווארן אזויפיל מיטן מגיד (וויבאלד אז ער איז געווען דער תלמיד מובהק פון דעם רב המובהק), אז די אלע תורות זיינען געווארן איין זאך מיט אים, ביז אז ער האט זיי אויך איבערגעגעבן און געזאגט אין זיין דרך, און ס׳איז געדרוקט אין זיין ספר וואס איז ע״פ דרך המיוחד שלו (וואס דאס איז נוסף אויף ״אין ביהמ״ד בלא חידוש[73]״).

דערפון האט מען א הוראה אין הפצת המעיינות חוצה, וואס דאס איז דער עבודה המיוחדת פון אונזער דור ווי נשיא דורנו כ״ק מו״ח אדמו״ר האט געזאגט כמה פעמים - אז בכדי מפיץ זיין די מעיינות דארף מען ניט אלעמאל ארויסגיין פון זיין ארט (מעלה און דרגא), נאר בלייבנדיק אין זיין ״מקום״ (אין זיין דרגא)

69) אבות פ״ב מ״א. 70) כתר שם טוב סקמ״ה. 71) לקו״א סקצ״ח. 72) אבות פ״ו, ו. 73) ראה ירושלמי סוטה פ״ג ה״ד.

איז ער פועל אויף די אלע זאכן וואס זיינען "חוץ" (הפצת המעיינות חוצה), דורך דעם וואס ער איז זיי מעלה, און ברענגט זיי צו זיין ארט און דרגא.

טז. די צוויי ענינים הנ"ל אין "תמימות" (אז אים פעלט גארניט, און אז ער האט קיין שייכות ניט מיט די ענינים פון חוץ לארץ) - געפינט מען אויך אין דעם היינטיקן שיעור חומש, פון שלישי ביז רביעי אין פרשת ברכה:

דער היינטיקער שיעור חומש איז די ברכה צו יוסף, "וליוסף אמר מבורכת ה׳ ארצו גו׳"[74].

דאס איז דער איינציקער שיעור חומש פון גאנץ פ׳ ברכה - וואס באשטייט פון א ברכה נאר צו איין שבט. ד.ה. אז אין דעם זיינען ניט ארייגעמישט אנדערע ענינים מחוץ פון יוסף; ניט ווי אין אלע אנדערע שיעורים וואו די ברכה איז צו צוויי שבטים לכל הפחות.

ולאידך זעט מען, אז די ברכה פון יוסף איז כולל אלע ענינים ופרטים, אנהויבנדיק פון "ממגד שמים מטל"[74], ביז צו "תהום רובצת תחת"[74] - פון די ענינים הכי נעלים ביז צו די ענינים הכי תחתונים - אין עולם הזה הגשמי. און אין עוה"ז הגשמי גופא, איז דאס אין דער תחתון שאין תחתון למטה ממנו - "תהום רובצת תחת". און די אלע פרטים זיינען נכלל אין דער ברכה צו יוסף.

וואס דאס זיינען די צוויי קצוות אין תמימות, פון איין זייט - דער גאנצער שיעור רעדט זיך נאר וועגן ברכת יוסף. און פון דעם אנדערן זייט - איז זי כולל אלע מיני פרטים און השפעות.

ולהוסיף, אז דאס וואס עס שטייט "מבורכת ה׳ ארצו", גייט דאס אויף אלע ברכות פון יוסף, כולל אויך דער ענין פון "תהום רובצת תחת". וואס דאס מיינט אז אפילו אין די ענינים הכי תחתונים ("תהום רובצת תחת"), זעט זיך אן בגלוי, דער ענין פון "מבורכת ה׳", אז ס׳איז פאראן דער ענין פון אלקות.

אין אנדערע ווערטער - בעבודה: אפילו אין "מעשיך"[75] און "דרכיך"[76] (עניני רשות), איז ניכר "לשם שמים"[75] און "דעהו"[76], ווארום די כוונה פון אלץ איז צו מגלה זיין דער ענין פון "נבראתי לשמש את קוני"[77] אין אלע ענינים.

---

74) ברכה לג, יג. 75) אבות פ"ב מי"ב. 76) משלי ג, ו. 77) משנה ובריי׳תא סוף מס׳ קידושין.

וי"ל אז דער טייטש פון "קוני" איז ע"ד הידוע[78] אין "ברוך עושך, ברוך יוצרך ברוך בוראך ברוך קונך"[79], אז זיי זיינען כנגד די ד' עולמות אבי"ע, און "ברוך קונך" איז כנגד עולם האצילות.

ועפ"ז י"ל דער פירוש אין "אני נבראתי לשמש את קוני", אז אפילו זייענדיק אין עולם העשי', און דארט גופא - אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו (אין "תהום רובצת תחת"), טוט מען אויך דארט דער "לשמש את קוני" אין אן אופן פון "קוני" - בחי' עולם האצילות.

*   *

יז. דער לימוד פון כל האמור לעיל, ובלשון הידוע[80] "והחי יתן אל לבו", בנוגע למעשה בפועל:

שטייענדיק אין דעם צווייטן טאג (און נאכט) סוכות פון א "שנה תמימה", וואס אין דעם טאג פון סוכות איז מודגש במיוחד דער ענין פון "תמימות" (כנ"ל בארוכה) - איז פארשטאנדיק אז מ'דארף פראוועו שמחת בית השואבה אין אן אופן פון "תמימות".

וואס עבודת ה' בכלל דארף זיין ב"תמימות", און ווי מ'האט פריער דערמאנט דאס וואס דער רמב"ם פסק'נט[19] "מצות עשה להיות כל הקרבנות תמימין ומובחרין", וואס בעבודה, אין "לתקן הדעות"[81], מיינט דאס, אז אלץ וואס א איד טוט אין זיין עבודה צו דעם אויבערשטן, דארף געטאן ווערן אין אן אופן פון "תמימין ומובחרין".

אבער אין דעם היינטיקן טאג פון סוכות קומט צו נאכמער הדגשה אין דעם ענין פון "תמימות", כנ"ל.

און דער פראוועו שמחת בית הושאבה היינט באנאכט דארף זיין אין ביידע ענינים פון "תמימות" וואס מ'האט פריער גערעדט: פון איין זייט איז דאס א שמחה וואס איז כולל אלץ, דאס נעמט דורך זיין גאנצע מציאות; און פון דעם אנדערן זייט - אז עס זיינען ניט פאראן קיינע פרטים וועלכער האבן ניט קיין שייכות מיט עם, ווארום די אלע פרטים וועלכער האבן א שייכות מיט אים (וואס געפינען זיך אין אן אנדער מקום ודרגא) - איז ער מעלה צו זיין דרגא.

ובפשטות: דער היינטיקער שמחת בית השואבה דארף זיין אין אן אופן אז די גאס אליין טאנצט-מיט, אבער ניט אין אן אופן אז ער

78) תו"א משפטים עו, א. ובכ"מ. 79) בסדר קידוש לבנה. 80) קהלת ז, ב. 81) רמב"ם סוף הל' תמורה.

גייט ארויס פון זיין ארט, פון זיין דרגא, אין דעם רשות הרבים, נאר אז ער איז מעלה און ברענגט אריין דער ״גאס״ צו זיין דרגא (כפתגם הנ״ל פון ״מאך דא ארץ ישראל״. וע״ד הלשון[82] ״עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות״). און דערפאר זיינען אלע זיינע פעולות, ווען ער זינגט, ווען ער טאנצט, און ווען ער זאגט ״לחיים״ וכו׳ - אלע דורכגעגנומען מיט ״תמימות״ דקדושה.

און דורך דעם ווערט ער אויך א ״נר להאיר״[83], און די אויף וועמען ער איז משפיע ווערן אויך ״נרות להאיר״, ביז אז ער באקומט אויף דעם אויך דער הילף פון די גויים וואס געפינען זיך אין גאס (ווי די מעשה אין גמרא[84] (״מעשה רב״[85]) מיט אן אמורא בזמן הגלות (אלס הכנה צו זמן הגאולה, וואס דעמאלט וועט זיין ״ועמדו זרים ורעו צאנם״[86]), אז א גוי, וואס איז געווען א מלך - האט פארראכטן זיין גארטל, וויבאלד אז ער איז געווען א איד!).

יח. און דאס אלץ איז בהוספה אויף שמחת בית השואבה פון דעם ערשטן נאכט, וואס דעמאלט איז דער שמחה אויך געווען אין אופן פון ״תמימות״ (ווי מ׳האט נעכטן גערעדט בארוכה, אז די שמחה דארף זיין אין אן אופן פון ״תמימות״), אבער היינט, אין דער צווייטער נאכט פון סוכות, קומט צו א נייע זאך, א חידוש, וואס דער חידוש מאכט אויף אז דער שמחה איז נאכמער ב״תמימות״, נאכמער פון דעם ערשטן נאכט.

און ווי דאס איז אויך בא דער שמחה במשך פון די ״שבעת ימי המשתה״ (די שמחה פון ״שמח תשמח רעים האהובים״[87]), אז בא יעדערער פון די ״שבע ברכות״ דארף מען האבן א ״פנים חדשות״, בכדי אז די שמחה זאל זיין בשלימות[88].

ולהעיר פון דער שייכות צווישן די שבע ברכות מיט שבעת ימי הסוכות (און נאכמער - ווי ס׳איז פארבונדן מיט היינטיקן אושפיז - יצחק, וואס זיין חתונה איז דער ערשטער וועגן וועלכע די תורה דערציילט) - אזביידע זיינען די זעלבע מספר - זיבן, וואס דאס איז כנגד די שבעת ימי הבנין.

- ריידענדיק וועגן ״בנין״ - גיט דאס נאכאמאל די געלעגנהייט

82) ראה ספרי דברים בתחלתו. פסיקתא רבתי פ׳ שבת ור״ח. יל״ש ישעי׳ רמז תקג. 83) ראה לקו״ש ח״ב ע׳ 484 ואילך. ובכ״מ. 84) זבחים יט, רע״א. 85) שבת כא, א. וש״נ. 86) ישעי׳ סא, ה. 87) ברכה חמישית דברכת נישואין. 88) טושו״ע אה״ע סס״ב ס״ז.

צו דערמאנען אויף דער שטורעם וואס מ׳מאכט לעצטנס[89] וועגן דעם ענין פון בנין, אז "עת לבנות"[90].

[ולהעיר, אז דער ווארט "בנין" הויבט זיך אן מיט דעם אות "בית", וואס איז אויך ר"ת "ברכה" (כמדובר כמ"פ), ע"ד הידוע וועגן דעם וואס די תורה הויבט זיך אן מיטן ווארט "בראשית" וואס איז ר"ת ברכה (פותחין בברכה[91]). ולהוסיף, אז "בראשית" איז פארבונדן מיט בנין, וואס דעמאלט האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט און כללות סדר ההשתלשלות - "את השמים[92] לרבות תולדותיהם[93] ואת הארץ[92] לרבות תולדותי'"[93]].

און מצד דעם חידוש פון דער צווייטן טאג פון סוכות - מצד די אושפיזין און דעם יאר - איז פארשטאנדיק, אז די שמחה איז אין אן אופן חדש, און ב"תמימות" בהתאם צו די אושפיזין - אז ער בלייבט אין זיין ארט (בארץ ישראל וכיו"ב), און איז אלץ מעלה צו זיין דרגא.

ובפרט אז מ׳האלט שוין נאך דעם וואס מ׳האט געפראוועט שמחת בית השואבה אין דעם ערשטן נאכט (כנ"ל) און ס׳איז ניט וואס מ׳דארף עס פראוועו א "צווייטן" מאל - נאר אין קדושה איז אלץ אין אן אופן פון "מעלין בקודש"[94], ביז אן עלי׳ אין אן אופן פון "כפליים לתושי'"[95].

יט. ואע"פ אז מ׳קען, לכאורה, מיינען - ווער קען זיך צוגלייכן צו יצחק און דער מגיד, ובפרט צו זייער דרגא אין "תמימות" - אעפ"כ, וויבאלד אז זיי זיינען רועים אמיתים, זיינען זייערע ענינים נמשך צו יעדן איינעם.

ונוסף על זה, איז דאס מודגש במיוחד בא די היינטיקע אושפיזין ווי זיי זיינען שייך צו יעדן איינעם:

בנוגע צו יצחק, איז נוסף אויף דעם וואס ער הייסט "אבינו" - דער פאטער פון יעדער איד, זאגט יעדער איד בתפלת כל יום (בתחלתה) פרשת העקידה פון יצחק (וואס דעמאלט איז ער געווארן אן "עולה תמימה").

ובנוגע צום מגיד - איז ידוע וואס ער שרייבט אין אנהויבס פון

---

89) קונטרס משיחות ח, ט׳ וי"א תשרי. ועוד. 90) ל׳ הכתוב - קהלת ג, ג. 91) ראה זח"א רה, ב. וראה הנסמן בהערה 1. 92) בראשית א, א. 93) פרש"י שם, יד. 94) ברכות כח, א. וש"נ. 95) איוב יא, ו. שמו"ר פמ"ו, א.

זיינעביידע ספרים, וועגן "ישראל עלו במחשבה"[96], "עד"מ[97] אדם שיש לו בן...נחקקה הצורה של הבן במחשבה של האב, אך מי שלא הי׳ לו בן מעולם לא יכול לומר שיהא החקק במחשבתו צורת הבן שיהי׳ לו אח"כ, כי עדיין לא ראה אותו ולא הכיר צורתו, וזהו דרך בני אדם. אבל אצל הש"י שייך זה לומר אף קודם שנבראו ישראל הי׳ נחקק צורתם במחשבה". וואס דא זעט מען די מעלה פון יעדער איד, וואס זיין "צורה" איז "נחקק" אין דער "מחשבה" פון עצמותו ומהותו (וויפל ס׳איז שייך זאגן "מחשבה"), און דאס איז "אף קודם שנבראו"!

איז דערפון פארשטאנדיק ווי יעדערער קען שטייען אין דער דרגא פון "תמימות".

כ. די כוונה פון דעם אבער איז, אז די "תמימות" זאל נמשך ווערן בגלוי ביז למטה, ווי די נשמה געפינט זיך למטה בעוה"ז הגשמי, אז ווי ער געפינט זיך למטה זאל זיך אנהערן ווי ער איז חקוק בעצמותו ית׳.

אבער דערצו דארף מען מבטל זיין אלע מחיצות פון גאנץ סדר ההשתלשלות. וואס דאס איז תלוי אין דער עבודה פון אידן בכל זמן לפי ענינו. ובעניננו, בזמן זה - דורך פראוועו די שמחה פון שמחת בית השואבה מיט א שטורעם ובשמחה גדולה, ומתוך "תמימות", ביז אז דער שמחה איז פורץ גדר[98].

און פועל׳ן אויך אויף אנדערע, לויט דעם חידוש פון דעם יאר, וואס זי איז א המשך פון שנה שלפנ"ז וואס ענדיקט זיך ערשט לאחרי חג הסוכות (כנ"ל ס"ג) - וואס דאס איז סיי "תישמח", און סיי "תשמח" - אנדערע. און דאס אלץ אין אן אופן פון "הקהל את העם האנשים והנשים והטף"[99].

והמעשה הוא העיקר[100] - מ׳דארף אנהויבן מיט די שמחה שוין יעצט, אין אנהויבס פון דער נאכט, און דאס דערנאך ממשיך זיין במשך די גאנצע נאכט - בהתאם למארז"ל[101] - "לא טעמנו טעם שינה"!

ויש לומר דער דיוק אין דעם לשון "טעם שינה", דלכאורה, דער ענין פון "טעם" איז פארבונדן מיט אכילה, וכלשון הכתוב[102] "חיך אוכל יטעם", פארוואס איז מען מדגיש דער לשון "טעם" ביי שינה?

---

96) מרז"ל - ב"ר פ"א, ד. 97) או"ת ב, ב. 98) ראה המשך שמח תשמח - סה"מ תרנ"ז ע׳ רכג ואילך. 99) וילך לא, יב. 100) ראה אבות פ"א מי"ז. 101) סוכה נג, א. 102) איוב יא, יב.

וי״ל דער ביאור אין דעם - בהקדם הביאור אין דעם מארז״ל ״לא טעמנו טעם שינה״, דלכאורה, ס׳איז ידוע אז אויב איימיצער וועט מאכן א ״שבועה שלא אישן שלשה ימים - מלקין אותו וישן לאלתר״[103], איז ווי קען מען זאגן אז ״לא טעמנו טעם שינה״ פאר זיבן טעג?!

נאר דאס איז דער דיוק ״טעם שינה״: מ׳זאגט ניט אז זיי האבן ניט געשלאפן, נאר אז אין דער צייט ווען ס׳איז מוכרח צו שלאפן איז בא זיי ניטא קיין טעם שינה - ער האט אין דעם קיין טעם ניט, ווארום שמחת בית הושאבה איז דאס מבטל.

און פארוואס איז שמחת בית הושאבה מבטל דעם טעם - ווארום בשעת ער שלאפט, חלום׳ט זיך אים חסידות, און עס חלום׳ט זיך אים וועגן שמחת בית השואבה, און עס חלום׳ט זיך אים וועגן די גאולה האמיתית והשלימה!

והעיקר, אז דער חלום וועגן משיח צדקנו זאל שוין אין אן אופן פון ״היינו כחולמים״[104], עס זאל שוין ווערן ״אויס חלום״, אז משיח צדקנו קומט גלייך, און דערנאך, איז מען ממשיך פראווען שמחת בית הושאבה צוזאמען מיט אים, בתכלית השלימות - אין דעם ביהמ״ק השלישי.

ויש לקשר זה - דער ענין פון ביהמ״ק השלישי - מיט היינטיקן טאג במיוחד, וואס איז יום השלישי (בשבוע).

כא. ולהעיר, אז דער ביהמ״ק השלישי איז פארבונדן במיוחד מיט ״תמימות״:

א) די גאולה האמיתית והשלימה, כולל אויך דער ביהמ״ק השלישי - איז א גאולה שלימה ותמימה.

ב) דער ביהמ״ק השלישי איז אין זיך כולל די צוויי ערשטע בתי מקדשות, כידוע וואס חז״ל זאגן[105] אויף ״אלה פקודי המשכן משכן״[106] אז דאס וואס עס שטייט ״משכן משכן שני פעמים, רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין״, איז דערפון פארשטאנדיק אז דער ביהמ״ק השלישי האט א שלימות, ווארום זי איז כולל די ערשטע צוויי.

און וויבאלד אז ס׳איז אן ענין פון א ״משכון״, איז פארשטאנ-דיק, אז דער אויבערשטער דארף דאס אומקערן, ווארום דער גאנצער

---

103) סוכה שם. וראה רמב״ם הל׳ שבועות פ״ה ה״כ. טושו״ע יו״ד סרל״ו ס״ד.
104) תהלים קכו, א. וראה תו״א וישב כח, ג ואילך. 105) תנחומא פקודי ה. פרש״י עה״פ. 106) ר״פ פקודי.

ענין פון א משכון איז אז מ'נעמט דאס נאר פאר א משך זמן, און דערנאך האט מען די אחריות דאס אומצוקערן בשלימותו. ובפרט ווען דער משכון איז א זאך שאין בו רוח חיים, וואס דאן האט מען מער אחריות.

ובעבודה: א איד מצד עצמו האט ניט קיין "רוח חיים", ווייל יעדער טאג אינדערפרי זאגט ער "מודה אני כו' שהחזרת בי נשמתי", און באם סוף און "סך-הכל" פון דער טאג זאגט ער "בידך אפקיד רוחי"[107]. וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז זיין גאנצע חיות איז נאר בבחי' "משכון". אבער לאידך - זיין גאנצע חיות האט ער פון דעם אויבערשטן, דער מקור החיים, "מחי' חיים"[108], וואס מאכט אז ווען ער שטייט אויף און ווערט א "ברי' חדשה"[109], זאל זיין חיות זיין חיים אמיתיים, ביז חיים שאין כמותן כלל, ווארום עס קומט פון דער אויבערשטער "מחי' חיים".

ובפרט ע"פ תורת הבעש"ט[37] אז די וועלט ווערט נתחדש בכל רגע ורגע מאין ואפס המוחלט, און יעדער רגע איז ער א "ברי' חדשה".

וואס, אייגנטלעך, איז דער תורת הבעש"ט מוסיף נאכמער אין דעם שטורעם פון דעם היינטיקן שמחת בית השואבה:

נאך דעם וואס מען האט שוין געפראוועט שמחת בית השואבה אין דעם ערשטן נאכט, און מ'זוכט א חידוש בכדי צו פראווען שמחת בית השואבה אין דעם צווייטן נאכט - איז ווען א מענטש וועט זיך ארייננטראכטן אז היינט באנאכט, און אין דער רגע, איז ער נתהווה געווארן מאין ואפס ממש, איז פארשטאנדיק אז היינט פראוועט ער שמחת בית השואבה צום ערשטן מאל פון-דאס-ניי!

וואס דאס וועט זיכער פועל'ן אויף עם א שמחה למעלה ממדידה והגבלה, און ער וועט ארויסגיין פון זיינע כלים, און וועט אויפשטורעמען זיך און אלע אנדערע אין דער שמחה פון "בית השואבה"!

און דא קומט צו נאך א זאך: וויבאלד אז היינט איז ער נתהווה געווארן מחדש, איז פארשטאנדיק אז דער חידוש פון דעם היינטיקן שמחת בית השואבה איז א חידוש אויך לגבי דעם שמחת בית השואבה בזמן שבית המקדש הי' קיים, וואס "משם שואבין רוח הקודש"[110] ווי די גמרא ברענגט א ראי' פון יונה בן אמיתי[110], אז "נכנס לשמחת בית השואבה ושרת עליו רוח הקודש".

---

107) תהלים לא, ו. 108) ראה יומא עא, א. 109) שו"ע אדה"ז או"ח ס"ד ס"א. ריש ס"ו. 110) ירושלמי סוכה פ"ה ה"א.

ולהעיר אז יונה איז שייך במיוחד צו חג הסוכות, ווארום ס'איז מבואר במ"א[111], אז די אלע ענינים וואס ווערן נמשך בפנימיות ביוהכ"פ (ווי ס'מבואר אין לקו"ת[112] אז ביוהכ"פ ווערט די המשכה בבחי' פנימית) ווערן נתגלה בחג הסוכות. און ביוהכ"פ זאגט מען "מפטיר יונה",

[וצריך ביאור וועגן מפטיר יונה, ווארום זי רעדט זיך וועגן די תשובה פון אנשי נינוה, און ס'איז פארשטאנדיק אז די תשובה פון די וואס זיינען געווען אין נינוה קומט ניט צו דער תשובה פון אידן (וואס וועגן די תשובה פון אידן רעדט זיך אין דער הפטרה פון שחרית[113])],

און דערנאך איז מען מסיים די הפטרה (פון מפטיר יונה) מיט מוסיף זיין די פסוקים פון מיכה[114] "מי א-ל כמוך נושא גו'", וואס זיי זיינען כנגד די י"ג מדות הרחמים[115].

כב. ויה"ר אז פון יוהכ"פ, וואס ווערט אנגערופן "אחת בשנה"[116] - זאל דאס נמשך ווערן אין דעם גאנצן יאר אנהויבנדיק פון חג הסוכות (וואס דעמאלט הויבט זיך אן דער גילוי פון יום כיפור, ווי עס שטייט[58] "בכֵּסה ליום חגנו") - א המשכה און גילוי פון רחמים רבים (בהתאם צו די י"ג מדות הרחמים הנ"ל).

און מ'זאל שוין זוכה זיין צו פראוועו שמחת בית השואבה אין אן אופן פון "תמימות" - אין דער ביהמ"ק השלישי,

וואס דאס טוט מען אויף דורך דעם וואס מ'הויבט אן פראוועו שמחת בית השואבה דא, אין חוץ לארץ,

און דאן וועט מען מיט-נעמען די אלע ענינים פון חוץ לארץ - "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל"[117], כולל אויך די הייזער פון אלע אידן, וואס פון זיי האט מען געמאכט א "מקדש מעט"[118], דורך דעם וואס "ושכנתי בתוכם"[119].

און "הקיצו ורננו שוכני עפר"[120], און אלע צוזאמען, כולל די אלע אושפיזין - יצחק, און אברהם, יעקב, משה, אהרן, יוסף,

---

111) ראה ד"ה בסוכות תשבו תשל"ת פ"ה (סה"מ - מלוקט ע' רמז). וש"נ. 112) ר"ה נח, א. סד, א. 113) ישעי' נז, יד ואילך. 114) ז, ח. וראה שו"ע אדה"ז או"ח סתרכ"ב ס"ד. 115) זח"א קלא, א ואילך. סידור אדה"ז לפני "סדר תשליך". 116) ס"פ תצוה. אחרי טז, לד. 117) מגילה כט, א. 118) ל' הכתוב - יחזקאל יא, טז. וראה מגילה שם. 119) תרומה כה, ח. וראה של"ה שכה, ב. שכו, ב. ועוד. 120) ישעי' כו, יט.

ודוד, און - דער מגיד, און דער בעש"ט, דער אלטער רבי, דער מיטעלער רבי, דער צ"צ, דער רבי מהר"ש, דער רבי (מהורש"ב) נ"ע, און דער רבי דער שווער נשיא דורנו - טאנצן, "עם עננֵי שמיא"[121], לארצנו הקדושה, ולירושלים עיר הקודש, ולהר הקודש, ולבית המקדש אלס נשמות בגופים "קהל גדול ישובו הנה"[122], אלע צדיקים פון אלע דורות וועלן פראווען צוזאמען שמחת בית השואבה בשלימות וב"תמימות".

און דעמאלט וועט מקויים ווערן דער יעוד[123] "אשפוך רוחי על כל בשר ונבאו בניכם ובנותיכם", אז ס'וועט זיין בשלימות ובתמימות דער ענין פון "שואבין רוח הקודש" אפילו בא "בניכם ובנותיכם" כפשוטו, קליינע קינדער.

און דאס (אז א קינד קען זאגן נבואה) איז ניט א נייע זאך, כידוע פון מעשה רב - אז ס'איז פאראן א ספר וועלכער הייסט "נבואת הילד" (מיוסד אויף קבלה וסודות התורה וכו'), וואס אין אים זיינען געשריבן געווארן נבואות וואס מ'האט געהערט פון א קליין קינד, און דער ספר איז דא עד היום הזה!

און דער עיקר איז - אז אלץ זאל זיין בפועל תיכף ומיד ממש ולא עיכבן אפילו כהרף עין[124], און מ'האט א פריילעכן שמחת בית השואבה, ביז די שמחת בית השואבה בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, למטה מעשרה טפחים.

א פריילעכן שמחת בית השואבה.

—— * ——

121) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א. 122) ירמי' לא, ז. 123) יואל ג, א. 124) ע"פ מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

שיחת
ליל ו' דחגה"ס
ה'תשמ"ט

הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

מפתח

בס"ד. שיחת ליל ו' דחג הסוכות,
ליל שבת קודש, ה'תשמ"ט
- אחרי תפלת ערבית -

הנחות הת' בלתי מוגה

א. פותחין בברכה[1].

ובמכ"ש וק"ו פון דעם וואס ס'איז געווען דער ענין פון "פותחין בברכה" אין די פריערדיקע נעכט - ווארום היינט איז שבת קודש, און שבת, מצד עצמו, איז ספעציעל פארבונדן מיטן ענין **הברכה**,

ווי עס שטייט[2] "**ויברך** אלקים את יום השביעי ויקדש אותו" (ווי מ'זאגט אין קידוש פון יעדער שבת, כולל אויך היינט באנאכט), אז דער אויבערשטער בענטשט דעם טאג פון שבת מיט א ספעציעלע ברכה, ובלשון חז"ל[3] "שבת מקדשא וקיימא" ("משׁשת ימי בראשית"[4]).

וואס דאס איז אן עילוי וואס איז געווען בששת ימי בראשית, נאך פאר מתן תורה. און איצט, נאך מתן תורה, קומט צו דער עילוי און מעלה וואס מתן תורה האט אריינגעגעבן אין (דער ברכה פון) שבת, וואס דאס איז אן עילוי און מעלה באין ערוך.

וואס דערפאר איז מתאים אז ווען מ'הויבט אן רעדן ביום השבת (וואס דעמאלט איז דא א ברכה מיוחדת, כנ"ל), אז מ'זאל אנהויבן מיט א ברכה, פותחין בברכה.

ב. דערצו קומט צו נאך א זאך - דער ענין פון שמחה:

נוסף אויף דעם עילוי פון שבת, איז היינט אויך חול המועד. וואס בנוגע צו חוה"מ זאגט דער אלטער רבי אין שו"ע[5] (וכידוע דאס וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט[6], אז פאר דעם וואס א איד טוט עפעס-וואס, דארף ער פריער קוקן אין שו"ע), אז די שמחה (אויך) בחול המועד איז (אויך) א מצות עשה מן התורה.

און ווען מ'רעדט וועגן חול המועד **סוכות** - איז דאס נאכמער בהדגשה, ווארום חג הסוכות ווערט אנגערופן[7] "זמן שמחתנו", ווייל בא סוכות שטייט (אין תורה) דער ענין פון שמחה **דריי מאל**[8].

און נאכמער: עס איז שוין דורכגעגאנגען רוב פון ימי חג

---

1) נסמן בלקו"ש חכ"ד ע' 641 הערה ד"ה פותחין בברכה. 2) בראשית ב, ג. 3) ביצה יז, א. 4) פרש"י ד"ה אלא שבת - ביצה שם. 5) או"ח סתקכ"ט ס"ו. 6) ראה סה"מ תש"ד ע' 92. 7) בנוסח התפלה וקידוש דיו"ט. 8) ראה ילקוט שמעוני אמור רמז תרנד (בתחלתו).

הסוכות, און בכמה ענינים זאגט מען "רובו - ככולו"[9] און מ'מיינט אז ס'איז "ככולו" ממש, ולדוגמא - אין דעם ענין פון שמחה, אז ווען א מענטש טאנצט מיט זיינע פיס, זאגט מען אז (ניט נאר אז זיינע **פיס** טאנצן, נאר אז) דער טאנצן (מיט זיינע פיס) נעמט עם דורך אינגאנצן, אזוי אז **זיין** גאנצע **מציאות** טאנצט, ביז אויך די וואס געפינען זיך לעבן אים, מיט אלע זיינע נכסים וכו'.

- קען מען זאגן אז היינט באנאכט האט מען שוין **אלע** טעג (און נעכט) פון סוכות, מיט דער שמחה וואס אין זיי!

[ואע"פ אז בנוגע צו כמה ענינים העלפט ניט דער ענין פון "רובו ככולו" (נאר עס דארף זיין "כולו" ממש) - איז בנוגע צו דער שמחה פון סוכות איז ניטא קיין סברא וטעם צו זאגן אזוי (אז "רובו ככולו" העלפט ניט)].

ובפרט אז, כנ"ל - מ'שטייט היינט אויך ביום השבת, וואס זי איז כולל אלע זיבן טעג וואס פאר דעם שבת, און אלע זיבן טעג וואס נאך דעם שבת. וואס עפ"ז קומט אויס, אז היינטיקע שבת איז כולל אין זיך **אלע** טעג פון סוכות (וואס פאר דעם שבת און וואס נאך דעם שבת), כולל אויך - די טעג פון שמע"צ ושמח"ת, וואס אין זיי איז די שמחה גאר גרויס; דאן איז שלימות ענין השמחה.

וואס דאס איז בהוספה אויף דעם אז שבת בכלל איז פארבונדן מיט שמחה (נוסף אויפן ענין העונג, "וקראת לשבת עונג"[10]), ווי עס שטייט[11] "וביום שמחתכם - אלו השבתות"[12].

און דערפאר, דארף דער ענין פון "פותחין בברכה" זיין מתוך שמחה.

ולהעיר, אז דער ענין פון פותחין בברכה איז אויך אונטערגעשטראכן אין פרשת השבוע, "וזאת **הברכה**" (וואס ימי הסוכות קומט אויס יעדן יאר אין פרשת וזאת הברכה). און נאכמער: "וזאת הברכה" שטרייכט אונטער אז דער "ברכה" איז אין אן אופן פון "וזאת", אז ער קען באוויזן מיטן פינגער און זאגן: אט דא איז מיין ברכה און שמחה, אט דא איז דיין ברכה ושמחה, אט דא איז די ברכה ושמחה פון גאנץ כלל ישראל.

ג. וויבאלד אז היינט קומען צוזאמען צוויי ענינים, סיי שבת,

---

9) ראה נזיר מב, א. וש"נ. 10) ישעי' נח, יג. 11) בהעלותך י, י. 12) ספרי עה"פ.

און סיי חול המועד - איז פארשטאנדיק אז מ'דארף דערמאנען אין דער פתיחה בברכה (ניט נאר די ברכה פון "גוט שבת", נאר אויך) די ברכה פון "גוט מועד".

און וויבאלד אז די ברכה (און דער "פותחין בברכה") איז פארבונדן מיט שמחת בית השואבה, וואס שמחת בית השואבה איז שייך צו יעדן איינעם און איינער, איז פארשטאנדיק, אז די פתיחה בברכה דארף געטאן ווערן דורך אלעמען.

און דעריבער, וועט ניט זיין גענוג מיט דעם וואס איך וועל אנהויבן מיט א ברכה, נאר דער פתיחה בברכה דארף זיין דורך יעדערער וואס געפינט זיך דא.

ובפרט אז מ'געפינט זיך אין א מקום מיוחד, אין די ד' אמות פון נשיא דורנו, כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואס ער איז שייך צו אלעמען, און קדושה לא זזה ממקומה[13].

ובפרט אז כמה פון די וואס געפינען זיך דא, האבן זוכה געווען צו זען כ"ק מו"ח אדמו"ר בעיני בשר ווען ער איז געווען בחיים חיותו בעלמא דין, און האבן געהערט חסידות פון אים וכו'.

און די "טף" וואס האבן עם ניט געזען - זיינען זיי דאך שייך צו דעם דור פון נשיא דורנו, און הנשיא הוא הכל[14].

ד. און דער עיקר איז, אז פון דער פתיחה בברכה זאל מען דערנאך ממשיך זיין פראוונען שמחת בית השואבה בפועל ממש (ווי גערעדט פריער[15] אז היינט פראוועט מען שמחת בית השואבה אויך אין שבת, ווארום ס'איז ניט שייך די גזירה וכו'), און דערנאך ממשיך זיין די שמחה אין די איבעריקע טעג פון סוכות, ביז צו שמע"צ ושמח"ת, וואס דעמאלט איז די "קליטה" פון די אלע טעג שלפנ"ז, און אלץ קומט אין א פנימיות[16]. ביז אז מ'איז דאס ממשיך אויפן גאנצן יאר, ביז "זמן שמחתנו" פון דעם קומענדיקן יאר, כידוע דאס וואס נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר האט מפרסם געווען אז די מועדים פון חודש תשרי זיינען מועדים כלליים[17].

און דערנאך ווערט מען "נרות להאיר"[18], אז ער בלייבט ניט מיט

13) ראה ע"ח ש"ד פ"ג. של"ד פ"ג. של"ה פ"א. אגה"ק ביאור לסי' זך (קמז, א). 14) פרש"י חוקת כא, כא. 15) שיחת ליל א' דחגה"ס ס"ב. 16) ראה רד"ה ביום השמע"צ תרנ"ט. תש"מ (סה"מ מלוקט ח"א ע' שסג). וש"נ. 17) ראה סה"מ תש"ב ע' 219. וראה גם סה"מ תקס"ו ע' שעט. אור התורה סוכות ע' א'תשנו. ברכה ס"ע א'תתסו ואילך. סה"מ תרנ"ד ע' לו. תרנ"ו ע' רעח. 18) ראה לקו"ש ח"ב ע' 484 ואילך. וש"נ.

דעם ענין פון "נר ה' נשמת אדם"[19], נאר אז ער ווערט אויך א "נר להאיר" צו אנדערע.

אנהויבנדיק פון זיין אייגענע בני בית - "ביתו זו אשתו"[20], און אשתו כגופו[21], און דערנאך אויך צו זיינע קינדער, וואס ער איז מחוייב זיי צו מחנך זיין (ביז אז ס'איז פאראן דיעות אז חינוך איז גאר מדאורייתא[22]),

און דערנאך אויך - צו די אלע וואס געפינען זיך לעבן עם אין זיין סביבה, ביז אז ער פועל'ט אז דער גאס אליין זאל טאנצן, ביז אז ער איז אויך משפיע אויף די גויים וואס געפינען זיך אין גאס.

און אין דעם קומט צו נאכמער בשעת מ'געפינט זיך אין שנת "תשמט ידיך"[23], וואס ווי גערעדט כמה פעמים - איז דאס א המשך פון שנה שלפנ"ז - שנת תישמח (אליין) און תשמח (אנדערער) און הקהל. ד.ה. אז די אלע עילויים און הוספות פון דעם יאר, זיינען בהוספה אויף די ענינים פון לעצטן יאר.

וואס דאס איז ע"ד דער לשון הידוע "ננס על גבי הענק", אז קומענדיק פון א יאר מיט די אלע עילויים שבו, איז פארשטאנדיק אז מ'שטייט אויף אן "ענק". וויבאלד אז מ'רעדט אבער וועגן דעם עילוי פון דעם יאר, שנת תשמ"ט, קומט אויס, אז ס'איז ניט א "ננס על גבי הענק", נאר ס'איז אזוי ווי אן "ענק על גבי הענק"!

ה. ויש להוסיף, אז דער ענין (פון "ענק על גבי הענק") איז במיוחד פארבונדן מיט שמחה, און אזא שמחה וואס ווערט נמשך צו יעדן איינעם, ביז צום תחתון ממש:

מ'געפינט אז אברהם אבינו ווערט אנגערופן "האדם הגדול בענקים"[24].

זעט מען (און ווי גערעדט בארוכה אין די פריערדיקע נעכט), אז די עבודה פון אברהם אבינו איז געווען באזונדער פארבונדן מיט הכנסת אורחים, דורך דעם וואס ער האט איינגעלאדן און אריינגערופן יעדן איינעם, און זיי געגעבן צו עסן און טרינקען.

---

19) משלי כ, כז. וראה תניא פי"ט. 20) משנה ריש מס' יומא. גיטין נב, א. 21) מנחות צג, ב. 22) ראה אנציקלופדי' תלמודית ערך חינוך בתחלתו. וש"נ. 23) ל' הכתוב - ראה טו, ג. 24) יהושע יד, טו.

און דאס איז ניט געווען סתם עסען און טרינקען, נאר ער האט זיי געגעבן מן המשובח ביותר, פון די בעסטע - ג׳ לשונות בחרדל[25] וכו׳.

און צו ווער ער האט ער געגעבן אזא באדינונג - צו יעדן איינעם, אפילו צו אראבער[26] וואס האבן זיך ארומגעדרייט אין מדבר!

און ס׳איז פארשטאנדיק די גרויסע שמחה וואס אברהם אבינו האט גע׳פועל׳ט מיט דער באדינוג, און נאך מיט הרחבה - בא די וועלכע זיינען געקומען צו עם בשעת זיי האבן זיך ארומגעדרייט אין א מדבר שממה...

ו. דער ענין (צו פועל זיין דער ענין פון שמחה אפילו בא אראבער) איז פאראן אויך בעבודת האדם:

דער ווארט "ערבי" (אראבער) איז (אויך) פון לשון מעורב, צוזאמענגעמישט. וואס בעניננו מיינט דאס - דער נפש הבהמית וואס איז צוזאמענגעמישט מיטן נפש האלקית.

און דורך דעם וואס מ׳איז משפיע ביז אויף בחי׳ "ערבי" שבו - דער נפש הבהמית, ביז אז מ׳איז איר מהפך צו טוב (אתהפכא חשוכא לנהורא) - פועל׳ט מען דעם ענין פון "ערבי" מלשון עריבות ומתיקות. ביז א מתיקות וואס איז מער ווי דער נפש האלקית פארמאגט פון זיך אליין.

וואס דאס מיינט בפשטות - אז די שמחה פון בית השואבה דארף זיין ניט נאר מיטן נפש האלקית, נאר - ווי מ׳לערנט אפ פון אברהם אבינו, אז ער האט אויפגעטאן מיט אלעמען, ביז אפילו מיט אראבער כפשוטם - אז דער נפש הבהמית (בחי׳ "ערבי") זאל אויך פרייען זיך אין שמחת בית השואבה, ביז נאכמער - אז מ׳פועל׳ט אויף די אלע וואס געפינען זיך אין גאס, כולל אויך די גויים (כפשוטם) וואס געפינען זיך דאַרט, ביז אז די גאס אליין וועט מיט-טאנצן.

ז. ולהעיר ולהוסיף ע״פ הנ״ל, אז דער ענין פון פועל׳ן אויף אלעמען, כולל אויך דער נה״ב (בחי׳ "ערבי") און גויים וכו׳, איז פארבונדן במיוחד מיט דער גודל השמחה פון חג הסוכות - ובהקדם א שאלה הידועה וואס ווערט געבראכט אין ספרים:

חג הסוכות ווערט אנגערופן "זמן שמחתנו", ובפשטות - אז דאן

25) ב״מ פו, ב, פירש״י וירא יח, ז. 26) ב״מ שם. פרש״י שם, ד. וראה לקו״ש ח״א ע׳ 28. ועוד.

איז א שמחה גדולה ביותר, ביתר שאת, מער ווי די אנדערע רגלים (כנ"ל אז בחגה"ס שטייט דריי מאל שמחה).

דארף מען פארשטיין, וואס איז די גרויסע שמחה פון חג הסוכות. עס האט מער ארט, לכאורה, אז בחג הפסח זאל זיין די גרעסטע שמחה, ווארום:

בחג הפסח איז געווען די "לידה" פון עם ישראל, וכמ"ש[27] "לקחת לו גוי מקרב גוי", און דעמאלט איד די מציאות פון אידן נתהווה געווארן מחדש, ביז א התהוות "מאין ליש". משא"כ בחג הסוכות, וואס דעמאלט זיינען אידן שוין געווען במציאות [ואדרבא - די מציאות פון אידן (וואס איז שוין דא) ווערט נאכמער אונטערגעשטראכן בחגה"ס, וויבאלד אז חגה"ס קומט נאך דער עבודה פון חודש אלול, ראש השנה און יום הכיפורים].

אויב אזוי, וואס איז אזוי די גרויסע שמחה פון חג הסוכות, לגבי חג הפסח וואס דעמאלט איז די מציאות פון אידן נתחדש געווארן מאין ליש?!

ווערט געבראכט אין ספרים דער ביאור פארוואס איז פאראן אזא גרויסע שמחה בחג הסוכות, ווייל חג הסוכות קומט בהמשך צו עבודת התשובה שלפנ"ז:

פריער איז דא די עבודת התשובה בחודש אלול (נאך פאר ר"ה ויוה"כ), און דערנאך הלוך והוסיף בעבודת התשובה, ביז צו דער תשובה ביום הכיפורים, וואס דעמאלט איז די עבודה פון "תשובה עילאה"[28], וואס "תשובה עילאה" איז "בשמחה רבה"[29],

און די שמחה פון "תשובה עילאה" קומט בגילוי בחג הסוכות [כידוע אז די אלע ענינים פון ר"ה און יוהכ"פ ("בכסה"[30]) קומען לידי גילוי בְחג הסוכות[31] ("ליום חגינו"[30])].

וואס דאס מיינט אין אנדערע ווערטער, אז די שמחה איז פון עבודת התשובה - וואס מ'איז מהפך דעם נפש הבהמית (בחי' "ערבי"), "לנהורא".

און די שמחה איז ניט נאר מיט די אייגענע נה"ב, נאר מ'איז זי אויך ממשיך אין גאס (כנ"ל), און בא די אלע אידן וואס געפינען זיך אין גאס, ביז אויך צו די גויים וועלכע געפינען זיך דארט,

27) ואתחנן ד, לד. 28) ראה לקו"ת תצא לז, ד. ובארוכה - ברכת עריוכ"פ תשמ"ה ס"ד וש"נ. ובכ"מ. 29) אגה"ת ספי"א (ריש ע' קא, א). 30) תהלים פא, ד. 31) ראה לקו"ת דרושים לר"ה נד, ד. ובכ"מ.

אז זיי העלפן די אידן ארויס מיט די שמחה פון בית השואבה (ע"ד לע"ל, וואס דאן וועט זיין "ועמדו זרים ורעו צאנם"[32]),

און אזוי אויך העלפן אידן ארויס די גויים צו מקיים זיין זייערע ז' מצוות, ווי דער רמב"ם פסק'נט[33], אז "צוה משה מפי הגבורה לכוף את כל באי העולם לקבל מצוות שנצטוו בני נח".

ח. אז מ'רעדט שוין וועגן פסק הרמב"ם (וועגן די שבע מצוות ב"נ), איז כאן המקום להזכיר דער "עיקר" פון רמב"ם - דאס וואס ער זאגט אין אנהויב און סוף פון זיין ספר, וואס האט אויך א קשר מיט שמחת בית השואבה:

ווען איימעצער וועט קומען און פרעגן: וואס זאל ער זיך מתבונן זיין ווען ער פראוועט שמחת בית השואבה?

זאגט מען אים, אז דער רמב"ם שרייבט אין אנהויב פון זיין ספר: "יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון והוא ממציא כל נמצא, וכל הנמצאים משמים וארץ ומה שביניהם לא נמצאו אלא מאמתת המצאו". וואס פון דעם האט מען גלייך די הוראה צו יעדן איינעם:

לכל לראש (דער "יסוד" פון אלץ) איז "לידע שיש שם מצוי ראשון כו' וכל הנמצאים כו' לא נמצאו אלא מאמתת המצאו": זיין התבוננות איז אין אן אופן פון "לידע", דעת (ניט "להאמין" וכיו"ב), וואס "דעת" איז פון "לשון התקשרות והתחברות, שמקשר דעתו בקשר אמיץ וחזק מאוד...ויתקע מחשבתו בחוזק", וואס דורך דעם איז מען מוליד די אלע מדות, "אהבה וענפי' ויראה וענפי'"[34], ביז אז ס'נעמט אים דורך אינגאנצן און אין אלע זיינע הנהגות.

ובפשטות: ער איז זיך מתבונן, אז זיין גאנצע מציאות - זיין גוף, זיינע אברים, און די מציאות פון זיינע בני בית, און די מציאות פון זיין סוכה, און זיין טיש וואס געפינט זיך אין סוכה, און די מציאות פון דער גאנצער וועלט - איז אלץ "לא נמצאו אלא מאמתת המצאו"!

און דורך דעם קומט מען צום סיום הרמב"ם, "ובאותו הזמן כו' לא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד כו' שנאמר[35] כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים", אז די גאנצע וועלט וועט

---

32) ישעי' סא, ה. 33) הל' מלכים פ"ח ה"י. 34) תניא ספ"ג. 35) ישעי' יא, ט.

דאן זיין דורכגענומען מיט "לדעת את ה' בלבד", עאכו"כ בנוגע צו די חכמי ישראל, אז זיי וועלן זיין "חכמים גדולים כו' וישיגו דעת בוראם".

און דאס (דער אנהויב און סוף פון רמב"ם וועגן ידיעת ה'), איז מודגש במיוחד בחג הסוכות:

יעדער טאג פון סוכות, אין דעם סיום פון דעם נוסח ההושענות זאגט מען דעם פסוק[36]: "למען **דעת** כל עמי הארץ כי ה' הוא האלקים אין עוד". און מיט נאכמער שטורעם זאגט מען (דעם זעלבן תוכן) אין די פסוקים פון "אתה הראת" פאר די הקפות פון שמע"צ און שמח"ת (וואס דעמאלט זיינען די אידן בתכלית השלימות, "ישראל ומלכא בלחודוהי"[37]): "אתה הראת **לדעת** כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו"[38].

ט. וואס דערפאר, ע"פ האמור לעיל, וועט מען איצטער אנהויבן, "פותחין בברכה", מיטן ברכה פון "גוט שבת גוט מועד". און ווי געזאגט, אז דער "פותחין בברכה" זאל זיין דורך יעדן איינעם וואס געפינט זיך דא, בתוך כלל ישראל.

און ס'איז פארשטאנדיק, אז יעדער מאל וואס מ'איז מכריז "גוט שבת גוט מועד" דארף דאס זיין מיט נאכמער עילוי, און מיט נאכמער שמחה.

[און די וואס ווייסן ניט וואס צו מכוון זיין בשעת די פתיחה בברכה - איז ידוע וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט[39], אז מ'קען מכוון זיין, אז די אלע כוונות וואס מ'דארף מכוון זיין זאלן זיין ווי דער אויבערשטער וויל].

והמעשה הוא העיקר[40] - אנצוהויבן מיט דער ברכה פון "גוט שבת גוט מועד".

[כ"ק אדמו"ר שליט"א הכריז "גוט שבת גוט מועד", והורה שכל הקהל יכריזו "גוט שבת גוט מועד" - ג' פעמים. אח"כ התחיל לנגן "ושמחת בחגך", וניגנו בשמחה רבה].

* * *

י. מ'איז רגיל יעדער שבת צו לערנען א פסוק אין פרשת השבוע

---

36) מלכים א' ח, ס. 37) ראה זח"א סד, א. ואילך. רח, ב. ח"ג לב, ג. ועוד. 38) ואתחנן ד. לה. 39) ראה אגרות קודש שלו ח"ג ע' קמד. ועוד. 40) ראה אבות פ"א מי"ז.

צוזאמען מיט פירוש רש"י.

בנוגע צו אונזער פרשה, פרשת ברכה, איז פאראן א מאדנע זאך:

יעדער יאר לערנט מען פרשת ברכה (אין די שיעורים פון חת"ת וכיו"ב) במשך פון מער ווי איין וואך.

אבער וויבאלד אז מ'לייענט ניט פרשת ברכה (די גאנצע סדרה) ביום השבת (ווי אלע אנדערע פרשיות אין תורה), נאר מ'לייענט איר נאר בשמח"ת, האט מען ניט קיין געלעגנהייט צו רעדן וועגן א רש"י אין דער פרשה, ווי מ'פירט זיך אין אנדערער שבתים (אע"פ אז עס זיינען פאראן א ריבוי ענינים אין פרשת ברכה וועלכע דארפן האבן א ביאור). און לאידך - קען מען דאס ניט טאן בשמח"ת, ווארום בשמח"ת איז "מצות היום בשמחה"[41], מיט זינגען און טאנצן וכו', און ס'איז פארשטאנדיק וואס פארא אויסזען ס'וועט האבן אז מ'וועט מפסיק זיין די שמחה און די טאנצן און זינגען פון שמח"ת, און רעדן וועגן א שוועריקייט אין רש"י...!

דערפאר וועט מען איצט (ביום השבת, ווען מ'לערנט פרשת ברכה) רעדן וועגן א רש"י אין פרשת ברכה. (ואע"פ אז שבת חוה"מ האט זיין אייגענע ספעציעלע קריאת התורה, אעפ"כ, וויבאלד אז מ'לערנט היינט פרשת ברכה, איז מובן אז דער טאג האט א שייכות אויך מיט פרשת ברכה).

[און וויבאלד אז מ'דארף מאכן קידוש און פרייען זיך אין שמחת בית השואבה וכו', וועט מען דעריבער רעדן נאר וועגן איין רש"י (אע"פ אז עס זיינען דא א ריבוי ענינים אין פרשת ברכה וועלכע דארפן האבן ביאור, כנ"ל)].

יא. וויבאלד אז מ'רעדט שוין וועגן רש"י - איז כאן המקום צו מעיר זיין אויף א פלא בנוגע צו רש"י, וואס דערווייל האב איך ניט געזען אז מ'זאל זיך אויף דעם אפשטעלן:

ובהקדים:

מ'האט שוין גערעדט א ריבוי פעמים וועגן די גרויסקייט און מעלה פון פרש"י על התורה - לכל לראש, אז פרש"י איז פשוטו של מקרא (וואס איז א חלק עיקרי בתורה), און ווי ער האט אוועקגעלייגט דעם כלל אין דעם אנהויב פון זיין פירוש[42]: "אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא".

---

41) ראה ס' השיחות תש"ג ע' 8. תש"ה ע' 58. 42) בראשית ג, ח. ועוד.

און דאס איז עד כדי כך, אז ווען מ'לערנט מיט א "בן חמש שנים למקרא"[43], איז בכדי צו פארשטיין גוט וואס מ'לערנט - דארף מען לערנען מיט עם דעם פסוק מיט פירוש רש"י. און צווישן די אלע מפרשי פשוטו של מקרא, איז פירוש רש"י דער פירוש וואס איז אנגענומען בא אלעמען. ביז אז דאס איז מרומז אין דעם נאמען "רש"י", וואס איז א ר"ת "רבן (אדער ראשן) של ישראל", ווייל ער איז דער "רבי" פון יעדן איינעם, אפילו פון א גדול שבגדולים, וואס אויך ער הויבט אן לערנען חומש צוזאמען מיט פירוש רש"י.

און ווי מ'זעט עס אפילו ווען מ'לערנט משנה וגמרא, אז אויב מ'וויל לערנען ע"ד הפשט - מוז מען לערנען מיט פרש"י, וואס ער איז מפרש (אויך אין משנה וגמרא) ע"ד הפשט (דהמשנה וגמרא).

און כל זה - איז נוסף אויף די אנדערע ענינים וואס זיינען פאראן אין פרש"י - די "ענינים מופלאים"[44], און "יינה של תורה" (ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט)[45], וכו'.

אויב אזוי (אז פירש"י איז מוכרח בכדי צו פארשטיין פשוטו של מקרא) - דארף מען פארשטיין - ווי האט מען געלערנט חומש אין די אלע יארן פאר דעם וואס רש"י האט געשריבן זיין פירוש?

דער סדר פון "בן חמש שנים למקרא" איז א זאך וואס שטייט אין משנה[43]. און ס'איז ניט וואס דער משנה איז מודיע אז אזוי **דארף זיין** דער סדר הלימוד, נאר אז אזוי **איז** געווען דער סדר משנים קדמוניות. איז וויבאלד אז מ'האט געדארפט לערנען מקרא מיט א "בן חמש שנים למקרא", און ע"פ **פשוטו** של מקרא - וואס האט מען געטאן אין די יארן און דורות פאר זמן רש"י און פאר דעם וואס ער האט געשריבן זיין פירוש?

מ'קען ניט זאגן אז די אלע מלמדים האבן מכוון געווען צו איינער פון די פירושים שע"פ פשוטו של מקרא (ווארום וויבאלד אז זיי לערנען מיט די תלמידים באמונה (במכ"ש וק"ו פון דעם וואס עס דארף זיין משאו ומתנו באמונה[46]), איז פארשטאנדיק אז זיי האבן סייעתא דשמיא און ספעציעלע כחות בכדי צו מצליח זיין אין זייער ארבעט) - ווארום ס'איז אוממעגלעך אז יעדער איינער פון זיי זאל זיך אליין כאפן אויף דעם זעלבן פירוש וואס איז מכוון צו פשוטו של מקרא.

---

43) ל' המשנה - אבות ספ"ה. 44) של"ה במס' שבועות שלו (קפא, א). 45) "היום יום" כ"ט שבט. 46) ראה יומא פו, א. רמב"ם הל' דעות פ"ה הי"ג.

מוז מען זאגן אז די מלמדים האבן זיך צוזאמענגערעדט, און זיי האבן מסכים געווען אויף א פירוש וואס איז ע"פ פשוטו של מקרא, און דערנאך האבן זיי אזוי געלערנט מיט די תלמידים, נאר דער פירוש איז ניט נתפשט ונתקבל געווארן ברוב תפוצות ישראל אזוי ווי פירוש רש"י וואס איז נתפשט ונתקבל געווארן ברוב תפוצות ישראל.

מ'דארף נאך אבער פארשטיין: פארוואס געפינט מען ניט אז דער פירוש זאל זיין ערגעץ וואו געשריבן אין א "קונטרס" וכיו"ב. ווארום ס'איז פארשטאנדיק, אז זיי האבן זיך ניט סומך געווען אויפן אייגענעם זכרון, נאר זיי האבן דאס אראפגעשריבן (אזוי ווי פירוש רש"י, וואס איז אראפגעשריבן געווארן - פריער אין א "קונטרס", און דערנאך איז דאס נתפשט געווארן, און נאכמער נתפשט געווארן, ביז הלוך ונתפשט וכו'). איז פארוואס געפינט מען ניט דאס וואס זיי האבן פארשריבן?

און דער עיקר "קלאץ קשיא" איז - אז קיינער שטעלט זיך ניט אויף דעם (אזוי ווי אויף אנדערע פלאים)!

ופשוט, אז דער עיקר כוונה בזה איז ניט אז מ'זאל בלייבן מיט א קשיא און אוועקגיין מיט א קשיא, נאר אז מ'זאל מעיין זיין און זוכן א ביאור אויף דעם.

יב. בנוגע צו אונזער פירוש רש"י אין דער היינטיקער פרשה פון חומש, פון שביעי ביזן סוף הפרשה:

אויפן פסוק "(ויראהו ה' את כל הארץ גו') עד הים האחרון"[47], זאגט רש"י: "ארץ המערב בשלותה ובחורבנה". ד.ה. אז רש"י איז מפרש דעם ווארט "הים" כפשוטו - מלשון מערב, אז דער אויבערשטער האט באוויזן משה רבינו דער מערב זייט פון א"י.

דערנאך איז רש"י מוסיף: "ד"א אל תקרי הים האחרון אלא היום האחרון, הראהו הקב"ה כל המאורעות שעתידין ליארע לישראל עד שיחיו המתים".

דארף מען פארשטיין:

"אל תקרי" מיינט אז מ'איז **שולל** דעם פירוש הפשוט אין פסוק, און מ'לייגט אריין אן אנדער ווארט אדער אות, וואס איז **משנה** דעם פשט פון פסוק[48]. איז ניט פארשטאנדיק: נאך דעם וואס רש"י איז מפרש א פירוש וואס איז ע"פ פשוטו של מקרא - פארוואס דארף

47) לד, ב. 48) ראה גם ס' כללי רש"י פי"ג, וש"נ.

רש״י ברענגען א צווייטן פירוש, וואס בייט איבער דעם פירוש הפשוט אין פסוק. ובפרט אז ער האט שוין מפרש געווען א פירוש וואס איז ע״פ פשוטו של מקרא?!

מ׳וואלט געקענט ענטפערן, אז מ׳געפינט כמה פעמים אין פירוש רש״י אז ער ברענגט דעם ענין פון קרי וכתיב און חסיר ויתיר וכו׳, ווייל אין פשוטו של מקרא, קען אמאל זיין א חילוק צווישן א ״קרי״ מיט א ״כתיב״. און אזוי וואלט מען געקענט זאגן דא אויך, אז דאס וואס רש״י ברענגט דעם צווייטן פירוש וועגן ״היום האחרון״, איז ע״ד חסיר ויתיר, ווארום דער חילוק צווישן ״ים האחרון״ מיט ״יום האחרון״ איז נאר א חילוק פון איין אות, דער אות וא״ו, און רש״י טייטשט אז דער ווארט ״ים״ איז ״חסר״ א וא״ו[49].

ס׳איז אבער פארשטאנדיק, אז דאס (אז אמאל ברענגט רש״י דעם ענין פון חסר ויתיר) איז נאר ווען ס׳איז פאראן א הכרח אין פשוטו של מקרא אזוי צו זאגן[49]. ובנדו״ד - וואס איז דער הכרח פון רש״י צו מפרש זיין דא ״אל תקרי הים האחרון אלא היום האחרון״, און דורך דעם משנה זיין דעם פירוש הפשוט אין פסוק?

יג. וועט מען דאס פארשטיין בהקדם - אז ס׳איז פאראן א זאך וואס איז דורש ביאור אין כללות הענין:

דאס וואס דער אויבערשטער האט באוויזן משה רבינו ״את כל הארץ״[50], גאנץ ארץ ישראל, איז דאס געווען נאך דעם וואס משה האט געבעטן באם אויבערשטן ״אעברה נא ואראה את הארץ הטובה אשר בעבר הירדן״[51], און משה האט געזאגט, אז דער אויבערשטער ״לא שמע אלי״[52], און אז דער אויבערשטער האט אים געזאגט ״עלה ראש הפסגה ושא עיניך...וראה בעיניך כי לא תעבור את הירדן הזה״[53], ״אני[54] מראה לך את כולה שנאמר[50] ויראהו ה׳ את כל הארץ״. וואס עפ״ז איז פארשטאנדיק דאס וואס דער אויבערשטער האט באוויזן משה׳ן גאנץ ארץ ישראל, מיט אלע פרטים - ארץ גלעד, דן, נפתלי, אפרים ומנשה וכו׳, ווייל וויבאלד אז ער האט ניט געקענט אריינגיין אין א״י, האט אים דער אויבערשטער עכ״פ באוויזן א״י.

איז אויב משה רבינו האט געבעטן צו אריינגיין אין ארץ ישראל,

---

49) ראה שם אות 3. 50) לד, א. 51) ואתחנן ג, כה. 52) שם כו. 53) שם כז. 54) פרש״י עה״פ.

און דער אויבערשטער האט אים ניט געלאזט, נאר במקום זה האט ער עם נאר **באוויזן** ארץ ישראל - איז וואס האט דא פאר אן ארט דאס וואס רש״י איז מפרש ״הראהו הקב״ה כל המאורעות שעתידין ליארע לישראל עד שיחיו המתים״ - דאס האט דאך משה ניט געבעטן, ער האט נאר געבעטן צו אריינגיין אין א״י היינט (ובמקום זה האט דער אויבערשטער אים געדארפט באווייזן ווי א״י איז **היינט**); צוליב וואס האט עם דער אויבערשטער באוויזן די אלע ״מאורעות״, און נאך ״**עד שיחיו המתים**״?!

און די שאלה, איז ניט נאר אויפן צווייטן פירוש פון רש״י (״הראהו הקב״ה כל המאורעות כו׳״), נאר אויך אויפן ערשטן פירוש פון רש״י ״ארץ המערב בשלותה ובחורבנה״ - צוליב וואס האט דער אויבערשטער געדארפט באוויזן משה רבינו ״ארץ...**בשלותה ובחורבנה**״ - ער האט דאך געוואלט אריינגיין אין ארץ ישראל **היינט**!

נאמכער: דאס איז א שאלה - ניט נאר אין אונזער פרש״י, נאר אויך אויפן פירוש רש״י פון דעם גאנצן ענין:

אין די פסוקים שטייט: ״ויראהו ה׳ את כל הארץ את הגלעד עד דן, ואת כל נפתלי ואת ארץ אפרים ומנשה ואת כל ארץ יהודה עד הים האחרון״. אויף דעם איז רש״י מפרש: ״את כל הארץ - הראהו את כל ארץ ישראל בשלותה והמציקין העתידים להיות כו׳״, ״עד דן - הראהו בני דן עובדי ע״ז״, ״ואת כל נפתלי - הראהו ארצו בשלותה וחורבנה כו׳״, ״ואת ארץ אפרים ומנשה - הראהו ארצם בשלותה ובחורבנה כו׳״, ״ואת כל ארץ יהודה - בשלותה ובחורבנה כו׳״, ביז אין אונזער רש״י - ״עד הים האחרון - ארץ המערב בשלותה ובחורבנה״. און אזוי איז ער אויך מפרש אין דעם פסוק שלאח״ז - אז דער אויבערשטער האט באוויזן משה רבינו כמה פון די ענינים וואס וועלן פאסירן אין דעם עתיד.

וואס דא שטעלט זיך די זעלבע שאלה: צוליב וואס האט דער אויבערשטער אים געדארפט באווייזן ארץ ישראל מיט די אלע ענינים וואס וועלן אין איר פאסירן א **ריבוי שנים לאח״ז**?

אפילו אויב משה רבינו וואלט יע אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, וואלט ער ניט געקענט גלייך זעען דעם בית המקדש, ווייל בנין ביהמ״ק איז געווען ערשט נאך פיר הונדערט מיט אכציק

הנחת הת׳ בלתי מוגה

יאר[55], עאכו״כ בנין ביהמ״ק השני, ועאכו״כ דעם חורבן.

טא פארוואס האט אים דער אויבערשטער געדארפט באווייזן די אלע זאכן - ווען ער האט דאך נאר געוואלט זעען ארץ ישראל (וויבאלד אז ער האט ניט געקענט דארט אריינגיין) ווי דאס איז יעצט?!

[ובפרט אז רש״י איז זיך ניט מסתפק צו שרייבן איין מאל ״בשלותה ובחורבנה״ וכיו״ב - נאר ער חזר׳ט דאס איבער כמ״פ. וואס דאס איז נאכמער מדגיש די שוועריקייט].

און דער ביאור דארף זיין פארשטאנדיק צו א בן חמש למקרא (כמדובר כמ״פ, אז דער אבן הבוחן אז דער ביאור איז ע״פ פשוטו של מקרא - איז אויב דער ביאור וועט זיך לייגן באם בן חמש).

יד. דער ביאור בזה:

דער בן חמש למקרא פארשטייט בפשטות, אז וויבאלד אז משה רבינו איז געווען א רועה נאמן, איז דאס וואס ער האט געבעטן אריינצוגיין אין ארץ ישראל (ביז געבעטן תקט״ו פעמים בגימטריא ״ואתחנן״[56]), איז ניט נאר א בקשה פאר זיין **פערזענלעכע** טובה, אז ער זאל קענען אריינגיין דארט און זען דאס לאנד און צו עסען פון פירות ארץ ישראל וכו׳ וכו׳ (מיט די אלע גוטע ענינים וואס זיינען דארט) - נאר, **ובעיקר**, אז ער וואלט דארטן אריינגעבראכט זיין **גאנצן** דור.

וויבאלד אז אנשי דורו (דעם דור המדבר) זיינען געווען צוזאמען מיט אים די אלע יארן, און האבן מקבל געווען די תורה צוזאמען מיט אים, און זיינען מיט אים אדורכגעגאנגען די אלע נסיונות (כמ״ש[57] ״וינסו אותי זה עשר פעמים״), ביז אז זיי האבן אויך געזען ״כל האותות והמופתים גו׳ לעיני כל ישראל״[58] [וואס ״לעיני **כל** ישראל״ מיינט, לכל לראש בפשטות - **זיין גאנצן** דור (נוסף אויפן פירוש הפנימי אז דאס גייט אויף כל ישראל בכל הדורות)] -

קען מען ניט זאגן אז ער וואלט זיי געלאזט בלייבן אין מדבר, און זיי ניט אריינגעבראכט אין ארץ ישראל, נאר ער וואלט זיכער געטאן כל התלוי בו, און ער וואלט ניט גערוט - און וואלט אויסגעפירט - אריינצוברענגען זיין גאנצן דור אין ארץ ישראל; וויבאלד אז ער איז געווען א ״רועה נאמן״, וואלט משה זיכער ניט

---

55) מלכים א׳ ו, א. 56) ראה דב״ר פי״א, ט. 57) שלח יד, כב. 58) ס״פ ברכה.

געוועז באפרידיקט מיט דעם וואס ער (אליין) איז אריין אין ארץ ישראל.

עפ"ז איז פארשטאנדיק, אז כשם ווי דאס איז געוועז בנוגע צום כניסה לארץ (אז זייענדיק א "רועה נאמן", וואלט משה געזארגט וועגן בני דורו, און וואלט געארבעט אויף זיי אריינצוברענגען אין א"י), איז אזוי אויך בנוגע צו ראיית הארץ (וועלכע דער אויבערשטער האט אים געגעבן במקום הכניסה), אז משה רבינו איז געוועז באזארגט אויך וועגן בני דורו.

ווארום מיט דעם וואס דער אויבערשטער האט באוויזן ארץ ישראל צו משה'ן, האט ער מקיים געוועז עכ"פ א "מעין" פון בקשת משה צו אריינגיין אין ארץ ישראל. איז כשם ווי בנוגע הכניסה לארץ וואלט משה ניט געוועז צופרידן מיט דעם וואס ער וואלט אליין אריינגעגאנגען אין א"י, אזוי איז אויך בנוגע לראיית הארץ: מיט ראיית הארץ אליין, וואלט משה ניט געוועז צופרידן, ווארום, זייענדיק א "רועה נאמן" וואס איז באזארגט וועגן בני דורו, האט ער נאך ניט געזען וואס וועט זיין מיט בני דורו לעתיד.

וואס דערפאר האט אים דער אויבערשטער געדארפט באווייזן (ניט נאר ווי א"י שטייט היינט, נאר) ווי א"י וועט זיין לעתיד, און טאקע, דוקא "עד שיחיו המתים", וואס דעמאלט וועלן כל אנשי בני דורו, צוזאמען מיט משה, אריינגיין אין א"י. און דוקא דורך זען ווי א"י איז אויך לעתיד (און ניט נאר די גשמיות'דיקע לאנד ווי דאס איז איצטער) - האט דאס בארואיקט משה רבינו, דער "רועה נאמן".

און דערפאר איז רש"י מפרש, ע"פ פשוטו של מקרא, אז דער פירוש הפסוק (אין "עד הים האחרון", און די אנדערע פסוקים), איז כולל (אויך) די אלע מאורעות דלעתיד.

ויש להאריך בזה.

טו. און אויב מ'דארף האבן א בעסערע הסבּרה, קען מען גיין און פרעגן ביי א בן חמש למקרא, און ער קען דאס מסביר זיין אויך צו א איד מיט א וויסן בארד וואס לערנט אויך מקרא ע"ד הפשט, אבער - ער לערנט ניט אין אן אופן אז ער בלייבט באם לימוד הפשט (היו לא תהי'...), ווארום דאס איז דאך ניט גענוג פאר עם, נאר ער מוז לערנען ע"ד הרמז, דרוש וסוד, ובפרט אויב ער איז נאך א "חבד'ניק" - זוכט ער וואו ער קען געפינען א ביאור אויף דעם

הנחת הת' בלתי מוגה

אין די דרושי חסידות, ווארום, דער לימוד המקרא ע"ד הפשט באפרידיקט ניט - לדעתו - זיין "חכמה, בינה ודעת", ביז צו "יתפרנסון"[59] מיני'...

דעריבער, בכדי צו באקומען נאכמער ביאור בפרש"י זה, דארף מען צוגיין דוקא צו א קינד, א "בן חמש שנים למקרא", און בא עם פרעגן דעם ביאור ע"ד הפשט.

[ולהעיר, אז לימוד מקרא ע"ד הפשט - כולל דורך לימוד מקרא צוזאמען מיט פרש"י - איז אויך נוגע, און איז א הכנה - צו דער גאולה העתידה, ווארום, דורכ'ן לימוד איצט, ווערט מען ראוי אויפצונעמען דעם לימוד פון "תורה חדשה"[60] דלע"ל, וכמאחז"ל[61] "אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו", אז ער האט שוין דעם לימוד ("תלמודו") צוגעגרייט, און דורכדעם קען ער גיין ווייטער. וואס דאס איז לכל לראש דורך לערנען מקרא ע"ד הפשט - מיט פרש"י.

ולהוסיף, אז אזוי איז אויך בנוגע לימוד המשנה וגמרא, אז מ'דארף לערנען, לכל לראש, ע"ד הפשט - מיט פרש"י. ואדרבא - באם לערנען משנה וגמרא איז נאכמער נוגע דער פשט, ווייל מיט תושב"כ קען מען יוצא זיין דער חובת הלימוד אפילו אויב לא ידע מאי קאמר[62], משא"כ אין לימוד המשנה וגמרא, וואס מוז זיין מיט הבנה והשגה, אז מ'פארשטייט וואס מ'זאגט].

טז. פון דעם פירוש רש"י, האט מען אויך א הוראה בעבודה, ובלשון הרגיל: "החי יתן אל לבו"[63]:

וויבאלד אז דער אויבערשטער האט באוויזן משה רבינו "כל המאורעות שעתידין ליארע לישראל עד שיחיו המתים", איז פארשטאנדיק, אז אין דעם גייט אריין, און זיינען נכלל, מעשינו ועבודתינו בְמשך זמן הגלות[64], כולל אויך - דאס וואס מ'פראוועט היינט שמחת בית השואבה (לאחרי וואס מ'האט שוין "רובו ככולו" פון ימי הסוכות, כנ"ל) - בשמחה גדולה.

און דורכדעם קען מען ברענגען, ע"י "מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות"[64] - די גאולה האמיתית והשלימה, וואס דעמאָלט וועט זיין "יחיו המתים".

---

59) ל' התקו"ז ת"ו בסופו. וראה הקדמת המקדש מלך לספרו. כסא מלך לתקו"ז שם. ועוד. 60) ראה ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג. 61) פסחים נ, א. וש"נ. 62) ראה הל' ת"ת לאדה"ז ספ"ב. 63) קהלת ז, ב. 64) ראה תניא ספל"ז.

וואס דא זעט מען די מעלה און גרויסקייט וואס יעדער איד פארמאגט, אז ער קען פועל'ן דעם ענין פון "יחיו המתים"!

וואס בנוגע לענינינו - בענין שהזמן גרמא - מיינט דאס אז יעדער איד קען "מחי׳" זיין דעם אנדערן אין דער שמחה פון "בית השואבה",

ביז אז דורך דעם, פועל'ט ער דעם ענין פון "יחיו המתים" כפשוטו. אז ניט נאר איז ער אליין אין א מעמד ומצב פון "ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כולכם היום"[65], נאר וויבאלד אז ער איז פארבונדן מיט "אלקיכם חיים", וואס ער איז "מחי׳ חיים"[66], האט ער א כח צו פועל'ן דעם ענין פון "חיות" כפשוטו בא אנדערע.

און אע"פ אז ער קען טענה'ן: ווי אזוי קען אימעצער וואס געפינט זיך אין דעם דור, און איז, בפשטות, אין א נידעריקען מעמד ומצב פון די דורות שלפנ"ז ("אכשור דרא - בתמי׳"[67]) - איז ווי קען ער מחי׳ זיין די וואס זיינען א סאך העכער ווי עם?!

איז דער ענטפער אויף דעם - אז דער וואס געפינט זיך אין אן אנדער דור איז לאו דוקא העכער פאר אים, ווארום, די אלע חילוקי דרגות זיינען שייך נאר אין גילויים וכו׳, משא"כ ווען מ׳רעדט וועגן די אמת'ע מציאות פון א איד - איז יעדער איד איין זאך מיט דעם אויבערשטן, און ווי דער רמב"ם זאגט "וכל הנמצאים לא נמצאו אלא מאמיתת המצאו" (כנ"ל ס"ז). וכלשון הידוע, אז יעדער איז א "חלק אלקה ממעל ממש"[68] [און ווי די צוויי פירושים אין "ממש"[69]: א) דער ווארט "ממש" איז מדגיש אמיתת מציאות הענין; ער איז "ממש" א חלק אלקה ממעל. ב) "ממש" מלשון ממשות, אז ער קען דאס אנטאפן מיט די הענט (ער דארף נאר פריער וואשן די הענט אז זיי זאלן ווערן "אידישע הענט"); ער קען אנטאפן מיט די הענט דאס וואס ער איז א "חלק אלקה ממעל ממש"].

דעריבער איז פארשטאנדיק ווי יעדער איד האט דעם כח צו פועל'ן און אויפטאן דעם ענין פון "יחיו המתים".

* *

יז. שמחת בית השואבה איז אויך פארבונדן מיט די אושפיזין כמדובר כמ"פ.

---

65) ואתחנן ד, ד. וראה אבות דר"נ ספל"ד. 66) ראה יומא עא, א. ועוד. 67) יבמות לט, ב. ובפרש"י. וש"נ. 68) תניא רפ"ב. 69) ראה "היום יום" כ"ג מנחם אב. ובכ"מ.

סיי די אושפיזין פון זהר[70] - אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף ודוד. און סיי די חסידישע אושפיזין[71] - דער בעל שם טוב, דער מגיד, דער אלטער רבי, דער מיטעלער רבי, דער צמח צדק, דער רבי מהר״ש און דער רבי (מהורש״ב) נ״ע.

און אע״פ אז דאס זיינען פערצן אושפיזין און צדיקים - אעפ״כ, ווערן זיי אלע נכלל אין די זיבן אושפיזין, ווארום די אושפיזין פון זהר און די חסידישע אושפיזין זיינען איין ענין, ווייל די חסידישע אושפיזין זיינען די ״פנימיות״ פון די אושפיזין שבזהר.

עפ״ז וועט זיין פארשטאנדיק פארוואס די חסידישע אושפיזין זיינען נתגלה געווארן א ריבוי שנים נאך דעם גילוי פון די אושפיזין פון זהר, ווארום אזוי איז דאס געווען בנוגע צו גילוי החסידות בכלל, אז חסידות, פנימיות התורה, איז נתגלה געווארן א ריבוי שנים נאך נגלה דתורה (והולך ונתגלה),

אנהויבנדיק פון דעם אריז״ל, וואס ער האט געזאגט[72] אז ״דוקא בדורות אלו האחרונים מותר, ומצוה, לגלות זאת החכמה״[73],

און דערנאך - דורך דער התגלות פון חסידות בכלל, ובפרט דורך חסידות חב״ד, ״יתפרנסון״[59] מיני׳, ביז אין אן אופן פון ״יפוצו מעינותיך חוצה״[74] (כמדובר כמה פעמים).

יח. די היינטיקע אושפיזין זיינען יוסף הצדיק און דער רבי מהר״ש.

האט מען שוין גערעדט כמה פעמים וועגן דעם דבר המשותף צווישן יוסף און דער רבי מהר״ש, אז איןביידע פון זיי זעט מען די שייכות צו דעם ענין פון ״מלכתחילה אריבער״.

יוסף איז מלשון הוספה. און די אמת׳ע הוספה איז דוקא א הוספה שאין נעלית הימנה. וואס דאס איז דער ענין פון ״אריבער״, אז מ׳געפינט זיך אין די העכסט-מעגלעכע דרגא, ווארום אויב ער געפינט זיך ניט אין דער דרגא - קען מען דאס ניט אנרופן ״אריבער״ באמיתית, ווייל ס׳איז פאראן אן ״אריבער״ שלמעלה

---

70) ח״ג קג, ב ואילך. ח״א רסא, א (בהשמטות). ח״ג רנה, ב ואילך (וראה שם שג, סע״ב ואילך. שב, סע״ב). פע״ח שער חגה״ס ספ״ג. סידור האריז״ל במקומו. וראה ספר הערכים חב״ד (כרך ד׳) ערך אושפיזין דסוכות. וש״נ. 71) שיחת ליל א׳ דחגה״ס תרצ״ז, ותש״ג (הובאה בלקו״ש חי״ד ע׳ 412 בהערה. וראה שם ע׳ 441). אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ט ס״ע תמב ואילך. וראה גם ס׳ הערכים חב״ד שבהערה שלפנ״ז. 72) ראה שער הגלגולים הקדמה טו בסופה. 73) אגה״ק סכ״ו (קמב, ב). 74) ל׳ הכתוב - משלי ה, טז. וראה אגה״ק הבעש״ט הידועה - נדפסה בכש״ט בתחלתו. ובכ״מ.

מזה.

און ווען מ'זאגט "מלכתחילה אריבער" - מיינט מען אז שוין "מלכתחילה", געפינט מען זיך אין א מעמד ומצב פון "אריבער" - שאין למעלה ממנו.

און דער ענין פון "מלכתחילה אריבער" אין יוסף, איז ניט נאר מרומז אין זיין נאמען, נאר אזוי געפינט מען אויך בהדגשה בסיפור ימי חייו:

יוסף איז געווען אין בית האסורים - תכלית הירידה. און פון דארט איז ער ניט סתם ארויס, נאר ער איז ארויס צו ווערן א "משנה למלך". און ניט אין אן אופן אז דאס האט געגומען א משך זמן ביז אז ער איז געווארן א "משנה למלך", נאר גלייך ווי ער איז ארויס פון בית האסורים איז ער געווארן א משנה למלך, וכלשון הכתוב[75]: "מבית האסורים יצא למלוך" - "מלכתחילה אריבער".

און דער ענין (פון "מלכתחילה אריבער" בא יוסף) איז מודגש נאכמער, ווען מ'איז מדייק אין דעם לשון הכתוב הנ"ל "מבית האסורים יצא למלוך":

"מבית האסורים": דאס איז געווען דער תכלית הירידה פאר יוסף'ן, ווייל דאס איז געקומען נאך כמה ירידות, אנהויבנדיק פון "ויוסף **הורד** מצרימה"[76]. דערנאך, זייענדיק אין מצרים האט מען עם פארקויפט פאר אן עבד צו פוטיפר סריס פרעה[76], "לעבד נמכר יוסף"[77] - נאך א ירידה. דערנאך האט מען עם אריינגעזעצט אין בית האסורים - נאך א ירידה. און נאכדעם וואס ער איז דארט געווען כמה זמן (אין דעם מצב של ירידה) האט מען אריינגעבראכט די צוויי סריסי פרעה[78], און ער איז געווארן א משרת צו זיי (ווי דער פסוק זאגט[79] "וישרת אותם") - נאך א ירידה. ד.ה. אז ער האט יורד געווען פון איין ירידה צו א צווייטער ירידה. און דערנאך, פון דעם מעמד ומצב, איז ער ניט סתם ארויסגעגאנגען און נתעלה געווארן פון איין עלי' צו א צווייטע עלי', נאר אן א סדר והדרגה - "מלכתחילה אריבער" - איז

"יצא למלוך": ער איז גלייך געווארן א משנה למלך, און אין אן אופן פון "בלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו בכל ארץ

75) קהלת ד, יד ובפרש"י. 76) וישב לט, א ואילך. 77) ל' הכתוב - תהילים קה, יז. 78) וישב מ, א-ב. 79) שם, ד.

מצרים"[80], ביז אז יוסף האט געהאט א דיעה אויך בנוגע צו הנהגת פרעה[81], ווי דער פסוק דערציילט אז יוסף האט געזאגט צו פרעה'ן "ועתה ירא פרעה איש נבון וחכם וישיתהו על ארץ מצרים"[82], מיט די אלע עצות וואס יוסף האט אים דערנאך געגעבן ווי צו פירן זיין לאנד וכו', און דערנאך ווי יוסף האט בפועל צוזאמענגעקליבן "את כל אכל"[83] וכו'.

און וויבאלד אז פרעה איז געווען א "מושל בכיפה"[84], קומט אויס נאכמער - אז יוסף האט געהאט א דיעה און "בלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו" - אין דער גאנצער וועלט!

און דאס אלץ איז געקומען אין איין מאל, גלייך פון (דער ירידה פון) "בית האסורים"!

נאכמער: די גאנצע עלי' פון יוסף איז געקומען דוקא **דורך** דער ירידה הכי גדולה, ווארום **דורך דעם** וואס ער האט פותר געווען די חלומות פון די צוויי סריסים (מיט די גאנצע השתלשלות וואס איז געווען) - איז "יצא למלוך"!

וואס פון כל הנ"ל זעט מען, אז בא יוסף'ן במיוחד איז געווען דעם ענין פון "מלכתחילה אריבער".

יט. דער קשר פון דעם רבי'ן מהר"ש מיט "מלכתחילה אריבער" זעט מען אויך בגלוי:

ס'איז שוין ידוע ומפורסם זיין פתגם[85]: "די וועלט זאגט, אז מ'קען ניט ארונטער דארף מען אריבער, און איך האלט, אז מ'דארף לכתחילה אריבער"!

און אזוי איז טאקע געווען זיין הנהגה און זיין דרך - באופן פון "מלכתחילה אריבער".

כ. מ'האט גערעדט אין די פריערדיקע נעכט וועגן דעם חידוש פון שנה זו, זייענדיק א שנה מעוברת, וואס ווערט אגערופן "שנה תמימה"[86].

וואס דערפאר, דארף מען זאגן אז מ'קען געפינען א שייכות און קשר צווישן יוסף (און זיין עבודה) מיט דעם ענין פון

---

80) מקץ מא, מד. 81) להעיר מלקו"ש חכ"ה ע' 254. 82) מקץ שם, לג. 83) שם, מח. 84) ראה מכילתא בשלח יד, ה. שמו"ר פט"ו, י. זח"ב ו, סע"א ואילך. ועוד. 85) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תריז. לקו"ש ח"א ע' 124. 86) בהר כה, ל. ערכין לא, א במשנה. רמב"ם הל' שמיטה ויובל פי"ב, ה"ה.

"תמימות".

אבער, אז מ'קוקט זיך צו אין דברי ימי חייו פון יוסף, זעט מען, לכאורה, דער היפך:

חסידות איז מבאר דער חילוק פון עבודת יוסף און די עבודה פון די אבות (און די שבטים)[87]:

די אבות (און שבטים) האבן בוחר געווען צו זיין "רועי צאן", בהתבודדות בשדה[88], אפגעזונדערט און אפגעטראגן פון די עניני העולם, וועלכע קענען זיי שטערן אין זייער עבודת השם און פון זייער דביקות באלקות, ביז צו זיין די מרכבה העליונה.

משא"כ יוסף איז געווען פארנומען מיט עניני העולם, ער איז געווען בהלבשות בעניני העולם: זייענדיק אין מצרים איז ביי אים געווען א "טרדה גדולה ועצומה ביותר"[89], ומכש"כ וק"ו ווען ער איז געווארן "מלך[89] על מצרים כמ"ש[90] על פיך ישק כו' רק הכסא כו' שמבלעדו לא ירים איש כו'", ובפרט ווען ער איז געווען דער וואס "השביר[89] בר לכל עם הארץ[91] שהי' עסקו עם כל העולם", און ער האט זיכער געטאן זיין ארבעט בשלימות - "משאו ומתנו באמונה", און האט געגעבן אלעמען "במדה במשקל ובמשורה"[92].

פון דעם קומט אויס לכאורה, אז דוקא די עבודה פון די שבטים איז געווען ב"תמימות", ווייל זיי האבן ניט געהאט צו טאן מיט וועלט און מיט די שטערונגען פון וועלט, און דעריבער איז זייער עבודת ה' געווען ב"תמימות"; משא"כ יוסף, וואס איז ער געווען פארנומען מיט וועלט, איז זיין עבודה לכאורה ניט ב"תמימות", וויבאלד אז זיין עבודה איז געווען אין וועלט וואו עס זיינען געווען די אלע טרדות ובלבולים.

ווערט געבראכט אין חסידות, אז דער אויפטו פון יוסף איז געווען, אז ניט קוקנדיק אויף דעם אז זיין עבודה איז געווען אין וועלט, אעפ"כ האבן די אלע טרדות פון וועלט אים כלל ניט מבלבל געווען אין זיין עבודת השם און אין זיין דביקות בה',

---

87) ראה לקו"ש חכ"ה ס"ע 196 ואילך. ס"ע 283 ואילך. ובכ"מ. 88) וישלח לד, ה. 89) ל' התו"ח ויחי ד"ה בן פורת יוסף (קב, ג). וראה הנסמן בלקו"ש חכ"ה ע' 196 הע' 45. 90) מקץ שם, מ. מד. 91) ראה שם, נו-ז. מב, ו. ועוד. 92) ראה קדושים יט, לה.

און גלייכצייטיק, בעת עסקו בהם - איז ער געוועז א "מרכבה ממש לאלקות"[93], און איז געשטאנען בתכלית הדביקות צו אלקות.

וואס דער פירוש הפשוט אין דעם איז, אז דאס וואס יוסף האט געהאט צו טאן מיט וועלט, האט אים ניט געשטערט און אפגעהאלטן פון זיין עבודה און דביקות מיט אלקות.

אבער דאס איז נאך אלץ ניט דער ענין פון "תמימות", ווארום "תמימות" מיינט אז אלע זיינע ענינים זיינען ב"תמימות" און אז ער פארמאגט אלץ, און ביי אים איז מושלל בתכלית איבעריקע זאכן וואס זיינען ניט שייך צו אים[94]. משא"כ יוסף האט אבער געהאט אן אנדער זאך - דאס וואס ער האט זיך פארנומען מיט וועלט, "השביר בר". און הגם אז זייענדיק אין מצרים, אין "וועלט", איז ער טאקע געבליבן א מרכבה לאלקות - איז וויבאלד אז ער האט דאך געהאט אן אנדער זאך וואס דערמיט האט ער זיך פארנומען, איז דאס דאך ניט די שלימות פון "תמימות".

כא. וואס דערפאר יש לומר, אז נוסף אויף דעם פירוש הנ"ל בנוגע צו יוסף (אז "וועלט" האט אים ניט מבלבל געוועז בעבודתו) קען מען זאגן א צווייטער פירוש, בעומק ובאופן נעלה יותר:

די עבודה פון יוסף וואס ער האט געטאן אין "וועלט" ("משאו ומתנו") איז (ניט געוועז א באזונדער זאך פון זיין א מרכבה לה׳, נאר דאס איז) געוועז א חלק פון זיין עבודה און זיין דביקות לה׳; אויך דורך דעם איז ער געוועז א "מרכבה" צו אלקות. ווי ס׳איז מבואר אין חסידות[95] עה"פ[96] "וילקט יוסף את כל הכסף גו׳ ויבא גו׳ ביתה פרעה".

דאס הייסט: דאס וואס ער האט געטאן אין וועלט האט עם ניט נאר ניט מבלבל געוועז און געשטערט (וואס עפ"ז וועט אויסקומען אז ער האט זיך פארנומען מיט צוויי ענינים, וואס זיינען ניט געוועז א סתירה איינער צום צווייטן ווי דער ערשטער אופן הנ"ל), נאר נאכמער - אז זיין עבודה אין מצרים איז געוועז א חלק פון זיין עבודת השם. וואס עפ"ז, איז יוסף׳ס עבודה געוועז בשלימות ה"תמימות".

כב. וואס דאס איז ע"ד דער סיפור הידוע מיט ר׳ נחמי׳ דובראווער [וואס איז געוועז פון די חסידים המפורסמים, א

---

93) ראה ספר המאמרים תרפ"ח ע׳ רז. ועוד. 94) ראה בארוכה שיחת ליל ב׳ דחגה"ס ס"ח ואילך. 95) ראה תו"א ס"פ ויגש. ובכ"מ. 96) ויגש מז, יד.

"פייערדיקער" חסיד פון דעם אלטן רבי'ן]: ער איז געווען א סוחר. איינמאל, נאכדעם וואס ער האט געמאכט א חשבון פון זיין מסחר און איז אנגעקומען צו דעם סך-הכל - האט ער געשריבן "שהכל נהי' בדברו", אדער "אין עוד מלבדו" - ווי די חילוקי גירסאות אין דעם [און ניט בכדי צו באווייזן "קונצן" ח"ו, נאר אזוי האט זיך בא עם געשריבן, ווייל אזוי האט זיך בא עם געלייגט, און דעריבער אזוי האט זיך בא עם, בדרך ממילא, געשריבן (ע"ד "מנפשי' כרע"[97])].

וואס דער סיפור קען מען אויך מבאר זיין אויף צוויי אופנים, כנ"ל:

דעם ערשטן אופן: הגם אז ער האט זיך עוסק געווען אין מסחר, און צוליב דעם האט ער געהאט כל מיני חשבונות וכו' (מצד דעם וואס ער האט געטאן זיין מסחר באופן פון "משאו ומתנו באמונה") - האט דאס אים ניט געשטערט און דאס איז קיין סתירה ניט געווען צו זיין עבודה צום אויבערשטן, אזוי, אז קומענדיק צו דעם סך-הכל האט ער געפילט (אז מ'דארף שרייבן) דעם "אמת'ען" סך-הכל: "אין עוד מלבדו".

דעם צווייטן אופן: דער סך-הכל פון דער **מסחר גופא** איז "אין עוד מלבדו". ד.ה. אז הא בהא תליא. ס'איז ניט דער פשט, אז קומענדיק צום סך-הכל פון זיין מסחר האט ער זיך געכאפט אז דער אמת'ער סך-הכל איז "אין עוד מלבדו" (וויבאלד אז דער מסחר האט אים ניט געשטערט צו זיין עבודה), נאר נאכמער - אז "אין עוד מלבדו" גופא איז דער סך-הכל פון דעם מסחר, וויבאלד אז דער מסחר איז א חלק פון זיין עבודה - וואס די עבודה באשטייט אין דער הכרה און "סך-הכל" אז "אין עוד מלבדו".

און יעדערער - קען אויסקלייבן וועלכן אופן הביאור ער וויל.

כג. דער צווייטער אופן הנ"ל איז די שלימות פון "תמימות" - ווארום זיין גאנצע מציאות איז דורכגענומען מיט "תמימות".

ווי גערעדט אין די פריערדיקע נעכט[98] וועגן די פארשידענע דרגות אין "תמימות":

עס איז פאראן א ציווי[99] "תמים תהי' עם ה' אלקיך", און אויף

97) ראה ירושלמי ברכות פ"ב ה"ד. וראה גם תוד"ה עיון תפילה - שבת קיח, ב. ועוד. 98) שיחת ליל ב' וליל ג'. 99) שופטים יח, יג.

דעם ברענגט זיך אין לקוטי תורה[100], אז "ע"י המצוות אזי תהי' תמים ושלם בכל אברי נפשו" (ווייל רמ"ח מ"ע זיינען כנגד רמ"ח אברים[101] וכו'), וואס דאס איז די דרגא פון תמימות ווי דאס איז מצד דער סדר הרגיל בתומ"צ, אבער דאס איז לאו דוקא א דרגא פון "תמימות" וואס איז כולל זיין גאנצע מציאות.

דערנאך איז דא משאו ומתנו באמונה[46]. אבער דאס איז אויך לאו דוקא די עבודה פון "תמימות" (עאכו"כ שלימות ה"תמימות"); ס'איז טאקע "אמונה" (משאו ומתנו **באמונה**) אבער ניט "תמימות".

דער אמת'ער ענין פון "תמימות" איז בא אזא וואס חטא ופגם ועבר את הדרך. ולאחרי וואס ער איז מתקן זיין דעם חטא דורך עבודת התשובה, ווערט ער א "תמים" אין אן אופן אז דאס נעמט אים אינגאנצן דורך (כמדובר לעיל).

און דער שלימות הענין פון "תמימות" (וואס קומט לאחרי עבודת התשובה) איז שייך צו יעדן איינעם, אויך צו א צדיק, אזא וואס האט ניט קיינע חטאים, ווארום אין תשובה זיינען פאראן כמה וכמה דרגות, וויבאלד אז "עיקר התשובה בלב, והלב יש בו בחי' ומדריגות רבות כו'"[102], און ביי א צדיק איז שייך דער ענין פון חטא (עכ"פ) מלשון חסרון[103], ובלשון הכתוב[104] "אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא".

ולהעיר, אז בלקו"ת במ"א[105] איז מבואר, אז "עיקר התשובה הוא כמ"ש[106] והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה", אז "עיקר התשובה" איז בכלל ניט אויף א חטא (אפילו מלשון חסרון).

ויש לתווך צווישן די צוויי ענינים פון תשובה ("והרוח תשוב", און אויף א חטא (מלשון חסרון)) - ווארום אפילו א צדיק וואס איז עובד עבודתו בשלימות, איז ער אלעמאל עולה צו א העכערע דרגא (אין "והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה"), און ווען ער איז עולה צו א העכערע דרגא, כאפט ער זיך, אז זיין עבודה און מעמד ומצב שלפנ"ז איז א "חטא" - מלשון חסרון - לגבי זיין מעמד ומצב איצטער, הגם אז פריער איז דאס געווען בשלימות וב"תמימות".

וואס דערפון זעט מען, אז אע"פ אז אימעצער שטייט אין דעו דרגא פון "תמימות", "תמים תהי' עם ה' אלקיך" - איז נאך אלץ שייך דער ענין פון תשובה און שלימות אין "תמימות", ווייי

---

100) נצבים מה, ג. 101) ראה זח"א קע, ב. ובכ"מ. 102) תניא פכ"ט (לו, ב). 103) ראה פירש"י ויצא לא, לט. ובכ"מ. 104) קהלת ז, כ. 105) ר"פ האזינו. ועוד. 106) קהלת שם, יב.

יעדער טאג מאנט זיך פון אים א העכערע דרגא פון "תמימות", ווייל יעדער טאג איז ער עולה צו א העכערע דרגא.

און ווי דאס איז פארשטאנדיק אויך גאר בפשטות צו יעדן איינעם אין זיין עבודה:

דער ציווי "בכל לבבך"[107] מיינט אז מ'דארף עובד זיין דעם אויבערשטן "בכל לבבך", אז זיין לב זאל זיין אינגאנצן אנגעפילט מיט אהבת ה'. און דעריבער, נאך דעם וואס עס קומען צו נייע הרגשים אין זיין לב וכו', איז פארשטאנדיק, אז לויט דער מעמד ומצב פון זיין לב איצטער, איז דער "אהבה" וואס ער האט געהאט אין זיין לב לפנ"ז פילט ניט אן "כל לבבך", און ער דארף מוסיף זיין נאך אהבה לויט דעם איצטיקן מעמד ומצב, און אויב ער טוט דאס ניט, ווערט דאס פאררעכענט ווי א "חטא" - מלשון חסרון (הגם אז לפנ"ז איז דאס געווען בשלימות וב"תמימות").

ועד"ז איז פארשטאנדיק אין דער עבודה פון גאנץ תורה ומצוות, אז מ'דארף שטענדיק וואקסן אין דער "תמימות" - "תורת ה' תמימה"[108], וויבאלד אז ס'קומט שטענדיק צו.

* *

כד. ע"פ כל זה איז פארשטאנדיק דער לימוד במעשה בפועל, המעשה הוא העיקר, אין דער עבודה פון שמחת בית השואבה:

נוסף אויפן כללות הענין פון "מעלין בקודש"[109], אז יעדער טאג (און נאכט) פון סוכות דארף צוקומען (מער ווי די שמחה ועבודה פון דער שלימות און "תמימות" פון די טעג שלפנ"ז) - קומט צו א ספעציעלער חידוש היינט באנאכט וויבאלד אז עס איז דורכגעגאנגען נאך א מעת-לעת, און ער איז געווארן עלטער מיט א טאג - דערפאר פאדערט זיך פון עם א הוספה אין שלימות און "תמימות", ווארום עס איז שוין ניט גענוג די שלימות און "תמימות" שלפנ"ז לגבי זיין מעמד ומצב פון היינט.

און אין דעם קומט צו נאכמער - בהתאם צו דער חידוש פון היינט באנאכט (היינטיקע אושפיזין) - דער ענין פון "מלכתחילה אריבער", און דער ענין פון "תמימות" (דער תוכן פון דעם יאר) -

אז מען דארף פראווען שמחת בית השואבה ביתר שאת וביתר עוז,

---

107) ואתחנן ו, ה. 108) תהלים יט, ח. 109) ברכות כח, א. וש"נ.

סיי אין אן אופן פון "מלכתחילה אריבער", און סיי אין אן אופן פון "תמימות".

און אין "תמימות" גופא - לויט די "תמימות" פון יוסף, אז זיין פארנעמען זיך מיט וועלט איז געווען א חלק פון זיין עבודה אלס א "מרכבה" לאלקות, און אזוי דארף אויך זיין בנוגע צו שמחת בית השואבה און טאנצן אין גאס, אז די גאס אליין ווערט דורכגענומען מיט אלקות, וואס דאס איז איר אמת'ע מציאות, ווי גערעדט פריער - אז "כל הנמצאים כו' לא נמצאו אלא מאמיתת המצאו".

וואס עפ"ז קען מען אויך פארשטיין דאס וואס שטייט אין גמרא[110] אז "אמרו עליו על הלל הזקן כשהי' שמח בשמחת בית השואבה אמר אם אני כאן הכל כאן, ואם איני כאן מי כאן", דלכאורה, ווי שטימט דאס מיט דעם גודל העניוות פון הלל הזקן? נאר דער ביאור בזה איז, אז דאס איז ניט געקומען מצד הגאווה ח"ו, נאר אדרבא - מצד זיין גודל הביטול צו אלקות, ווארום וויבאלד אז זיין גאנצע מציאות איז געווען אינגאנצן בטל צו אלקות, איז ער דעריבער געשטאנען מיט זיין גאנצן תוקף ("אם אני כאן הכל כאן כו'") - ווארום דאס איז ניט דער תוקף פון זיין מציאות, נאר דער תוקף המציאות פון אלקות, "אמיתת המצאו".

כה. און דער עיקר איז - די מעשה בפועל [במכ"ש פון ווי דאס איז געווען בא נביאים, אז זיי האבן פארבונדן א נבואה מיט אן ענין פון מעשה בפועל, בכדי צו אראפברענגען נאכמער בפועל די הבטחה פון דער נבואה[111]] -

אז מ'זאל פראווען דער שמחה פון בית השואבה במעשה בפועל - מיט ריקוד ברגלים,

און אויך פראווען דער קידוש מיטן סעודה - וועלכע איז א סעודת שבת, וואס דורך דער אכילה ושתי' הגשמיים איז מען מקיים די מצוה פון עונג שבת (נוסף אויפן ענין השמחה וואס ווערט ניתוסף ביום השבת, ווארום אויף שבת שטייט "וביום שמחתכם", כנ"ל),

און מ'גייט בעילוי אחר עילוי, פריער אין "מעלי שבתא",

---

110) סוכה נג, ריש ע"א. 111) ראה דרשות הר"ן דרוש ב. רמב"ן לך לך יב, ו. ועוד.

דערנאך אין "יומא שבתא", ביז אז מ'קומט צו "רעוא דרעוין", וואס איז א הכנה און א מעין פון דעם "יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[112] (ווי מ'זאגט בברכת המזון פון יעדער סעודה אין שבת)[113].

און מ'איז זוכה בפשטות צו דעם "יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים" וואס קומט מיט דער גאולה האמיתית והשלימה.

און ווי דער רבי מהר"ש (דער היינטיקער חסידישער אושפיז) האט געזאגט צו זיין פאטער, דער צמח צדק, ווען עס האט זיך אפגעדרוקט דעם לקו"ת, וואס איז די נשמה שבתורה, גאולה שבתורה[114]: אידן (אדער חסידים - ווי דער לשון איז) דארפן האבן משיח'ן למטה מעשרה טפחים כפשוטו!

וואס דאס לערנט מען אפ אויך פון דעם היינטיקן אושפיז, אז יעדער איד דארף וויסן אז ער דארף אויסגעלייזט ווערן, צי ער פארשטייט יע צי ער פארשטייט ניט.

ובפרט נאך די הכרזה פון רבותינו נשיאינו, ביז פון נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר (וואס זיין ערשטער נאמען איז "יוסף" (כשמו פון דעם היינטיקן אושפיז שבזהר), און זיין צווייטער נאמען איז "יצחק", וואס באווייזט אויף שמחה בל' עתיד), וואס ער האט געזאגט, און ער איז נאך ממשיך אין זאגן, כולל אויך היינט באנאכט - אז עס דארף זיין הפצת המעיינות חוצה, וואס דורך דעם ברענגט מען די גאולה האמיתית והשלימה, "קא אתי מר דא מלכא משיחא".

און מ'גייט ארויס פון גלות תיכף ומיד, און מ'קומט אריין אין דער גאולה האמיתית והשלימה אין אן אופן פון "תמימות", און אין אן אופן פון "מלכתחילה אריבער",

וואס דעמאלט וועט זיין "השמים החדשים והארץ החדשה"[115], און "תורה חדשה מאתי תצא"[60].

——— * ———

112) תמיד בסופה. ועוד. 113) ראה לקו"ש ח"ו ע' 80 הערה 70. ועוד. 114) וראה גם המשך תרס"ו בסופו. ועוד. 115) ישעי' סו, כב.

הנחת הת' בלתי מוגה

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!

נדפס ע"י

משפחת נמדר

הכתובת לחשיג ח"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש"פ בראשית, מבה"ח מר-חשון
ה'תשמ"ט



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

מפתח

בס"ד. משיחת ש"פ בראשית, מבה"ח מר-חשון ה'תשמ"ט.

א. ס'איז באוואוסט דער ווארט פון רבותינו נשיאינו, אז אזוי ווי מ'שטעלט זיך שבת בראשית, אזוי גייט א גאנץ יאר[1].

וואס דאס איז אויך מתאים מיט דעם זמן פון שבת בראשית בשנה - דער לעצטער שבת פון חודש תשרי, ווען עס ווערט די עלי' ושלימות (ויכולו[2]) פון דעם סיום המועדים פון חודש תשרי (שמיני עצרת ושמחת תורה, וועלכע קלייבן צוזאמען און ברענגען אריין אין א פנימיות אלע ימים טובים פון חודש תשרי[3]), אותיות רשית[4], על מנת אז דערפון זאל נמשך ווערן אויף דעם גאנצן קומענדיקן יאר, וכידוע אז די מועדים שבחודש תשרי (המרובה במועדות[5]) זיינען מועדים כלל-יים פון וועלכע עס ווערט נמשך אויף דעם גאנצן יאר[6]; ובמיוחד ווערט עס נמשך דורך שבת ברא-שית, וועלכע איז אויך שבת מברכים חודש מר-חשון, ווען עס הויבט זיך אן בעיקר די עבודה פון "ויעקב[7] הלך לדרכו"[8], ווען יעדער איד גייט אריין אין דעם געוויינלעכן טאג טעג-לעכן לעבן פון דעם נייעם יאר נאך די אלע ימים טובים פון חודש תשרי, אויף דורכפירן זיין פערזענלעכע עבודה און שליחות אין וועלט, איש תחת גפנו ותחת תאנתו[9].

און ווי ס'איז מרומז אויך אין דעם נאמען פון שבת ברא-שית, וואס מיינט בפשטות - אין אנהויבס, דער אנהויבס פון דעם נייעם יאר.

וואס דאס איז אויך דער תוכן פון "בראשית":

ווען מ'לייענט פרשת בראשית ווערט באנייט דער באשאף פון דער גאנצער בריאה (בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ) פון

---

1) לקו"ש חי"ב ע' 449. ח"כ ע' 556. וש"נ. וראה שיחת שבת בראשית תש"ה (ספר השיחות תש"ה ע' 65) בשם אדה"ז: די הארה פון שבת בראשית איז מאיר בכל שבתות השנה. וראה גם שיחת י"ד תשרי ה'שי"ת (סה"מ תשי"א ע' 59).

2) פרשתנו ב, א. אוה"ת עה"פ (כרך א מב, ב ואילך. כרך ג תקח, א ואילך).

3) ראה רד"ה ביום השמע"צ תרנ"ט. תש"מ (סה"מ מלוקט ע' שסג). וש"נ.

4) בעל הטורים עה"פ עקב יא, יב. אוה"ת סוכות ע' א'תשנו. סה"מ תר"ל ע' רפז. תרנ"ו ע' רעז.

5) ראה ב"י או"ח סתצ"ב (ד"ה ומ"ש). שו"ע אדה"ז שם ס"ב. הוספה לשו"ע אדה"ז (להר"נ מדובראוונע) או"ח סקל"א ס"ח.

6) סה"מ תקס"ו ע' שעט. אוה"ת סוכות שם. ברכה ע' א' תתסו. סה"מ תרנ"ד ע' לו. תרנ"ו ע' רעח. תש"ב ע' 49.

7) לשון הכתוב - ויצא לב, ב. וראה קונטרס משיחות י"ג תשרי וש"פ בראשית תשמ"ח בתחלתו. וש"נ.

8) ראה שיחת מוצאי שבת בראשית תשל"ח (לקו"ש ח"כ ע' 267 ואילך). וראה שיחת שבת בראשית תשי"א (לקו"ש ח"ב ע' 449 ואילך).

9) לשון הכתוב - מ"א ה, ח.

דעם נייעם יאר - בריאת כל העולם, כולל ובמיוחד - בריאת האדם, וואס תכליתה איז ״לעבדה ולשמרה״[10], ״אני נבראתי לשמש את קוני״[11].

ואסתכל באורייתא וברא עלמא[12] - ״דער וועלט בראשית״[13] הויבט זיך אן דער-פון וואס פ׳ בראשית איז ״דער תורה ראשית״[13], דעמולט הויבט זיך אן קריאת כל ה(פרשיות שב)תורה, מיט וועלכע מ׳דארף לעבן במשך דעם גאנצן נייען יאר.

קומט אויס, אז שבת בראשית איז דער ראשית ומקור אויף דער עבודה במשך כל השנה כולה.

עפ״ז איז פארשטאנדיק, אז פון די ענינים וואס רעדן זיך אין פ׳ בראשית קען מען זיך אפלערנען בנוגע צו דער עבודה פון דעם יאר.

ב. היינטיקער יאר טיילט זיך אויס דערמיט וואס עס איז אן עיבור-יאר, וועלכע ווערט אנ-גערופן אין תורתנו הקדושה[14] ״שנה תמימה״.

דער באדייט דערפון האט מען שוין גערעדט מערערע מאל[15]:

א שנת העיבור קומט אויס-גלייכן דעם חסרון פון א שנת הלבנה לגבי א שנת החמה (וועלכע איז בערך עלף טעג לענגער פאר דעם לבנה-יאר)[16], א חסרון וואס איז געקומען צוליב דעם קטרוג הלבנה (אי ״אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד״), וואס דאס האט געבראכט צו מיעוט הלבנה (אז דער אויבערשטער האט געזאגט דער לבנה ״לכי ומעטי את עצמך״[17]),

פונדעסטוועגן האבן אידן דעם כח צו מתקן ומשלים זיין דעם חסרון, דורך צוגעבן (יעדערע צוויי-דריי יאר) א חודש העיבור; און נאכמער: דורך דעם (הוספת חודש העיבור) זיינען אידן מוסיף נאכמער ווי דער חסרון, ווייל מ׳גיט צו ניט בלויז עלף טעג (דער חסרון אין א שנת הלבנה לגבי א שנת החמה), נאר א פולן חודש (פון דרייסיק טעג), וואס מאכט אז דער יאר זאל האבן אסך מערערע טעג פון געוויינלעכע יארן (סיי פון א שנת החמה ועל אחת כמה וכמה פון א שנת הלבנה) - א ״שנה תמימה״.

דערפון איז פאראן אן אנ-ווייזונג פאר אידן - וואס ישראל דומין ומונין ללבנה[18]:

---

10) פרשתנו ב, טו.

11) משנה ובריי׳תא סוף מס׳ קידושין.

12) זח״ב קסא, סע״א ואילך.

13) ראה סה״מ תשי״א ע׳ 59.

14) בהר כה, ל. ערכין לא, א (במשנה). רמב״ם הל׳ שמיטה ויובל פי״ב ה״ה. וראה אוה״ת להצ״צ (יהל אור) לתהלים יט, ח (ס״ד וס״ח - ע׳ סז-ח).

15) ראה מכתב ו׳ תשרי שנה זו.

16) רמב״ם ריש הל׳ קידוש החודש (פ״א ה״ב).

17) חולין ס, ב. וראה פרש״י פרשתנו א, טז.

18) סוכה כט, א. ב״ר פפ״ו, ג. זח״א רלו, ב. וראה סה״מ תקס״ז ע׳ מח ואילך. אוה״ת בראשית ד, סע״ב ועוד.

אין דעם יאר באקומט מען ספעציעלע כחות צו מתקן זיין און משלים זיין די עבודה וואס איז ביז איצטער ניט געווען בשלימות. ביז אז מ'האט דעם כח צו מוסיף זיין אין דעם נאכמער ווי ס'האט פריער געפעלט, אזוי אז עס זאל ווערן אן עבודה תמימה.

ובכללות - איז דאס דורך דער עבודה פון **תשובה**, וואס איז ניט בלויז מתקן ומשלים דאס וואס האט פריער געפעלט, נאר דורך תשובה קומט אויך צו א הוספה וחידוש ושלימות אין דער עבודה, מער ווי ס'איז געווען פריער (פאר דעם חסרון).

און וויבאלד אז די וועלט איז באשאפן געווארן בשביל ישראל[19] - איז דורך דער עבודה פון אידן האבן זיי אויך בכח צו מתקן ומשלים זיין און מוסיף זיין אין וועלט, אין זמן ומקום (גדר העולם[20]), צו ממלא זיין דער חסרון הזמן פון א שנת הלבנה.

וע"פ הנ"ל, אז ווי מ'שטעלט זיך שבת בראשית אזוי גייט עס א גאנץ יאר, איז מובן, אז פון פ' בראשית קען מען ארויסנעמען א לימוד בנוגע צו דער עבודה באופן של הוספה ותמימות פון דעם שנת העיבור.

ג. אין (אנהויבס) פ' ברא-שית[21] ווערט דערציילט ווי דער אויבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט און אירע באש-עפענישן אין די ששת ימי בראשית, ובסיומם[22] - וועגן בריאת אדם הראשון וחוה ביום הששי, און דערנאך (לאחרי סיום הענין וועגן די ששת ימי בראשית און ויכולו השמים גו' ביום השביעי[23]) - וועגן דעם ציווי לאדם וחוה אז "מעץ הדעת טוב ורע לא תאכל"[24], און ווי זיי האבן דערנאך עובר געווען אויפן חטא עץ הדעת[25], וואס דאס האט געבראכט די עונשים[26], ביז אז זיי זאלן ארויסגעטריבן ווערן פון גן עדן.

שטייט אין גמרא[28], אז אויך די זאכן - דער ציווי צו ניט עסן פון עץ הדעת, דער חטא בפועל און דער גירוש פון גן עדן - האבן אלע פאסירט ביום הששי: "שתים עשרה שעות הוי יום שעה ראשונה הוצבר עפרו[29] כו' תשיעית נצטווה שלא לאכול מן האילן, עשירית סרח, אחת עשרה נידון, שתים עשרה נטרד והלך לו"[30].

ואילך.

19) פרש"י ריש פרשתנו.

20) שעהיוה"א פ"ז.

21) שקורין גם ביום שמחת תורה (סיום המועדים דחודש תשרי), שמתעלה בשבת זו, כנ"ל בפנים.

22) א, כו ואילך.

23) ב, א-ג.

24) שם, טז-יז.

25) ג, א ואילך.

26) שם, טז-יט.

27) שם, כג-כד.

28) סנהדרין לח, ריש ע"ב.

29) גם בהמה ורמש וחית הארץ נבראו ביום הששי ולא פרט בהם באיזה שעה ביום דאפשר דבלילה נבראו כו' (חדא"ג מהרש"א שם).

30) ולהעיר מדעת רבנן שהגירוש מגן

דארף מען פארשטיין: לאחרי דער סיפור המאורעות פון יום הששי שטייט אין פסוק[31] "וירא אלקים את **כל** אשר עשה והנה **טוב מאד** ויהי ערב ויהי בוקר יום הששי". שטעלט זיך די שאלה: ווי קען מען זאגן אז דער חטא עץ הדעת און דער דין ועונש על זה (די קללות) וגירוש מגן עדן (וואס איז אלץ געווען ביום הששי) איז **"טוב מאד"** - די אלע זאכן (דער חטא וכו') זיינען דאך דער **תכלית ההיפך** פון טוב ועאכו"כ פון **"טוב מאד"**[32] ?!

און ניט נאר היפך הטוב בזמן ההוא, נאר די תוצאות בלתי רצויות פון דעם חטא ועונש וגירוש מגן עדן זיינען פאראן און נמשך בכל הדורות[33] עד היום הזה (אנהויבנדיק פון דעם ענין המיתה בעולם וואס איז געקומען צוליב דעם חטא, ועד"ז צער עיבור וצער לידה, און דער עונש "בזעת אפיך תאכל לחם"[34] וכו')!

[ויש לומר אז צוליב דעם טעם קען מען ע"ד **הפשט** טאקע ניט לערנען אז דער חטא וגירוש כו' איז געווען ביום הששי[35] - ווייל מ'קען אויף דעם ניט זאגן "טוב מאד", נוסף לזה (וגם זה עיקר) אז אין דער סדר המקראות שטייען די אלע זאכן (דער ציווי ניט צו עסן פון עה"ד און דער חטא וגירוש מגן עדן) אין די ווייטערדיקע קאפיטלען, נאכדעם **"וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד"**, און נאך "ויכולו גו' ביום השביעי גו'" - איז ע"ד הפשט פארוואס זאל מען בייטן דעם סדר און זאגן אז די אלע זאכן

עדן הי' במוצאי שבת (ולא ביום הששי) - יל"ש תהלים רמז תשנח.

31) א, לא.

32) לכאורה הי' אפשר לתרץ ש"וירא אלקים את כל אשר עשה" (שעל זה כתיב "והנה טוב מאד") קאי על מעשה בראשית [וכמו "מלאכתו אשר עשה" לקמן ב, ב], ולא על העונשים וכו' שהיו בגלל חטאו של האדם. אבל תירוץ זה אינו מספיק כלל שהרי גם הנחש (הי' ערום בבריאתו) בכלל זה. ולאחרי שהאדם חטא, הרי נתגלה כבר שגם האדם (מעשיו של הקב"ה) אינו טוב, ואין שייך לומר אז* ש"כל אשר עשה" הוא טוב מאד?. וגם בנוגע לעה"ד צ"ע כמובן.

*) ואף שגם לפי פשטות הכתובים שחטא עה"ד הי' **לאחרי** יום הששי (כדלקמן בפנים) פשוט שהקב"ה ידע מקודם **שעתיד** האדם לחטוא - אין זה סתירה ל"כל אשר עשה והנה טוב מאד", כי הרע נעשה אח"כ. [וראה פרש"י לקמן ו, ו "בשעת חדותא, בשעת אבלא אבלא"]. משא"כ לפי הגמרא שחטא עה"ד הי' ביום הששי - צריך ביאור **לאחרי** שהאדם חטא בפועל, היאך יתכן לומר אז "טוב מאד"!

33) ועד שהמלאך לא רצה ליתן לריב"ל ליכנס לג"ע משום הגזירה דויגרש את האדם גו' וישכן מקדם לגן עדן את הכרובים ואת להט החרב המתהפכת לשמור את דרך עץ החיים (כתובות עז, ב).

34) ג, יט.

35) ומ"ש רש"י עה"פ לרוח היום (פרשתנו ג, ח) "והם סרחו בעשירית" (כלשון הגמרא שם) - יש לפרש שממ"ש "לרוח היום" רק מוכרח (ע"ד הפשט) שהי' זה בשעה עשירית, אבל אין הכרח שזה הי' ביום הששי. וכמדובר כמ"פ, שגם לשונות חז"ל בפרש"י הוא לא משום שכך נאמר בחז"ל, כ"א מפני שזהו הפירוש המוכרח ע"ד הפשט. ועפ"ז מובן, שאפ"ל שרש"י משנה מפירוש חז"ל (אפילו כשמביא לשון זה מחז"ל) בהתאם לפירוש הכתובים ע"ד הפשט.

(וואס זיי זיינען א ריבוי ענינים וואס דארפן נעמען א ריבוי זמן (אסך מער ווי עטלעכע טעג) ע״ד הטבע[36]) זיינען געווען ביום הששי פאר יום השביעי (חוץ פון די ערטער וואו רש״י זאגט בפירוש[37] אז די מאורעות זיינען געווען פריער ביום הששי[38]), ואדרבה - ס׳איז כנ״ל, לגמרי ניט מסתבר אז דאס אלעס איז געווען ביום הששי וועלכער סיום און ענדע איז ״טוב מאד״, כנ״ל.

משא״כ די גמרא - לימוד ע״ד הדרש, ההלכה, האגדה וכו׳ (וואס איז ניט געבונדן צו פירוש הכתובים ע״ד הפשט) - לערנט אז דער חטא און די עונשים על זה זיינען געווען ביום הששי].

ד. ויש להוסיף עוד יותר **בביאור אין דרשת חז״ל**[39] עה״פ והנה טוב מאד - ״טוב זה יצר טוב, מאד זה יצר הרע״, ״טוב זה מלאך החיים, מאד זה מלאך המות״, און ווי ״בתורתו של מאיר מצאו כתוב והנה טוב מאד, והנה טוב מות״[40].

אין וואס באשטייט דער ״טוב מאד״ פון דעם יצה״ר און מלאך המות, ״וכי יצר הרע טוב מאד הוא אתמהא״[41], ״וכי מלאך המות טוב הוא אתמהא״[41], אפילו ניט טוב סתם ועאכו״כ ניט טוב מאד[42].

שטייט אויף דעם דער ביאור אין חסידות[43]: דורך דעם ענין החטא וואס קומט מצד דעם יצר הרע דערגרייכט מען צו דער מעלה פון **תשובה**, וואס איז מהפך זדונות לזכיות[44], אתהפכא חשוכא לנהורא.

וואס דורך דעם ווערט אויפגעטאן ״טוב מאד״, מער פון דעם טוב פון דעם יצר טוב - וכידוע אז במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אין יכולים לעמוד שם[45], ווייל דורך הפיכת זדונות לזכיות ע״י התשובה ווערט א יתרון האור מן החושך, און אויך די עבודה עצמה איז מיט מער חיות ותגבורת, בחילא יתיר כו׳[46].

ועד״ז יש לומר דער ביאור בנוגע דעם חטא עה״ד וכו׳ וואס איז געווען ביום הששי (כפירוש הגמרא הנ״ל) - אז דער ״טוב

---

36) כולל שע״פ פשטות הנחש בדיבורו אל חוה לא פעל עלי׳ ברגע כמימרא, כ״א לאחרי שהיית זמן!

37) שמזה גופא מוכרח, שבשאר המקומות שרש״י אינו מפרש שמקומם הוא לעיל ביום הששי - לא אירעו ביום הששי. וראה גם פרש״י שם ג, א. שם, כ.

38) כמו הפרטים דבריאת חוה (פרש״י א, כז), והפרטים דבריאת חיות השדה ועוף השמים וקריאת כל השמות ע״י אדם (פרש״י ב, יט).

39) זח״א יד, א. ועוד. ב״ר פ״ט, ז. שם, י. ובחידושי רד״ל שם (כמה גירסאות בזה).

40) ב״ר שם, ה.

41) ל׳ ב״ר שם, ז; י.

42) כמו שהקשה בלקו״ת נשא כח, ג.

43) תו״א סט, ד. לקו״ת במדבר יט, סע״א. נשא שם. ועוד.

44) יומא פו, ב.

45) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ד. מברכות לד, ב.

46) ראה לקו״ת נשא שם.

מאד״ אין דעם איז דורך דער תשובה וואס קומט ארויס דערנאך במשך הזמן ע״י התשובה שעל החטא.

ווייל: די גאנצע כוונה פון בריאת היצר הרע (הנחש כו׳) איז בכדי דער מענטש זאל צוקומען צו דער מעלה פון תשובה, וואס איז מהפך דער רע לטוב, אזוי אז עס בלייבט ניט איבער קיין רושם פון די זדונות, ואדרבא זיי ווערן אינגאנצן נהפך צו זכיות, און עס בלייבט נאר דער ״טוב מאד״ שבזה.

[ועפ״ז יש לומר עוד כוונה בדעת רבי עקיבא [וואס ענינו איז עבודת התשובה] אז בא מתן תורה, האבן אידן געענטפערט ״על הן הן ועל לאו הן״[46*], ווייל דורך תשובה טוט מען אויף און מ׳איז מגלה דעם ״הן״, די טוב (חיוב) וואס איז דא אין דעם ״לאו״[47]].

ועפ״ז יש לומר דער טעם פארוואס דוקא ביום הששי שטייט ״טוב מאד״: אין די ערשטע חמשה ימים זיינען אלע נבראים באשאפן געווארן דורך דעם אויבערשטן אין אן אופן פון ״על מילאתו נברא״[47*], בתכלית הטוב והשלימות, ווי עס שטייט בכל יום ״וירא אלקים כי טוב״; אבער דאס איז א טוב וואס איז אזוי באשאפן געווארן מלכתחילה, מצד למעלה. משא״כ ביום הששי איז באשאפן געווארן דער אדם מיט א יצר הרע, וואס כוונתו איז בכדי ברענגען צו מעלת התשובה, וואס טוט אויף דער יתרון האור, ״טוב מאד״, וע״ד די מעלה פון עבודת התשובה לגבי עבודת הצדיקים.

און וויבאלד אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן צוליב דעם אדם, איז דורך דער ״טוב מאד״ ע״י תשובה האדם, טוט זיך אויף ״טוב מאד״ בכל העולם - דעריבער ווערט דורך דעם - ״כל אשר עשה״ אלקים ״טוב מאד״.

ו. פון דעם ענין אין פ׳ בראשית האט מען אויך א לימוד בנוגע צו דער שנת העיבור, שנה תמימה - ע״פ המבואר אין ספרים[48] אז דער ענין פון מיעוט הירח[49] (וואס צוליב דעם דארף מען אנקומען צו א שנת העיבור) איז פארבונדן מיטן חטא עץ הדעת:

46*) מכילתא יתרו כ, א.

47) והביאור בזה: מכיון שכל פרטי העבודה הם קיום רצון ה׳ אחד, הרי העבודה עצמה צ״ל בהתאם ל(רצון ה׳ שהוא מגלה) מציאותו של הקב״ה, שהוא אחדות הפשוטה. ולכן, בכל פרטי העבודה, הן בקו דמצות עשה והן ל״ת, הן עבודת הצדיקים והן עבודת התשובה (אתהפכא) - צ״ל נרגש אחדות אמיתית, שכל פרט בעבודה הוא ״הן״ - קיום רצון ה׳, וגם בעצם העבודה נרגש רק הטוב וחיוב שבזה.

47*) ב״ר פי״ד, ז. וראה שם פי״ב, ו. פי״ג ג (וביפ״ת שם).

48) ראה ע״ח שער מיעוט הירח. ד״ה על כן יאמרו תרצ״א. ובכ״מ.

49) להעיר שהקביעות דבדר״ח חשון (א׳ חשון) בשנה זו הוא - ביום רביעי בשבוע, שבו נתלו המאורות (פרשתנו א, טז) ובו הי׳ מיעוט הירח (ראה ע״ח שער מיעוט הירח פ״ב).

די כוונה אין מיעוט הירח (ע"ד ומעין ווי אין בריאת הנחש והיצה"ר) איז בכדי אז דורך דעם זאל מען צוקומען צו א העכערער שלימות ותמימות, אזוי ווי אין א שנת העיבור וועלכע האט מער טעג ווי א געוויינלעכער יאר. ובעבודה - עבודת התשובה (אויך א מיעוט וחסרון בישראל הדומין ומונין ללבנה) וועלכע ברענגט צו "טוב מאד", נאך העכער פאר עבודת הצדיקים.

והענין:

דער ענין ההוספה והתמימות (עיבור השנה) בעבודת ה' קען זיין בכללות אויף צוויי אופנים:

(א) הוספה ותמימות בעבודת הצדיקים - ווי דאס איז מצד סדר הבריאה, אדם ישר הולך. ער איז מוסיף אויף זיין עבודה הרגילה, ביז אז ער טוט עס אין אן אופן פון תמימות - "תמים תהי' עם ה' אלקיך"[50], "דהיינו ע"י המצות אזי תהי' תמים ושלם בכל אברי הנפש כו', משא"כ אם חיסר מצוה א' או פגם בה כו'"[51].

(ב) הוספה ותמימות וואס ווערט דורך עבודת התשובה. כולל אויך אז אויך לאחרי ווי א מענטש איז באגאנגען א חטא (וואס אלע חטאים נעמען זיך פון דעם חטא הראשון - חטא עה"ד) און עס ווערט א חסרון ופגם לפי שעה אין זיין תמימות (מעין וע"ד ווי דער מיעוט הלבנה, וואס ישראל דומין ומונין ללבנה), טוט ער תשובה, און די תשובה (וועלכע איז העכער פאר מצוות) איז ממלא דעם פגם וחסרון[52], ביז נאכמער - אז תשובה איז מהפך זדונות לזכיות.

ועפ"ז איז מובן, אז דורך תשובה ווערט אויפגעטאן שלימות אין ענין התמימות (אופן פון "טוב מאד"), העכער ווי די תמימות במצוות ע"י עבודת הצדיקים (וואס איז נאר טוב, טוב שמצד הבריאה). ובפשטות: מצד עבודת הצדיקים בלייבט נאך אן אפשריות אויף אן ענין הפכי (אע"פ וואס די תמימות בפועל איז בתכלית השלימות). דורך תשובה (וואס במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אין יכולים לעמוד שם) וועלכע איז מתקן די פגמים כו' און איז מהפך די זדונות לזכיות - איז מען מבטל די גאנצע אפשריות לזה, במילא ווערט עס שלימות בתכלית אין תמימות, דאס נעמט אים דורך אינגאנצן, און עס בלייבט ניט קיין זאך וואס איז ניט תמים בעבודתו.

ולהוסיף, אז די דרגא אין תמימות איז אויך שייך בא צדיקים, אויך ביי אזא וואס האט קיינמאל ניט עובר געווען אויף א חטא - כידוע[53] אז אמיתית ענין התשובה איז

---

50) שופטים יח, יג.

51) לקו"ת נצבים מה, ג.

52) לקו"ת שם ואילך.

53) לקו"ת ר"פ האזינו. ובכ"מ. וראה (בנדו"ד) לקו"ת במדבר יט, ריש

״והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה״[54]; און וויבאלד אז ״התשובה היא בלב והלב יש בו בחי׳ ומדרגות רבות כו׳״[55], ובפרט אז א מענטש האלט אין איין וואקסן, וואס דאס איז כולל אז זיין לב און זיינע געפילן אין הארץ כו׳ וואקסן, ועאכו״כ אז זיין נפש ונשמה וואקסן שטענדיק - איז זיין פריערדיקע עבודה בתמימות ״פארדעקט״ ניט און נעמט ניט ארום אלע זיינע צוגעקומענע און נייע-אנטוויקעלטע כחות און געפילן כו׳, דעריבער פאדערט זיך איצטער (לויט זיין איצטיקן פארגרעסערטן מצב) א נייע העכערע דרגא אין תמימות (און לגבי די נייע דרגא - איז די פריערדיקע תמימות א חטא מלשון חסרון, כאטש אז לגבי זיין פריערדיקע מעמד ומצב איז די פריערדיקע עבודה געווען בשלימות התמימות).

ז. דערפון האט מען אויך א לימוד כללי בעבודת ה׳, וועלכע שטייט בהדגשה אין א שנה תמימה (שנה מעוברת), אנהויבנדיק ווען מ׳קומט פון שבת בראשית און מ׳גייט אריין (פון חודש תשרי המרובה במועדות) אין וועלט צו טאן די עבודה פון דעם יאר - ״ויעקב הלך לדרכו״:

״ויעקב הלך לדרכו״ רעדט זיך וועגן הליכת יעקב פון חרן צוריק אין ארץ ישראל. און גייענדיק אין וועג, דערציילט דער פסוק, ״ויפגעו בו מלאכי אלקים״[56], מלאכי ארץ ישראל יצאו לקראתו ללותו לארץ ישראל, די מלאכי חוץ לארץ וועלכע זיינען מיטגעגאנגען מיט אים זיינען געגאנגען ביז דעם גרעניץ פון ארץ ישראל[57].

דער לימוד דערפון:

נאך חודש תשרי הויבט זיך אן דער ״ויעקב הלך לדרכו״ פון יעדער איד (וואס יעקב גייט אויף יעדער איד[58]), ער ״לאזט זיך ארויס״ אין וועג גיין טאן זיין עבודה אין עניני חוץ לארץ[59], ווארום מ׳געפינט זיך נאך אין גלות, אבער זיין כיוון המהלך איז קיין ארץ ישראל - די גאולה האמיתית והשלימה.

און זיין עבודה דעמולט באשטייט פון צוויי ענינים: די שליחות (מלאך בפירושו שליח) אין עניני ״ארץ ישראל״, ארץ הקודש, ובכללות - די עבודה אין לימוד התורה וקיום המצוות, עניני קדושה, וועלכע זיינען טוב מצ״ע, ובזה גופא - שטענדיק מוסיף זיין און גיין מחיל אל חיל אין קדושה עצמה. וביחד עם זה, די שליחות (מלאכי) אין חוץ לארץ, ד.ה.

ע״ב.

54) קהלת יב, ז.

55) תניא פכ״ט (לו, ב).

56) ס״פ ויצא.

57) פרש״י שם.

58) ראה אגה״ק ס״ז.

59) כפשטות הענין, שלאחרי הליכת יעקב בדרך התחיל עבודת הבירורים עם עשו אחיו, כמסופר בפ׳ וישלח. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 260.

דער בירור פון חלקו בעולם, וואס איז דערווייל נאך ניט בדרגת "ארץ הקודש". אבער - דוקא דורך דארטן אריינברענגען קדושה, ווערט אויפגעטאן נאך א העכערער טוב - "טוב מאד", תמימות בשלימות.

ובפרטיות - אין יעדער מענטשן אליין: א איד איז באשאפן געווארן מיט א לב אחד וועלכע האט צוויי חללים, דער העכערער טוב - "טוב מאד", תמימות בשלימות.

61) כדי לזכות אותם בעבודה זו — כי (ע״פ הלכה) עושים שליח לעשות מה שבכחו (דהמשלח) לעשות, היינו דנשיא דורנו הי׳ יכול לפעול הבירור בעצמו, ע״ד עבודת הבירורים שהיתה בזמן שלמה (שניצוצות הקדושה נתקבצו מאליהם אל אור האבוקה). ולהעיר ממשנ״ת במק״א הקשר והשייכות של נשיא דורנו לשלמה (ראה מעייני הישועה ח״ג פ״ח (ע׳ 201 ואילך)).

62) ראה ״היום יום״ א׳ חשון: ״מאז שאמר הקב״ה לאברהם אבינו ע״ה לך לך מארצך גו׳ . . הותחל סוד הבירורים, וע״פ גזירת ההשגחה העליונה האדם הולך למסעיו במקום אשר הניצוצות הצריכים להתברר על ידו מחכים לגאולתם״. וממשיך לבאר ש״הצדיקים שהם בעלי ראי׳ רואים הם באיזה מקום הבירורים שלהם מחכים להם והולכים שמה בעצמם״. ומזה מובן גם בנוגע לענין השליחות — שישולחים תלמידיהם למקום שבו נמצאים הניצוצות הצריכים להתברר על ידם*.

63) כולל גם הפעולה על אוה״ע שיקיימו מצוות בני נח, כפס״ד הרמב״ם (הל׳ מלכים ספ״ח).

64) להעיר, שבואם של בנ״י גם למקומות רחוקים עד לקצוי תבל נתחדש בדורות האחרונים (שרק אז הגיעו יהודים לחצי כדור התחתון, כמו במדינה זו, וכן באוסטרליא, וכיו״ב), ומוסיף והולך כו׳ — כי, ככל שהולכים ומתקרבים לביאת המשיח יש צורך לסיים ולהשלים את בירור הניצוצות שנמצאים בכל קצוי תבל, עד לפנה נדחת.

---

*) ע״ד הסיפור הידוע שתלמיד הבעש״ט בא למקום מסוים כדי שיברך על מי המעיין דשם שהמתין מששת ימי בראשית שיבוא יהודי ויברך על מימיו (לקו״ד ח״ד תקצו, ב).

וכבר הגיעה בשורה משמחת שבכמה מקומות בעולם עוסקים כבר בפעולות אלו — בניית בתים ושכונות כו׳, ויה״ר שמהם יראו וכן יעשו בכל מקום ומקום.

יא. ויה״ר שע״י מעשינו ועבודתינו בכל הענינים האמורים, שתוכנם ונקודתם ״ראה עולם חדש״ — נזכה תיכף ומיד לראות בגלוי את תכלית השלימות דחידוש העולם כשתושלם כוונת הבריאה לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים — ״השמים החדשים והארץ החדשה״[65].

ותיכף ומיד יתקיים ויהי׳ אצל כאו״א מישראל ״לך לך גו׳ אל הארץ אשר אראך״ כפשוטו ממש — שיוצאים מהגלות ובאים לארצנו הקדושה, לירושלים עיר הקודש, לבית המקדש, ועד לקדש הקדשים.

ואז יקויים היעוד[66] ״וערבה להו׳ מנחת יהודה וירושלים כימי עולם וכשנים קדמוניות״, ״כימי עולם כימי נח, שנאמר[67] כי מי נח זאת לי״[68], היינו, שהעולם כולו יהי׳ מכוסה במים — ״מי הדעת״[69], כמ״ש[30] ״כי מלאה הארץ דעה את הוי׳ כמים לים מכסים״.

65) ישעי׳ סו, כב.

66) מלאכי ג, ד.

67) נסמן לעיל הערה 36.

68) ויק״ר פ״ז, ד. איכ״ר בסופו. ועוד.

69) ראה רמב״ם הל׳ מקואות בסופן.

בס"ד. שיחת ש"פ נח, ד' מרחשון ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

השלמות לשיחות הראשונות

[בענין המיוחד דשבת זו - שבת פ' נח]:

א. כמדובר כמ"פ, אז יעדער שבת האט זיין ענין פרטי נוסף צו דעם ענין כללי בכל שבת ושבת ונוסף צו דעם ענין כללי בכל יום ויום, און אזוי - כלל לאחר כלל, ועד"ז בנוגע דעם ענין פרטי - פרט לאחר פרט.

[בהענין שדוקא שמיטה זו היא בגשמיות (משא"כ שאר השמיטות ונו"ן אלפים יובלות), שבו נשלמת כוונת הבריאה לעשות לו ית' דירה בתחתונים]:

ב. עפ"ז איז מובן דער גודל השטורעם פון מתן תורה און יציאת מצרים (ווען ס'איז געוועז לידת עם ישראל[1], "לקחת לו גוי מקרב גוי"[2]) וכו' וכו' אלע ענינים נעלים במשך שמיטה זו - דלכאורה: עס זיינען דאך פאראן נאך זעקס שמיטות ביז נו"ן אלפים יובלות - איז וואס איז שוין דער געוואלד פון מ"ת וכו' דוקא בשמיטה זו?! אבער ע"פ הנ"ל אז דוקא שמיטה זו איז בגשמיות משא"כ די אנדערע שמיטות זיינען נאר ברוחניות - איז דאס פארשטאנדיק, ווייל די כוונה פון בריאת כל השמיטות וכל היובלות - נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים - פירט זיך דורך בעוה"ז הגשמי דוקא.

[משא"כ אויב מ'וועט לערנען אז ניט נאר שמיטה זו איז בגשמיות - וועט ווערן אן איבערקערעניש אין כו"כ ענינים].

דערפון האט מען אויך א תוספות ביאור אין דעם פארנעם און געשמאק און התפעלות פון מעשינו ועבודתינו בזמן הזה - ווארי דוקא דורך מעשינו ועבודתינו בשמיטה זו (אין די שיתא אלפי ש דהוה עלמא, משא"כ אלף השביעי איז פארבונדן בעיקר מיט קבלת שכר, דערפאר רעכנט מען אמאל די שית אלפי שנין באזונדער פון דעם אלף השביעי) פירט מען דורך די כוונה פון בריאת כל העולם וכל השמיטות והיובלות!

וואס די התפעלות האט מען אפילו ווען מ'לערנט דעם ענין אין חסידות בפשטות, און מ'איז זיך ניט מעמיק אין דעם, אדער אפילו אויב מ'לערנט אין אן אופן אז לכתחילה גייט מען דערצו אן

---

1) יחזקאל קאפיטל טז. וראה תו"א ר"פ וארא. תו"ח וארא צו, ב ואילך. סהמ"צ להצ"צ מצות קרבן פסח פ"ב ואילך (דרמ"צ עז, סע"ב ואילך), ובכ"מ. 2) ואתחנן ד, לד. 3) ר"ה לא, א. ע"ז ט, א.

התפעלות, און מ׳לערנט סתם אז איצטער איז די שמיטה הב׳; דארף ער אבער א טראכט טאן: פארוואס דערציילט מען דאס אים? איז דאס בכדי ער זאל וויסן די גדלות פון שטורעם פון זיין עבודה אין דער שמיטה, זייענדיק די איינציקע שמיטה בעוה״ז הגשמי.

די התפעלות בזה איז נאך גרעסער בשעת מ׳טראכט זיך אריין אז דער אויבערשטער האט דאס אלץ געקענט מאכן אין אן אנדער אופן, ואעפ״כ איז עלה ברצונו ית׳ צו דאס טאן דוקא באופן זה!

ועפ״ד ווי גערעדט כמ״פ בנוגע צו די ספירות, אז מצד דעם אויבערשטן איז ניטא קיין הכרח עס זאלן זיין עשר ספירות דוקא, נאר עס האט געקענט זיין און ס׳איז טאקע געווען בפועל - ספירות אין קץ[4]; אבער דער אויבערשטער האט געוואלט אז אין דעם ארט פון מעשינו ועבודתינו זאל זיין דוקא עשר ספירות, עשר ולא אחד עשר, עשר ולא תשע[5].

[בהמשך להענין לך לך מארצך ומבית אביך גו׳ אל הארץ אשר אראך, שלא נתבטל ממציאותו, כ״א יציאה ממעמדו ומצבו הקודם כו׳, שעי״ז מתגלית מציאותו האמיתית]:

ג. ועד״ז איז אויך בנוגע צו דעם וואס מ׳האט גערעדט[6] וועגן ״שנת הילד והילדה״, אז די הדגשה בזה איז ילד וילדה און ניט בן ובת, ווייל א בן ובת איז מדגיש ווי זיי זיינען פארבונדן מיט ״בית אביך״, זייער טבע ורגילות כו׳ וואס זי זיינען יורש מהוריהם, משא״כ ילד וילדה איז מדגיש אז עס ווערט דער ״לך לך גו׳ מבית אביך״, אבער ניט אז זיי ווערן אויס מציאות, נאר אז דורך דעם ווערט נתגלה זייער אמת׳ע מציאות - ״ארץ אשר אראך״.

[בענין ברכת התורה ועלי׳ לתורה, שכ״ק אדמו״ר נ״ע לפעמים הי׳ עולה לתורה פעמיים ביום]:

ד. און כ״ק מו״ח אדמו״ר האט דערציילט, אז אמאל זייענדיק אין חוץ לארץ, האט מען אים געגעבן א דריטע עלי׳, ווייל מ׳האט ניט געוואוסט זיין זהירות בזה.

כ׳האב דעמולט זיך ניט געכאפט פרעגן דער טעם לזה; ויש לומר ולקשר זה מיט דעם וואס די עלי׳ הג׳ וועט נתחדש ווערן דוקא לעתיד לבוא, בגאולה השלישית, ווען עס וועט זיין דער ביהמ״ק השלישי, משא״כ בזמן הזה איז פארבונדן דערוויילע נאר מיט צוויי עליות (די צוויי בתי מקדשות, ״משכן משכן״ ב׳ פעמים[7]).

---

4) ראה ד״ה כי עמך מקו״ח וד״ה אדם כי יקריב תרס״ו. 5) ס׳ יצירה פ״א מ״ד. 6) משיחת ש״פ בראשית ס״ח. 7) פרש״י ר״פ פקודי.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ויה"ר אז בא יעדער איד זאל זיין ביידע ענינים: די צוויי עליות בזמן הזה, און דערנאך גלייך נתעלה ווערן אין דער עלי' הג' לעתיד לבוא בביהמ"ק השלישי,

און ניט נאר שלישי, אויך פון לשון עילוי ומובחר, כמ"ש "ושלשם על כולו"[8], ע"ד ווי די גאולה שלישית איז מובחר ושלא בערך צו די פריערדיקע עליות - נאר אויך משולש, אז דער שלישי איז כולל און מאחד אלע דריי - סיי די מעלה פון ב' און סיי די מעלה פון ג', ד.ה. סיי די מעלה פון מעשינו ועבודתינו בזמן הזה (זמן הגלות), און סיי די מעלה פון דער עלי' לע"ל [ומעין זה איז דא אויך אין דער עבודה בזמן הזה - דורך "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך[9] - בשני יצריך"[10], אז ביידע יצרים ווערן נתאחד דורך דעם ענין פון "ואהבת את ה' אלקיך"],

וואס ג' איז בפשטות פארבונדן מיט גאולה - ג' ר"ת גאולה, און אויך ר"ת גלות, ווייל דורך דעם וואס מ'שטעלט אריין דער אל"ף פון אלופו של עולם אין גלות ווערט עס גאולה.

און פון "אלה תולדות נח נח"[11] ב' פעמים גייט מען אריין גלייך אין דער עלי' שלישית - "לך לך גו' אך ארץ אשר אראך", בגאולה האמיתית והשלימה, ווי מ'גייט באלד לייענען בתפלת מנחה,

ואפילו אויב ביז דעמולט (ביז די קריאה) וועט מען אפשר ניט עספראוועץ, זאל דאס זיין עכ"פ נאך דער קריאה, נאך ביום השבת זה (כמדובר כמ"פ אז די גאולה קען קומען אויך ביום השבת),

און אפילו פאר דער קריאה - איז מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה[12], האט מען סיי די מחשבה טובה, סיי דער הקב"ה מצרפה, סיי דער ענין פון מצרפה למעשה, און סיי די מעשה אליין.

ויה"ר אז מ'זאל שוין ניט רעדן וועגן דער גאולה העתידה אזוי ווי דאס איז א זאך בעתיד אדער אפילו בהוה, נאר ווי א זאך אין עבר,

און ס'וועט מקויים ווערן דער יעוד "וערבה לה' מנחת יהודה וירושלים כימי עולם וכשנים קדמוניות" - אויך פון לשון קדם ולשון עבר - "כימי עולם כימי נח, נאמר כי מי נח זאת לי",

און אלע אידן, "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו"[13], גייט

8) בשלח יד, ז. 9) ואתחנן ו, ה. 10) ברכות נד, א. 11) ריש פרשתנו (ו, ט). 12) קידושין מ, א. 13) בא י, ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

מען ״אל ארץ אשר אראך״, באופן פון מראה באצבעו ואומר זה, ובכל ענינים אלו - תיכף ומיד ממש.

* * *

ה. מ׳האט גערעדט כמ״פ אז אין חודש חשון הויבט זיך אן דער עיקר העבודה פון ״ויעקב הלך לדרכו״. ומובן אז אין חודש חשון עצמו - שטייט דאס בהדגשה אין דעם ערשטן שבת פון דעם חודש, וואס דאס איז דער היינטיקער שבת.

די כללות׳דיקע עבודה פון ״ויעקב הלך לדרכו״ איז פארבונדן מיט די דריי ענינים פון ״לחם לאכול ובגד ללבוש״ (ווי עס שטייט בא יעקב) און בית ודירה לדור בו, וואס אין די דריי ענינים טיילן זיך צרכי האדם[15].

אין דעם ענין פון א בית גופא - זיינען פאראן צוויי סוגים: א בית וואס מ׳דארף האבן בהכרח; און א בית וואס קומט צו בהוספה (מכפי המוכרח) מצד הרחבה ותענוג וכיו״ב.

ווי דאס איז בנוגע צו כללות העולם: דער עצם עולם - שמים וארץ - איז בדוגמא צו א בית, כידוע אז שמים איז כיפה לארץ[16], און בכלל איז השמים כסאי והארץ הדום רגלי[17] (בדוגמא צו א בית כפשוטו וואו עס געפינט זיך א כסא וכו׳), וואס דער בית פון שמים וארץ איז מוכרח לקיום האדם; און דערצו קומען צו אין וועלט גופא - בתים פרטיים וועלכע מענטשן בויען.

ו. עפ״ז וועט מען פארשטיין א דבר תמוה - וואס מ׳שטעלט זיך ניט אפ אויף דעם, וכרגיל, אז וואו נאר א שווערע זאך, איז מען דערצו ניט משים לב:

אע״פ אז מזון לבוש און בית זיינען צרכי האדם - זעט מען אז אין דער פרשה פון מעשה בראשית אין תורה וואו עס רעדט זיך וועגן דער ערשטער מענטש - אדם הראשון און חוה - ווערט דערציילט נאר וועגן זייער מזון און לבושים, אבער ניט וועגן א בית וואו זיי זאלן לעבן?

בנוגע צו מזון - שטייט בפירוש[18]: ״ויאמר אלקים הנה נתתי לכם את כל עשב זורע זרע אשר על פני כל הארץ ואת כל העץ אשר בו פרי העץ זורע זרע לכם יהי׳ לאכלה״.

ועד״ז בנוגע צו לבושים: נוסף לזה וואס (לאחרי החטא איז געוועז) ״ויתפרו עלה תאנה ויעשו להם חגורות״[19] - שטייט[20] אז

---

14) ויצא כח, כ. 15) ראה לקו״ת ס״פ ברכה (צו, סע״א ואילך). 16) ראה ב״ר פ״ד, ה. 17) ישעי׳ סו, א. 18) בראשית א, כט. 19) שם ג, ז. 20) שם, כא.

״ויעש ה׳ אלקים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם״, וואס דאס גייט בפשטות אויף דעם ענין הלבושים [לויטביידע פירושים אין פרש״י: ״חלקים כצפורן היו מדובקים על עורן״, אדער ״דבר הבא מן העור כגון צמר הארנבים שהוא רך וחם ועשה להם כתנות ממנו״ וכמדובר אמאל בארוכה[21] דער טעם פארוואס רש״י דארף אנקומען צו צוויי פירושים, ווייל דער ערשטער פירוש איז ניט מספיק, אבער לאידך - האט דער צווייטער פירוש נאך א גרעסערע שוועריקייט, דערפאר קומט ער אלס פירוש שני, וכמדובר דעמולט].

ואע״פ אז דאס איז בפשטות געווען לאחרי החטא, איז אבער מובן מכמה מדחז״ל אז אויך בתחלת בריאתם (לפני החטא) איז בא זיי געווען כתנות, נאר דעמולט איז דאס געווען כתנות אור (מיט אן אל״ף)[22].

משא״כ דער ענין פון בית פאר אדם וחוה - ווערט ניט דערציילט אין תורה. וואס דערפון איז מובן, אז זיי האבן טאקע ניט געהאט קיין בית, ווייל אויב דער אויבערשטער האט פאר זיי געמאכט א בית, האט עס תורה געדארפט דערציילן, אזוי ווי תורה דערציילט וועגן די אנדערע צרכי האדם - מזון ולבוש.

מ׳קען ניט זאגן אז תורה דערציילט עס ניט ווייל דאס איז ניט א הוראה הנוגע לעבודת האדם - ווייל דער ענין פון בית איז בפירוש נוגע לעבודה: דאס איז איינער פון צרכי האדם, ואדרבה - דאס איז א צורך הכי עיקרי, ביז אז מ׳זאגט אז מי שאין לו בית אינו אדם[23], און דאס איז בחי׳ מקיף דמקיף וכו׳, כמבואר בכ״מ[15].

שטעלט זיך די שאלה: פארוואס איז בא אדם וחוה ניט געווען קיין בית?

בשלמא דאס וואס קין האט שפעטער געבויט אן עיר (״ויהי בונה עיר״)[24], איז אע״פ וואס דארט שטייט ניט בפירוש אז אין דעם עיר זיינען געווען בתים, איז דאס דערפאר וואס דאס איז מובן מעצמו, ווייל אן עיר ווערט דורך דעם וואס דארט זיינען פאראן א ריבוי בתים, און דעריבער דארף עס די תורה ניט זאגן בפירוש (כמדובר כמ״פ); אבער וואס איז דער טעם אז בא אדם וחוה שטייט ניט אז זיי האבן געהאט א בית?

---

21) שיחת ש״פ בראשית תשמ״ז. 22) ראה זח״ב רכט, ב. וראה ס׳ החקירה להצ״צ סז, ב ואילך. וש״נ. 23) ראה יבמות סג, א. וראה לקו״ש ח״ט ע׳ 139. וש״נ. 24) בראשית ד, יז.

ז. ויש לומר דער ביאור בזה, אז אויך דאס איז מובן בפשטות - ווייל דער בית פון אדם וחוה בתחלת בריאתם אין גן עדן איז געווען שמים וארץ וואס דער אויבערשטער האט פאר זיי אליין געבויט (בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ[25]) - שמים כיפת הארץ, והשמים כסאי והארץ הדום רגלי (כנ"ל), וואס זייענדיק אין גן עדן איז דער בית געווען צו זיי באשיצן וכו'.

נאר דערנאך איז צוגעקומען אז מענטשן האבן אליין געבויט בתים גשמיים אין עולם עצמו, וכשנתרבו בני אדם בעולם האבן זיי געבויט א ריבוי בתים, פון וועלכע עס זיינען דערנאך געווארן שכונות, ביז - עיירות.

ועפ"ד ווי דאס איז בסדר העולם איצטער בטבע בני אדם: בשעת איינער איז נאך קינד ווייסט ער נאך ניט אז ער דארף זיך בויען א בית, ווייל ער געפינט זיך בביתו של אביו ואמו, דערנאך אז ער וואקסט אויס פארשטייט ער אז ער דארף גיין בויען אן אייגענעם שטוב; עד"ז בנוגע צו אדם הראשון, אז בתחלת הבריאה איז געווען "הכל מוכן לסעודה", כולל זיין בית - כל העולם כולו (שמים וארץ) שנברא ע"י הקב"ה. דערנאך, במשך הזמן איז צוגעקומען די בניית בתים ע"י בני אדם, ביז אז דערפון זיינען געווארן שכונות, און עיירות, "ויהי בונה עיר" וכיו"ב.

ווארום כשם ווי אין דעם "בית" שברא הקב"ה (שמים וארץ) איז "מה רבו מעשיך"[26] און "מה גדלו מעשיך"[27] (ביז אז עס זיינען דא עולמות א"ס), אזוי דארף אויך זיי ביי א מענטשן, אז אע"פ וואס ס'איז דא דער כללות הבית של כל העולם, דארף א מענטש מאכן א שינוי ותיקון אין וועלט (כנ"ל בשיחה א'), כולל דורך דארט אויפבויען בתים, ובאופן פון מה רבו, ביז אז דערפון זאלן ווערן שכונות און עיירות, וועלכע זיינען בבחי' עיר אלקינו[28].

ובכל דור ודור קומט צו אין דער עבודה (אזוי ווי בנוגע לכל עניני עבודה). ווי מ'זעט עס בנוגע צו דעם ענין פון בניית בית חתנות לבנו[29], אז אמאל איז לאו כל מוחא וכיסא - קעשענע - סביל דא צו בויען א הויז פאר א קינד וואס האט חתונה; ובדורות האחרונים איז צוגעקומען אין דעם.

ועד"ז בנוגע צו בתים בכלל - קומט צו מדור לדור במספר פון אידן וואס האבן אייגענע בתים, ביז אויך - אין מספר פון שכונות און שטעט פון אידן.

---

25) שם א, א. 26) תהלים קד, כד. 27) שם צב, ו. 28) שם מח, ב. 29) תענית יד, ב. מגילה ה, ב.

ביז אז מ׳געפינט היינט אידן וועלכע באקומען פרנסה דורך בויען בתים און שכונות ועיירות [במיעוט איז עד״ז אויך געווען בימי הביניים, כידוע בתולדות עם ישראל].

ח. וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט דער השתדלות לאחרונה אין דעם ענין פון בניית בתים, אז יעדערער זאל זיך משתדל זיין בויען אייגענע בתים, אנהויבנדיק פון בתי תורה תפלה וצדקה, און אויך בנינים פרטיים של יחידים. ביז אויך - אויפשטעלן נייע שכונות פון אידן, ביז אויך - שטעט.

און ווי ס׳איז אנגעקומען די בשורה טובה וידיעה משמחת, אז מ׳האט אנגעהויבן בויען א שכונה אין דער שכונה פון נשיא דורנו, ואשרי חלקם, און זיכער וועלן זיי נאכמער מזרז זיין בזה, ביז אז מ׳וועט בויען נאך שכונות, בז אז דערפון זאל ווערן אן עיר.

ומהם יראו וכן יעשו רבים - בכל מקום ומקום, בכל קצוי תבל של העולם כולו, ביז אויך במקומות רחוקים.

ט. דער ביאור כללי אין דעם סדר השתלשלות פון בניית בתים ושכונות ועיירות בישראל, אז מדור לדור קומט אין דעם צו ביז באופן של ריבוי, ביז בדורנו - בכל העולם כולו (כנ״ל) - איז פארשטאנדיק פון דעם כללות׳דיקן סדר פון עבודת הבירורים, וואס א חלק דערפון איז בניית בתים ושכונות ועיירות בישראל דורך וועלכע מ׳איז מברר דעם מקום און די ניצוצות וואס געפינען זיך דארט - אז דער סדר אין עבודת הבירורים איז, אז אין אין דעם קומט צו במשך הדורות:

בזמן שלמה איז דער סדר פון עבודת הבירורים געווען, אז וישב שלמה על כסא ה׳[30], ועד״ז איש תחת גפנו ותחת תאנתו[31], און מ׳האט צו אים געבראכט די ניצוצי קדושה, ווי דאס איז געווען בנוגע צו מלכת שבא[32]. וכמבואר בזה, אז שלמה איז געווען ווי אן אבוקה גדולה וואס האט צו זיך צוגעציט די ניצוצות פון ארום.

בדורות שלאחרי זה איז אבער געווארן די עבודה אין אן אופן, אז אידן האבן זיך אנגעהויבן פאנאדערשפרייטן אין פארשידענע מקומות בחוץ לארץ, און דורך דעם האט יעדערער מברר געווען די ניצוצות פון מקומו הוא.

ומדור לדור - ובפרט לאחר חורבן ביהמ״ק - זיינען אידן נאכמער געווארן אין די מדינות בחוץ לארץ,

30) מלכים א׳ 31) שם ה, ה. 32) שם י, ב ואילך.

ביז אז בדורות האחרונים זיינען אידן אנגעקומען אויך במקומות רחוקים בקצוי תבל, וואו עס זיינען ניט געווען קיין אידן בזמן מתן תורה ובזמן שביהמ״ק הי׳ קיים וכו׳ - ווי אין חצי כדור התחתון, כולל מדינה זו (אמעריקא), וועלכע איז נתגלה געווארן בדורות האחרונים, ויש אומרים - דורך א איד, אבער עכ״פ דערנאך זיינען אהערצו געקומען אידן, ועד״ז אין אנדערע מדינות רחוקות, ווי מדינת אוסטרליא וכיו״ב - זיינען דערנאך אידן אהינצו געקומען,

און די כוונה אין זייער קומען אהינצו איז לכל לראש - צוליב מברר זיין די ניצוצות וואס געפינען זיך דארט, וכמ״ש[33] ״מה׳ מצעדי גבר כוננו״, כתורת הבעש״ט[34] עה״פ[35] ״והלכת אל המקום גו׳ לשכן שמו שם״, ״א איד דארף וויסן אז ער גייט פון אין ארט אין דעם אנדערן, איז ניט ער גייט אליין נאר מ׳פירט איהם מלמעלה, און די כוונה איז לשכן שמו שם כו׳״, ובכללות - בירור הניצוצות וואס געפינען זיך בכל מקום ומקום.

וואס דורך דעם טוט זיך אויף שלימות הבירור פון די ניצוצות אין דעם מקום - בְשעת דער מברר גייט אין דעם ארט וואו עס זיינען דא די ניצוצות (און ניט נאר אז מ׳ברענגט די ניצוצות ממקום אחר), ביז צו די שלימות בזה - בירור הניצוצות באופן פנימי דורך אכילה ושתי׳ של ישראל, וואס עי״ז ווערט דאס דם ובשר כבשרו.

און דורך דעם - דער בירור - ווערט דורכגעפירט כוונת הבריאה פון דער זאך וועלכע מ׳איז מברר.

וכידוע[36] דער סיפור מיט הגאון ר׳ חיים רפופורט, אז אמאל בדרך האט ער געטראפן א מעין של מים און האט אויף דעם געמאכט א ברכה שהכל און דערפון גענומען א טרונק וואסער; האט דער בעש״ט געזאגט, אז דער מעין האט געווארט זינט ששת ימי בראשית אז א איד זאל קומען און מאכן א ברכה אויף אירע וואסער!

ועד״ז איז דאס בנוגע צו אלע ענינים גשמיים בכל העולם, אז כוונת בריאתם פירט זיך אויס דורך דעם וואס א איד קומט אהינצו, ניט נאר צוליב מאכן ריוח בעניני מסחר וכיו״ב, נאר בכדי דאס מברר זיין, ביז שלימות הבירור בזה - ע״י אכילה ושתי׳, וואס דורך דעם ווערט דאס דם ובשר כבשרו, א בירור פנימי.

---

33) תהלים לז, כג. 34) כש״ט (קה״ת) ע׳ 136. 35) תבוא כו, ב. 36) לקו״ד ח״ד תקצו, ב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

[ואע״פ אז עס זיינען פאראן אנדערע דברים גשמיים, אויך דברים מותרים (וועלכע זיינען ניט אסור בידי החיצונים), וואס זייער בירור איז ניט דורך אכילה, ווי לבושים ובגדים וואס זיינען ניט ראוי לאכילה (אבער זיי זיינען מותר ללבוש בהם),

און ס'איז לכאורה ניט מספיק זאגן, אז אין זיי טוט זיך ניט אויף דער בירור באופן פנימי (ווי דורך אכילה), ווארום דעמולט קומט אויס אז אין די זאכן איז דער בירור נאר באופן מקיף, און ניט בשלימות באופן פנימי -

דעריבער יש לומר, ע״ד הידוע ומבואר בנוגע לכמה וכמה ענינים, אז בכדי אין זיי זאל זיך אויפטאן שלימות הבירור ווערן זיי נתגלגל [לדוגמא - ווי דער אלטער רבי איז מבאר[37] בנוגע צו לימוד התורה פון א איד, אז יעדער איד איז מחוייב בלימוד כל חלקי הפרד״ס שבתורה (״כל נפש צריכה לתיקונה לעסוק בפרד״ס כו׳״), ״וצריכות לבוא בגלגול להשלים התורה בפרד״ס (און ניט נאר לימוד ע״ד הפשט וואס יעדער איד לערנט, אפילו א בן חמש למקרא, עאכו״כ א בן שלש עשרה למצוות און עלטער דערפון) כדי לברר כל הבירורין הנוגעות להם מכל הרפ״ח שהיא קומת אדם שלימה כו׳״[38]].

עד״ז איז אויך בנוגע צו דער ניצוץ וואס געפינט זיך אין א לבוש וכיו״ב, אז דאס באקומט שלימות הבירור (באופן פנימי) דורך גלגול וכו׳].

י. לפי״ז שטעלט זיך אבער די שאלה [א איד איז דאך א חוקר ודורש, גריבלט ער זיך אין יעדער ענין...] - ממה נפשך:

אויב די כוונה פון קומען אין די ערטער איז בכדי מברר זיין די ניצוצי קדושה וועלכע געפינען זיך דארט, וואס אויך לפני דער גילוי פון אמעריקא וכיו״ב זיינען דארט געווען בני אדם, ועאכו״כ בעלי חיים צומח ודומם - פארוואס האט מען זיך ביז דעמולט ניט פארנומען מיט מברר זיין די בירורים; און אויב דארטן איז ניטא וואס צו מברר זיין - איז ווי קומט אהינצו א איד?!

פון די ביאורים בזה - יש לומר:

א) אין די דורות הקודמים האט מען ניט געהאט דעם כח (אדער

---

37) הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״א ס״ד. 38) קו״א ד״ה ולהבין פרטי ההלכות (קס, א).

מ׳האט בפועל ניט פערענדיקט) צו מברר זיין די ניצוצות אין די מקומות רחוקים, מ׳האט דארטן ניט געקענט דערגרייכן (ווי מ׳זעט עס בפשטות, אז די מענטשן בחצי כדור העליון האבן דעמולט ניט געקענט אנקומען צום חצי כדור התחתון וכיו״ב), משא״כ בדורות האחרונים.

אבער צוליב וואס דארף מען זאגן א ביאור לגריעותא, ווען מ׳קען זאגן א ביאור למעליותא:

ב) בדורות האחרונים, ווען עס זיינען אנגעקומען נייע מענטשן אין חצי כדור התחתון וכו׳ (צוליב עניני מסחר וכיו״ב), זיינען דארט געקומען און נתגלה געווארן ניצוצות **חדשים** (וועלכע זיינען דארט ניט געווען בדורות שלפנ״ז), דעריבער האבן אידן געדארפט דעמולט אהינצו קומען צו מברר זיין אויך די נייע ניצוצות (משא״כ אין די דורות הקודמים זיינען דארט ניט געווען די ניצוצות, דעריבער האבן אידן דארט ניט געדארפט קומען).

וואס דאס איז דער טעם פארוואס אידן זיינען אנגעקומען אויך למקומות בעולם וואו זיי זיינען ניט געווען בדורות הקודמים - ווי אין אמעריקא וכיו״ב - בכדי דארט מברר זיין די ניצוצות חדשים וואס זיינען דארט נתגלה געווארן (דורך די גויים וואס זיינען פריער אהערצו געקומען), דורך פירן עניני מסחר לשם שמים כו׳, דורך אכילה ושתי׳ און מאכן א ברכה אויף דעם כנ״ל, ובכלל - דורך מגלה זיין דארט דעם שויתי הוי׳ לנגדי תמיד[39], וואס שטייט בגלוי אויף דעם פנים פון א מענטשן (שני עיניו כנגד דער יו״ד, שני אזניו כנגד דער ה״א, דער חוטם (עם שני נחירי אף) כנגד דער וא״ו, און דער פה כנגד דער ה״א אחרונה), ביז דורך אויפבויען אין דער מדינה בתים און מושבים ושיכונים און ישיבות ובתי כנסיות וכו׳.

ועד״ז אויך בנוגע צו אנדערע מקומות בעולם, וואו אידן זיינען אנגעקומען בדורות האחרונים, ביז מקומות רחוקים ביותר בקצוי תבל, ווי מדינת אוסטרליא, וואס דערנאך זיינען אהינצו געקומען מענטשן, און דעריבער זיינען דערנאך אויך געקומען אידן בכדי מברר זיין די ניצוצות שם.

עפ״ז וועט מען אויך פארשטיין דער טעם פארוואס רבותינו נשיאינו, ובמיוחד כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו (ועד״ז אביו דער רבי נ״ע) האבן געשיקט שלוחים (״לך לך מארצך וממולדתך ומבית

39) תהלים טז, ח.

אביך״) אין ערטער בכל קצוי תבל בכל העולם כולו (במדינה זו און במדינות אחרות) וואו עס זיינען אמאל בכלל ניט געווען קיין אידן - בכדי דארט מפיץ זיין תורה ויהדות כו׳.

ביז אז מ׳זעט אז נשיא דורנו האט געשיקט א שליח אדער א ראש ישיבה וקבוצת תלמידים בכדי אוישפטעלן א ישיבה אין ערטער (ווי אין פארשידענע שטעט במדינה זו) וואו זיי זיינען געווען די ערשטע אידן [וואס דאס איז נאר בכח פון א נשיא הדור, ווארום אליין איז דאך ידוע דער פס״ד הרמב״ם[40] אז א איד דארף לעבן אין אן ארט וואו עס זיינען דא שומרי תומ״צ, אבער א נשיא הדור האט בכח און גיט זיינע כחות צו זיינע שלוחים אויך צו גיין (לך לך מארצך גו׳) און אויפטאן אין אזא ארט].

וואס דערביי שטעלט זיך די זעלבע שאלה הנ״ל: אויב מ׳דארף אויפטאן דעם בירור אויך אין די ערטער - פארוואס זיינען אידן ביז דעמולט ניט געקומען אין די ערטער בכדי דארט מברר זיין די ניצוצות?

איז דער ביאור בזה, כנ״ל - ווייל במשך הדורות ווען נייע מענטשן זיינען אנגעקומען אין די ערטער, זיינען דארט נתגלה געווארן נייע ניצוצות, און דעריבער האט נשיא דורנו דארטן געשיקט שלוחיו ותלמידיו, ביז אז מ׳זאל דארט אויפבויען ישיבות וכו׳.

ויש לומר נאך א טעם לזה, ווייל היות אז עס ווערט נעענטער צו ביאת המשיח, דארף מען פארענדיקן דער בירור הניצוצות וואס געפינט זיך בכל קצוי תבל, ביז אין א פנה נדחת.

- נשיא דורנו האט בכח צו מברר זיין די ניצוצות אויך זייענדיק במקומו הוא, ע״ד ווי די עבודת הבירורים בזמן שלמה המלך (אז זיי האבן זיך אליין צוזאמענגעקליבן אל אור האבוקה, כנ״ל ס״ט), אבער ער האט דערצו אויך געוואלט מזכה זיין תלמידיו ושלוחיו אז זיי זאלן האבן א חלק אין דער בירור הניצוצות וואס איז אויך שייך צו זיי; און וויבאלד אז ס׳וועט נעמען צופיל צייט צו זיי אויפהויבן צו דער דרגא אז זיי זאלן זיין ישב על כסא ה׳ (אזוי ווי דרגת שלמה) - דעריבער האט נשיא דורנו זיי געשיקט אין די ערט אויפטאן דעם בירור.

---

40) רמב״ם הל׳ דיעות רפ״ו.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

יא. צווישן די ערטער וואו נשיא דורנו האט געשיקט שלוחים כו׳ צו מפיץ זיין תורה ויהדות און אויפבויען ישיבות וכו׳ - איז אין מדינת אוסטרליא, וואס זי איז א מדינה וואס איז נתגלה געווארן בדורות האחרונים, און לפני זה זיינען דארט ניט געווען קיין אידן, אבער בשעת דאס איז נתגלה געווארן און דארט זיינען אנגעקומען מערערע מענטשן, האבן אידן דארט געדארפט קומען צו מברר זיין די נייע ניצוצות.

ביז אז נשיא דורנו האט דארט געשיקט שלוחים צו מפיץ זיין אידישקייט, און אויפבויען ישיבות וכו׳.

ולהוסיף בנוגע צו אוסטרליא, אז דער בירור הניצוצות האבן א מעלה מיוחדת: ס׳איז ידוע אז תחלת הישוב פון מדינת אוסטרליא איז געווען דורך חוטאים ופושעים נגד דינא מלכותא דינא וז׳ מצוות בני נח, וועלכע מ׳האט דארטן אפגעשיקט זייענדיק א מקום רחוק פון ישוב האדם, אשר לא ישב האדם שם (בתחלה האט מען זיי מעניש געווען במקומם, אבער כשנתרבו הפושעים וחוטאים, האט מען זיך געכאפט אויף די הצעה צו זיי אפשיקן למקום רחוק); ובמשך הזמן איז דארט אויפגעבויט געווארן א מדינה שלמה, ביז אז דארטן זיינען אויך געקומען אידן בכדי דארטן מברר זיין די ניצוצות חדשים (כנ״ל), דורך דארט אויפשטעלן חדרים און תלמוד תורה׳ס פאר זייערע בנים ובני בנים וכו׳.

ביז אז ס׳איז געווען די הוראה פון נשיא דורנו אז מ׳זאל דארט אויפבויען א ישיבה (בהוספה אויף די חדרים כו׳ וואס מ׳האט געבויט צוליב די קינדער).

וואס עפ״ז קומט אויס אז דער בירור אין אוסטרליא האט אין זיך די מעלה נוספת פון יתרון האור מן החושך[41], ווייל דאס קומט ארויס פון א מדינה וואס תחלת הישוב איז דארט געווען פון חוטאים ופושעים כו׳, במילא בשעת אידן טוען דארט אויף דער בירור און מ׳בויט דארטן אויף חדרים וכו׳ האט עס די מעלה פון יתרון האור מן החושך [ע״ד ווי דער מעלה פון רבי עקיבא וועלכער איז געווען א בן גרים, ועד״ז אנדערע תנאים ואמוראים וועלכע שטאמען פון גרים - און פון זיי האט זיך אויפגעבויט תושבע״פ].

ובהמשך לזה - יש להזכיר וועגן דער ידיעה משמחת וואס איז אנגעקומען, אז אין אוסטרליא האט זיך אויפגעעפנט א נייער סניף

41) קהלת ב, יג.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

פון ישיבה און א בית ספר לנערות, נוסף צו די בנינים ומוסדות וואס זיינען שוין דארט פאראן פון פריער.

יב. ויה"ר אז ממנו יראו וכן יעשו, אז בכל המקומות בכל העולם כולו זאל מען אויפבויען נייע בנינים, ביז נייע שכונות ושיכונים (אויך מלשון ושכנתי בתוכם[42]), ביז נייע שטעט, כולל - אויפפעפענען נייע סניפים פון ישיבת תומכי תמימים וכיו"ב, און דארט זאלן פארן שלוחים ותלמידים און ראשי ישיבות - לך לך מארצך גו' אל הארץ אשר אראך.

און דורך מסיים זיין דער בירור פון אלע ניצוצות אויך אין א פנה נדחת - וועט דאס נאכמער ממהר זיין דער בנין בית המקדש השלישי בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש ברגע כמימרא, וואס דעמולט וועלן אלע אידן בכל מקום שהם גיין אין ארץ ישראל,

[אבער אויך דעמולט וועט מען אמאל דארפן ארויסגיין אין חוץ לארץ (בדוגמא ווי בזמן הזה וואס מ'גייט במקומות בכדי דארטן מברר זיין די ניצוצות), ולדוגמא - גיין אין קאלאבריע בכדי נעמען פון דארטן אתרוגים, כידוע[43] די קבלה פון דעם אלטן רבי'ן להדר אחרי אתרוג קאלאברי, און ווי ער האט געזאגט, אז בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט משה רבינו "ולקחתם לכם פרי עץ הדר גו'" האט ער געשיקט שלוחים על ענני שמיא בכדי ברענגן אתרוגים פון קאלאבריע.

ולהעיר וועגן דעם קשר דערפון מיט ענין האחדות פון כל ישראל בכל מקום שהם - כידוע אז די ד' מינים זיינען כנגד די ד' סוגים אין וועלכע עס טיילן זיך אלע אידן, וביחד עם זה ווערן זיי נתאחד אין א מצוה אחת; ועד"ז איז דאס אויך בהדגשה אין אין סוכה: מצד אחד האט יעדער איד א סוכה משלו, וביחד עם זה ראויים כל ישראל לישב בסוכה אחת[44].

וואס דאס איז דער חיבור פון די צוויי קצוות וואס מ'האט פריער גערעדט[45], אז די אלע פרטי התחלקות ווערן נתאחד אין א נקודה אחת; ע"ד דער ענין פון שלישי (פארבונדן מיט די גאולה העתידה) וואס איז מאחד אלע פרטים].

---

42) קהלת ב, יג. 43) הובא בס' המנהגים חב"ד ע' 65. 44) סוכה כז, ב. 45) שיחה א'.

הנחת הת' בלתי מוגה

- עס זיינען דא די וואס טענה׳ן אז מ׳רעדט ״ווילדע״ רייד (אז דורך דער עבודה איצטער ברענגט מען אז משיח קומט ברגע כמימרא). איז מען אבער דערצו שוין אייגעוואוינט. ועוד ועיקר: א זאך איז ״ווילד״ כל זמן וואס מ׳האט אין דעם ניט קיין געשמאק, בשעת דאס איז אבער געשמאק - טעמו וראו כי טוב ה׳[46] - איז דאס פאר אים ניט קיין ווילדע זאך, אדרבה - ער שרייט עד מתי, ער וויל שוין האבן די גאולה נאך אין דעם שבת!

יג. בהמשך להנ״ל איז כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב פארשידענע מסיבות בקשר מיט בניית בנינים, בתי תורה תפלה וצדקה וכו׳, זאלן איצטער ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך און מזמין זיין די מסובים, און טאן דאס בזריזות,

וואס דאס וועט נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה, און יעדער איד און אלע אידן גיין אין ארץ הקודש, און ירחיב ה׳ אלקיך את גבולך[47], און דארטן גופא - אין ירושלים עיר הקודש, לביהמ״ק השלישי וקדש הקדשים, ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

יד. ס׳איז אויך רגיל צו רעדן אן ענין אין פרשת השבוע - אין פ׳ נח, וואס דאס איז די ערשטע פרשה וואס מ׳לייענט אין חודש חשון, ווען עס הויבט זיך אן די עבודה פון ״ויעקב הלך לדרכו״.

וואס דערביי ווערט די שאלה: פארוואס הויבט זיך אן דער ענין פון ״ויעקב הלך לדרכו״ - די יציאה בדרך פון א אידן - מיטן סיפור המבול, אן ענין בלתי רצוי לכאורה, וכידוע פתגם כ״ק מו״ח אדמו״ר אז פ׳ בראשית איז א פריילעכע וואך, אבער פ׳ נח איז א קאלאמוטנע וואך (ביז סיומו וואו עס רעדט זיך וועגן לידת אברהם, וואס דעמולט ווערט ווידער פריילעך)?

איז דער ביאור בזה פארשטאנדיק ע״פ דער כלל הידוע אז ירידה צורך עלי׳: די כוונה פון דער ירידה של המבול איז בכדי דאס זאל ברענגען צו נאך א העכערע עלי׳. כמבואר בתורה אור פרשתנו, אז ״מים רבים״ (מי המבול) גייט אויף ״יגיעות וטרדות הפרנסה לעסוק

46) תהלים לד, ט. 47) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. ובפרש״י שם מספרי שם. ועוד.

בעניני עוה״ז הגשמי שנקרא מי נח״. אבער דוקא דורך דעם ווערט דער יתרון האור מן החושך.

ווייל די נשמה למעלה איז געוועז בבחי׳ עמידה. בכדי זי זאל ווערן א מהלך, ביז הליכה אמיתית וואס איז א הליכה באין ערוך, דארף זי יורד זיין מאיגרא רמה לבירא עמיקתא, באופן פון ״על כרחך אתה חי״[48] (ווייל די נשמה מצ״ע וויל ניט יורד זיין),

אבער דורך דער ירידה - ״מתעלית הנשמה למדריגה היותר גבוה מקודם התלבשותה״[49], און דערפאר איז (כהמשך המשנה הנ״ל) ״על כרחך אתה מת״, ביז ״על כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון כו׳״.

[וכידוע[50] דער דיוק וביאור בזה וואס עס שטייט ״דין וחשבון״ און ניט ״חשבון ודין״ ע״פ דברי המשנה[51] ״נפרעין מדעתו ושלא מדעתו״ - ווייל בשעת מ׳וויל האבן דעם פסק-דין אויף א אידן, פרעגט מען ביי אים אליין ווי איז דער דין בנוגע צו א צווייטן וואס האט זיך געפירט באופן כזה, און בשעת ער פסק׳נט אז יענעם קומט מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה וכיו״ב, נוצט מען אויף אים אליין, אז אים קומט מידו המלאה כו׳].

ועפ״ז איז מובן פארוואס א איד וואס גייט פון חודש תשרי המרובה במועדות ארויס אין וועלט טאן די עבודה פון ״ויעקב הלך לדרכו״ דארף ער ״לעבן״ מיט (דער צייט, מיט דער פרשה וואו עס רעדט זיך וועגן) דעם מבול - ווייל די יציאה אין חודש חשון, ימי הגשמים, איז בדוגמא צו די מי המבול, וואס די כוונה בזה איז - צורך עלי׳, בכדי צוצוקומען צו אן עלי׳ נעלית יותר, דורך דער עבודה פון מתקן און אויפבויען די וועלט מחדש, באופן פון ״ראה עולם חדש״.

ובמיוחד דורך בניית בנינים (ווי מ׳האט פריער מכריז געווען) - סיי בגשמיות, צו בויען בתים חדשים, און שכונות ועיירות חדשות, ביז אויך א ״מדינה חדשה״, ובאופן אז דערפון ווערט ״עיר אלקינו״, מצד דעם וואס איז דורכגענומען מיט תומ״צ, ובכללות - בתי תורה תפלה וצדקה,

און סיי בנינים ברוחניות, אנהויבנדיק פון שיעורים קבועים בתורה (בחי׳ בית שבתורה), די שיעורים השווים לכל נפש וואס נשיא דורנו האט מתקן געווען, וכיו״ב, ועד״ז די שיעורי צדקה, ווי קרן השנה וכיו״ב (ווי מ׳האט גערעדט אין דער התוועדות פון

48) אבות ספ״ד. 49) תו״א שם. 50) כש״ט ע׳ צב. 51) אבות פ״ג מט״ז.

שמחת תורה).

טו. וכל זה איז בהדגשה יתירה שטייענדיק אין א שנה תמימה און שנת ״תשמט ידיך״ מיט אלע פרטים שבזה, ובפרט אז דאס קומט בהמשך צו א שנת הקהל ושנת תשמח ותשמח, וואס דאס גיט אריין נאכמער כח צו טאן אין די אלע ענינים.

און אין אן אופן פון הולך ומוסיף ואור, דמי שיש לו מנה רוצה מאתיים כו׳[52], באופן פון ילכו מחיל אל חיל[53], און מחיים אל חיים, ביז צו מקור החיים און מחי׳ חיים - עצמותו ומהותו ית׳, און דורך דעם וואס א איד איז בטל צו דעם אויבערשטן - ער איז זיך טובל (אותיות בטול[54]) אין א מעין, מקור מים חיים, וואס איז מטהר בכל שהוא - ווערט ער אויך א מחי׳ חיים, ער איז מחי׳ אנדערע.

ביז אז עס ווערט מקויים בשלימות דער ״לך לך מארצך גו׳ (ביטול מצבו הקודם) אל הארץ אשר אראך״, ווי מ׳גייט באלד לייענען בתפלת מנחה, און תפלת מנחה פון יום השבת, אויף וועלכע מ׳זאגט ״ואני תפלתי לך ה׳ את רצון״, און בתפלת מנחת שבת גופא - בשעת קריאת התורה, ווען דער בעל קורא לייענט די פסוקים מיט די טעמי הקריאה, וואס דאס טוט אויף דער חיבור פון די אותיות התורה אין די פסוקים מיט דעם ענין פון פנימיות (טעמי) התורה, און די קריאה גופא - איז בציבור ובברכה לפני ולאחרי׳, און דערנאך ענטפערט דער גאנצער קהל ״אמן״, וואס באווייזט אויף גמר הנצחון[55], ״אנן ניצוחייא״[56].

ובפשטות - אז עס ווערט ״לך לך גו׳ אל הארץ אשר אראך״, ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה[57], ולירושלים עיר הקודש, עיר שחוברה לה יחדיו[58], להר הקודש, לביהמ״ק השלישי, ולקדש הקדשים.

* * *

טז. [הביאור בפרש״י ריש פרשתנו עה״פ אלה תולדות נח״, ״ללמדך שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים״ - נדפס לעיל בשיחה המוגהת הערה 56].

יז. נאך אן ענין וואס דארף האבן ביאור אין פרש״י:

אויף ״מדורותיו״ איז רש״י מפרש: ״יש מרובתינו דורשים אותו

52) ראה קה״ר פ״א, יג. פ״ג, י. רמב״ן ובחיי ס״פ חיי שרה. 53) תהלים פד, ח. 54) ראה סידור עם דא״ח קנט, ד. 55) סוף מס׳ נזיר. 56) ויק״ר פ״ל, ב. 57) עקב יא, יב. 58) תהלים קכב, ג.

לשבח כו׳, ויש שדורשים אותו לגנאי..אילו הי׳ בדורו של אברהם לא הי׳ נחשב ככלום״.

דארף מען פארשטיין: לאחרי וואס רש״י ברענגט א פירוש לשבח, פארוואס ברענגט ער אויך א פירוש לגנאי - אפילו בגנות בהמה טמאה לא דיבר הכתוב[59], עאכו״כ נח וואס האט מציל געווען כל העולם?!

יח. די דרשה ״לגנאי״ ברענגט זיך אויך אין זהר פרשתנו[60]: ״תמים הי׳ בדורותיו, אבל בדרין אחרנין אינו נחשב לכלום כמו דרא דאברהם ודרא דמשה ודרא דדוד״.

און דער טאטע אין זיינע הערות על הזהר[61] איז מבאר פארוואס דער זהר רעכנט אויס די דריי, אברהם משה ודוד [דלכאורה וואס איז דער צד השוה ביניהם; די אויף וועמען עס שטייט אז ״עולם חדש ראה״ (אזוי ווי נח) - זיינען ניט כולל אברהם משה ודוד], ״כי אלו הג׳ הם הג׳ כתרים, כתר כהונה כתר תורה כתר מלכות, כהונה אברהם איש החסד והכהונה ניתנה לאברהם כו׳, תורה משה, כי התורה ניתנה ע״י משה ונקראת תורת משה, מלכות דוד כי המלוכה ניתנה לדוד לעולם וכו׳״, און ווי דער טאטע איז דאס מבאר אין אותיות הקבלה.

דער ביאור בזה בעבודה:

כללות ועיקר עבודת האדם שפיגלט זיך אפ אין די דריי דורות פון אברהם משה און דוד (וואס הדור איז לפי הפרנס ונשיא הדור).

ולהוסיף רמז לזה, אז אברהם משה דוד איז ר״ת ״אדם״. וואס אדם הראשון (דער ערשטער מענטש בתחלת הבריאה) איז כולל כל בני אדם וכל עבודת האדם, ביז אז ״לפיכך נברא אדם יחידי ללמדך״ אז יעדער מענטש איז אן ״עולם מלא״[62], פון אדה״ר ווערט נמשך די חשיבות פון נברא יחידי צו יעדער מענטש. ועפ״ז י״ל ברמז אז אדם איז ר״ת אברהם משה ודוד, ווייל אין די דריי שפיגלט זיך אפ כללות עבודת האדם:

(דרא ד)אברהם גייט אויף כללות ותחלת העבודה ווי דאס איז בתחלת הבריאה. כמובן פון דעם וואס ווערט נתבאר[63] אז אדם

---

59) ב״ב קכג, א. 60) ח״א ס, א. 61) ע׳ כב. 62) סנהדרין לז, א במשנה. 63) אוה״ת חנוכה שכח, ב. שופטים ע׳ תתנ. דרושים לר״ה ע׳ א׳שיד. כתהאריז״ל - שער הגלגולים הקדמה לו. ספר הגלגולים פל״ב. פ״נ.

הראשון נתתקן (בפרט חטא עה״ד שלו) באברהם, און דאס איז מעיקר ענינו. און וויבאלד אז אדה״ר איז כולל כל עבודת האדם (כנ״ל) - איז פארשטאנדיק, אז דאס איז ארויס בשלימות אין אברהם, וואס ער איז די שלימות פון אדה״ר (דורך וועמען אדה״ר איז נתתקן געווארן).

(דרא ד)**דוד** איז כנגד ספירת המלכות ושלימות המלכות (כי המלוכה ניתנה לדוד לעולם), וואס מלכות איז די ספירה האחרונה הכולל כל הספירות. און דערפאר איז דוד (גואל ראשון הוא) גואל אחרון, דוד מלכא משיחא - וואס דאס באווייזט אויף תכלית שלימות העבודה בסיום הבריאה, בגאולה האמיתית והשלימה וואס וועט אויפטאן א שלימות אין כל העבודה - כמצות רצונך[64], און שלימות בכל העולם - ״ואלה[65] תולדות פרץ גו׳ (תולדות מלא כתיב - מער ווי תולדות מלא פון אלה תולדות השמים והארץ בהבראם - און דער המשך וסיום בזה איז) וישי[66] הוליד את **דוד**״.

ד.ה. אז אברהם און דוד שפיגלען אפ תחלת העבודה (אברהם) וסיום ושלימות העבודה (דוד), ונעוץ תחלתן בסופן וסופן בתחלתן[67].

און וויבאלד אז כללות העבודה (כנרמז אין אברהם ודוד) דארף זיין ניט באופן פון נהמא דכסופא[68], נאר ע״י עבודה ויגיעת האדם - דארף מען דערצו האבן דער ענין התורה, אבער ניט ווי תורה איז אין שמים אדער ווי תורה איז למטה בעולם אבער באופן של נהמא דכסופא, נאר ווי תורה קומט ע״י עבודה, וואס דאס איז ענינו של משה, וואס משה קיבל תורה מסיני, והתורה נקראת על שמו כיון שמסר נפשו עלי׳[69] (ד.ה. אז דאס איז ניט נהמא דכסופא, נאר אדרבה - נקראת על שמו).

ועפ״ז יש לומר פארוואס מ׳פארגלייכט נח מיט דרא דאברהם דרא דמשה ודרא דדוד, ווייל די דריי דורות שפיגלען אפ כללות עבודת האדם, און דעריבער ווען מ׳וויל מעסטן א צדיק (אדער א יציר עולם בכלל) צי ער האט ממלא געווען תפקידו ועבודתו בעולם, פארגלייכט מען אים צו די דריי דורות פון צדיקים, און דעמולט קען מען וויסן צי זיין עבודה איז בשלימות.

[ויש להוסיף בנוגע צו דער פארגלייך פון נח׳ן צו דורו של אברהם: ע״פ משנ״ת שאדה״ר נתתקן באברהם (כנ״ל), אולי י״ל שזהו

---

64) תפלת מוסף. 65) רות ד, יח. 66) שם, כב. 67) ספר יצירה פ״ד מ״ז. 68) ראה ירושלמי ערלה פ״א ה״ג. 69) שמו״ר פ״ל, ד.

מדורותיו דאברהם (כאדה״ר קודם המבול), ווארום נח איז בפשטות אדה״ר לאחרי המבול ובו וע״י נמשכו עד סוה״ד החשיבות דנברא יחידי וכו׳ - קומט אויס אז אברהם איז מער בשלימות (און האט מתקן געווען) אויך פון נח׳ן].

דערפון האט מען אויך א לימוד לכל אחד ואחת - וואס יעדערער איז א בן אדער א בת פון נח (און דורך אים ווערט נמשך צו אלעמען די חשיבות פון נברא יחידי כנ״ל), אז בשעת מ׳וויל מעסטן זיין עבודה פארגלכייט מען אים צו די דריי דורות פון צדיקים, אברהם משה ודוד.

יט. ס׳איז אויך רגיל צו רעדן אן ענין אין דעם שיעור היומי ברמב״ם, און אויך דער קשר דערפון צו דעם זמן. ובהקדמה:

דער ענין פון אפלערנען א הוראה בעבודה פון שיעור היומי אין רמב״ם, ובפרט א הוראה בקשר מיט דעם זמן ווען מ׳לערנט דעם שיעור - איז ניט בכדי באווייזן קונצן ח״ו, נאר וויבאלד יעדער זאך איז בהשגחה פרטית, איז פארשטאנדיק אז א שיעור וואס מ׳לערנט ביום מסויים (אפילו א שיעור פון א יחיד, עאכו״כ פון כו״כ מישראל) איז שייך צו דעם זמן.

ובפרט ע״פ די הוראה פון דעם אלטן רבי׳ן אז מ׳דארף לעבן מיט דער צייט, מיט דעם שיעור תורה (חומש), וואס דערפון איז מובן אז עד״ז איז בנוגע צו יעדער שיעור בתורה, וואס היא חיינו ואורך ימינו[70] - אז מ׳דארף דערמיט לעבן אין דעם זמן, ובמילא - ארויסנעמען דערפון א הוראה בקשר מיט דעם זמן.

פרעגן אנדערע: וואו שטייט עס אין גמרא? געפינט מען אין גמרא בכ״מ[71] בנוגע צו כמה תנאים, אז בשעת זיי האבן געהאט א שאלה ווי זיי זאלן זיך פירן בענין מסויים, האבן זיי געמאכט פאר זיך א סימן דורך פרעגן א קינד ״פסוק לי פסוקיך״, און לויט דעם פסוק וואס דער קינד האט געזאגט, האבן זיי זיך געפירט בפועל - אע״פ וואס דער קינד (און זיין מלמד) האט בכלל ניט געהאט בכוונה די שאלה פון דעם תנא, אבער וויבאלד אז דער ינוקא האט בהשגחה פרטית געזאגט דעם פסוק, האט דער תנא געזען אין דעם א סימן והוראה בנוגע צו זיין הנהגה!

ועד״ז זעט מען אויך דער מנהג פון כמה צדיקים (און נשים צדקניות בישראל), אז בשעת ס׳איז געווען א ספק ווי מ׳זאל זיך פירן, האט מען געמאכט פאר זיך א סימן דורך עפענען א ספר און

---

70) ברכת אהבת עולם. 71) ראה גיטין סח, א. ועוד.

זען וואס עס שטייט אויף די ערשטע שורות וועלכע האבן זיך געוואָרפן פאר די אויגן אויף דעם ערשטן בליק, וואס דאס איז דאך זיכער בהשגחה עליונה, און לויט דעם וואס איז דארט געשטאנען האט מען זיך געפירט בפועל - סיי בנוגע צו א הנהגה אין עשה טוב, אז אויב אין די שורות איז געשטאנען א דבר טוב (ווי ״שמח תשמח״ אדער ״פתח תפתח״ וכיו״ב), האט מען אין דעם געזען א סימן אז מ׳דארף זיך אזוי פירן און מ׳וועט מצליח זיין בהצלחה רבה (אדער בהצלחה סתם כו׳), אדער אין סור מרע, אז מ׳זאל זיך אפהאלטן פון טאן די זאך.

און וויבאלד אז די הנהגה איז א מנהג ישראל, ביז מעשה רב (פון נשים צדקניות וועלכע האבן אזוי מקבל געווען פון זייערע מוטערס און באבעס כו׳), האט עס זיכער אן ארט און א יסוד פאר די וואס זיינען שייך לזה, ובלשון חז״ל[72] ״כל מעשיך יהיו לשם שמים״, אז אין ״מעשיך״ געפינט מען דער ״שמים״ שבזה, כולל דורך עפענען א ספר און זען וואס דארטן שטייט, ווערט דאס א סימן מלמעלה (משמים) ווי דער איד זאל זיך פירן בפועל.

ואע״פ אז כ׳האב אמאל געהערט ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האט מלגלג געווען אויף אזא הנהגה - איז דערפאר וואס אזא הנהגה (זוכן סימנים כו׳) האט קיין ארט ניט בשעת דאס איז מעכב דער קיום פון א שליחות מסויימת,

[אזוי ווי אין דעם סיפור - וואס כ״ק מו״ח אדמו״ר האט דערבי מלגלג געווען - אז מ׳האט געשיקט חסידים גדולים וזקנים ועובדי ה׳ וכו׳ צו פעטערבורג בכדי דרוקן א ספר חסידות. און דארטן זיינען געווען מנגדים לזה, ובפועל האט מען אפגעדרוקט דעם ספר על שם פון דעם רבי׳ן מהר״ש און ניט על שם פון דעם צ״צ, און די מנגדים האבן דערביי גע׳טענה׳ט אז דאס איז א ספר פון צ״צ און ניט פון רבי׳ן מהר״ש, וואס דורך דעם איז ארויס אן ענין פון היפך הגאולה (ווייל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם), ווייל אין דעם כתב יד זעט מען בפועל (פאר די וואס תואנה הם מבקשים) אז די הערות זיינען בכתב יד פון דעם רבי׳ן מהר״ש (און מ׳געפינט ניט די ענינים אין די דרושים פון צ״צ), הערות אויך פון לשון הארות (מיט אן אל״ף), אז די הערה (והארה) איז אויך מאיר דעם פנים, און אויך בנוגע צו די פנים המאמרים

72) אבות פ״ב מי״ב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

(וועלכע זיינען פון צ״צ), האט דער רבי מהר״ש זיך אין דעם מתעסק געווען, במילא איז דאס נקראת על שמו וכו׳],

ווייל ווען א נשיא הדור שיקט אויף א שליחות צו גיין מפיץ זיין אדער דרוקן חסידות וכיו״ב, האט קיין ארט ניט אז מ׳זאל דאס אפהאלטן דורך פריער גיין זוכן סימנים ורמזים אין ספרים צי ס׳איז כדאי דאס טאן אדער ניט; בשעת דער נשיא שיקט אויף א שליחות - דארף מען לכל לראש מקיים זיין די שליחות בשלימות אן חשבונות. לאחרי קיום השליחות בפועל קען ער גיין זוכן סימנים אויב ער וויל.

- ס׳איז מובן, אז וויבאלד אין סומכין על הנס[73], דארף דער שליח זוכן אלע וועגן בדרך הטבע ע״פ זיין שכל צו מקיים זיין די שליחות אויפן בעסטן אופן, אבער דאס איז נאר בנוגע צו אופן קיום השליחות; משא״כ בנוגע צו דעם עצם ענין צי ער זאל מקיים זיין שי שליחות - איז ניט דער ענין פון דעם שליח צו גיין מאכן חשבונות און זוכן רמזים וכו׳ צי ער זאל מקיים זיין די שליחות. נאכמער: ס׳איז ניט זיין ענין צו מאכן א חשבון אפילו אויב ער וועט מצליח זיין. נאר ס׳דארף בי אים זיין אפגעלייגט בפשטות, אז וויבאלד ער גייט בשליחות פון נשיא דורנו, ושלוחו של אדם כמותו[74], וועט ער זיכער מצליח זיין.

ועד״ז איז אויך בנוגע צו א שליחות איצטער, אז בשעת מ׳שיקט מקיים זיין אן ענין מסויים - האט מען לכל לראש די אחריות צו מקיים זיין שליחות אן זייטיקע חשבונות ורמזים וכו׳, כמובן בדרכי הטבע, ובדרכי נועם ובדרכי שלום, אבער מיט גאנצן תוקף, און זיכער ניט נתפעל ווערן פון קיינע מניעות ועיכובים, ובפרט אז באמת זיינען ניטא קיינע מניעות ועיכובים, ס׳איז מערניט ווי א קול עלה נדף, און באמת האט דאס אויך ניט קיין ממשות, ואדרבה: דאס וואס ער טראכט אז אפשר וועט ער ניט מצליח זיין און ס׳איז דא א מניעה ועיכוב, איז דאס גופא גיט אן ארט אויף מניעות ועיכובים, אבער דורך דעם וואס ער וועט וועגן דעם ניט טראכטן, וועט דאס ווערן אויס מציאות!

און אפילו אויב מ׳זוכט סימנים כו׳ - איז לויט אלע סימנים קומט אויס אז מ׳וועט אין דעם מצליח זיין בהצלחה רבה ומופלגה.

---

73) פסחים סד, ב. 74) קידושין מא, ב. וש״נ.

במה דברים אמורים כל הנ"ל - ווען זוכן סימנים שטערט צו מקיים זיין א שליחות מסויימת; אבער בשעת ס'איז ניטא קיין שליחות מסויימת, אדער דאס וועט ניט מעכב זיין - איז דא אן ארט ויסוד פאר די הנהגה הנ"ל צו זוכן א סימן דורך עפענען א ספר וכיו"ב.

קומט אויס אז עס זיינען פאראן צוויי סדרים אין הנהגת האדם:

בשעת ס'איז ניטא קיין עיכוב - האט אן ארט צו זוכן סימנים (אין ספרים וכיו"ב) ווי מ'זאל זיך פירן אין אן ענין מסויים [ווי מ'זעט אז אליעזר עבד אברהם און יהונתן בן שאול וכיו"ב האבן געזוכט סימנים], ווייל דאס איז אן ענין פון השגחה עליונה כנ"ל, און דעריבער קען מען דערפון אפלערנען א הוראה בעבודה. ומזה גם מובן, אז בנדון זה (כשאין עיכוב בדבר) קען מען ארויסנעמען א הוראה פון די שיעורי תורה וואס מ'לערנט,

ולדוגמא - בנוגע צו א דרשן וואס זוכט וואס ער זאל רעדן ביום זה. דארף ער לכל לראש רעדן וועגן ענינים שהזמן גרמא, כולל - פון די ענינים וואס ער האט געלערנט אין די שיעורי היום.

אבער לאידך גיסא: בשעת מ'באקומט א הוראה ושליחות מסויימת, טאר מען ניט גיין פריער זוכן סימנים ורמזים, אויב דאס וועט עפעס-וואס מעכב זיין קיום השליחות.

ונוסף לזה: עבודת ה' דארף זיין ניט באופן נסי (אין סומכין על הנס) נאר א איד דארף זיך משתדל זיין ע"פ טבע מיט זיינע כחות וכו' (כנ"ל). דעריבער דארף זיין א שיקול הדעת בנוגע צו יעדער ענין מסויים - צי ס'איז בעסער אז מ'זאל זיך פארלאזן אויף א סימן מלמעלה (דורך קוקן אין א ספר וכיו"ב), אדער ס'איז בעסער אז מ'זאל נוצן דעם אייגענעם שכל און זען ע"ד הטבע ווי מ'זאל זיך פירן.

כ. דערפון האט מען אויך א הוראה בנוגע צו הנהגת המוסדות:

אין כמה מוסדות פירט מען זיך אז מ'צוטיילט אמאל א תפקיד מיוחד ע"פ גורל. וואס דאס האט אין זיך די מעלה הנ"ל, אז מ'פארלאזט זיך אויף די השגחה מלמעלה, דורך דעם וואס מ'מאכט א גורל.

לאידך גיסא קען אמאל זיין א מעלה בשעת מ'איז מחלק דעם תפקיד (ניט ע"פ גורל, נאר) צווישן כמה וכמה פון דעם מוסד, וואס דאס

הנחת הת' בלתי מוגה

האט די מעלה אז כו״כ האבן אין דעם א חלק און ניט נאר איינער אליין (דער זוכה בגורל).

פון צווייטן זייט קען זיין א מעלה אין א גורל - ווייל דעמולט האט דער איינער (הזוכה בגורל) די פולע אחריות בזה, וויסנדיק אז מ׳האט אים איגאנצן אפגעגעבן אויספירן דעם ענין.

בנוגע לפועל - דארף מען האבן א שיקול הדעת בכל מצב לפי ענינו, ווי איז בעסער זיך פירן אין דעם מצב מסויים.

כא. ובנוגע לענינו איז פארשטאנדיק דער יסוד אויף אפלערנען א הוראה פון דעם שיעור היומי ברמב״ם, און א הוראה בקשר מיט דעם זמן ווען מ׳לערנט דעם שיעור.

דער היינטיקער שיעור רמב״ם איז אין ספר קנין, וואס גיט ארויס א הוראה כללית בעבודת ה׳, דאני נבראתי לשמש את קוני, צו מקנה זיין צו דעם אויבערשטן כל עניני העולם (ווי גערעדט אין די פריערדיקע התוועדויות).

אין ספר קנין גופא איז היינטיקער שיעור אין הלכות זכי׳ ומתנה[75], וואס דארטן רעדט זיך וועגן דיני שושבינות, אז ״בזמן שישא אדם אשה משלחין לו מעות״ און ״אם ישא הוא (דער שולח המתנות) אשה יחזור וישלח לו״. אבער אין דעם איז דא א תנאי והגבלה: ״ולא נאמרו דיני שושבינות אלא במעות בלבד״.

וואס דאס איז לכאורה א דבר פלא: פארוואס איז דער דין דוקא במעות בלבד און ניט בפירות וכיו״ב.

ויש לבאר ולקשר זה מיט הנהגת אברהם אבינו, ווי מ׳וועט לערנען אין די קומענדיקע פרשיות:

בשעת אברהם איז געגאנגען קויפן מערת המכפלה, דערציילט די תורה אז די בני חת האבן אים דאס געוואלט אפגעבן בחנם צוליב כבוד אברהם - ״נשיא אלקים אתה בתוכינו גו׳ לא יכלה ממך גו׳״[76], אבער אברהם האט דערצו ניט מסכים געווען, נאר ער האט געזאגט אז ער וויל דאס קויפן דוקא **בכסף** - ״בכסף מלא יתננה לי בתוככם לאחוזת קבר״[77], ביז אז דערנאך ווען עפרון האט זיך מיט אים געדונגען ״לא אדוני - לא תקנה אותה בדמים״[78], האט אברהם זיך געשפארט אז ער וויל עס קויפן דוקא בדמים, ״נתתי כסף השדה״[79], ביז אז אברהם האט אויסגעפירט (בהסכמת עפרון)

---

75) פ״ז-ט. 76) חיי שרה כג, ו. 77) שם, ט. 78) שם, יא ובפרש״י. 79) שם, יג.

- ״וישקול אברהם גו׳ ארבע מאות שקל כסף עובר לסוחר״[80].

איינער פון די טעמים אויף דעם וואס אברהם האט דאס געוואלט קויפן און געקויפט דוקא בכסף, און ניט דורך קנין של מתנה אדער דורך פירות וכיו״ב - איז ווייל קרקע איז נקנה דוקא בכסף[81], ווייל קנין בכסף איז דער קנין הכי מושלם ומבורר, דער שטארקסטער אופן אין קנין. ובפרט כסף וואס איז ״עובר לסוחר״, ״שמתקבלים בשקל בכל מקום״[82], במילא איז דאס א קנין לכולי עלמא, בכל מקום.

ועד״ז איז אויך מובן בנוגע צו דעם דין הנ״ל אין רמב״ם פארוואס דיני שושבינות איז במעות בלבד - מצד די מעלה אין כסף לגבי אנדערע ענינים.

כב. דער לימוד דערפון אין ״והחי יתן אל לבו״:

דער ענין אז ״לא נאמרו דיני שושבינות אלא במעות בלבד״ לערנט, אז שלימות הקנין פון עניני העולם להקב״ה (ע״י עבודת ישראל) איז דוקא בכסף גשמי, וואס דוקא דורך דעם איז מען מקנה קרקע, וואס באווייזט אויף גשמיות העולם.

און דער טעם לזה איז ווייל נתאווה הקב״ה להיות לו ית׳ דירה בתחתונים דוקא, און דעריבער דארף א קנין בשלימות (ובפרט פון קרקע העולם) זיין דורך כסף גשמי, ובפרט ״עובר לסוחר״.

און דורך דעם איז יעדער איד קונה ״מערת המכפלה״, וואס גייט אויף א שכר ״כפול ומכופל״[83], ויש לומר אז דאס גייט אויף שכר רוחני און שכר גשמי, ע״ד (נח נח) נייחא בעליונים ונייחא בתחתונים. ווארום דורך דער עבודה פון מאכן א דירה בתחתונים - וואס אין דעם איז די כוונה בעצמותו ית׳ - באקומט מען אלע ענינים, סיי גשמיות און סיי רוחניות.

והביאור:

בנוגע צו שכר אויף תומ״צ זיינען פאראן צוויי ביאורים אין חסידות: אמאל איז מבואר אז שלימות השכר אויף תומ״צ איז שכר רוחני, ווייל תומ״צ איז אן ענין הכי נעלה אין רוחניות, און דאס האט קיין ערך ניט צו שכר גשמי בגשמיות העולם. אין אנדערע ערטער איז מבואר, אז דער גרעסטער שכר מצוות איז - שכר מצוה מצוה[84], דער צוותא וחיבור מיט עצמותו ית׳ וואס א איד באקומט

---

80) שם, טז. 81) קידושין כו, א. 82) חיי שרה שם ובפרש״י. 83) ב״ר ר״פ חיי שרה. וראה אוה״ת ר״פ חיי שרה. 84) אבות פ״ד מ״ב.

דוקא בעוה״ז הגשמי, וואס דאס איז שלא בערך צו שכר רוחני, און לגבי די דרגא (פון שכר מצוה מצוה - צוותא וחיבור מיט עצמות) איז שכר רוחני נאר בדרך סגולה.

און דאס שרייט א איד: בשעת ער איז מקיים א מצוה - איז לגמרי ניט מספיק אז מ׳זאל אים דערפאר געבן שכר רוחני! - ער זאגט זיך דערפון ניט אפ, אבער ער וויל נאכמער דערפון: ער וויל דער גילוי פון שכר מצוה מצוה - דער צוותא וחיבור מיט עצמות ומהות!

וביחד עם זה (שכר מצוה מצוה בעוה״ז הגשמי) באקומט א איד אויך שכר רוחני, די אלע ש״י עולמות, ביז ב׳ פעמים ש״י, ישיש - תר״ך עולמות, וואס דאס איז פארבונדן מיט מיט שוש[85] אשיש בה׳[86] (וואס דער גילוי דערפון איז בראש השנה), און דאס איז פארבונדן מיט דעם ענין השמחה, ובלשון עתיד (אשיש), וואס באווייזט אויף שלימות השמחה ווי ס׳וועט זיין לע״ל.

כג. ויה״ר אז פון אלע שיעורים - כולל דעם שיעור אין רמב״ם - זאל מען אריינטאנצן אין בלי גבול ממש שלמעלה מכל שיעור והגבלה, וואס דאס גייט אויף דער גאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט זיין ״פרזות תשב ירושלים״ צוזאמען מיט ״ואני אהי׳ לך גו׳ חומת אש״[87],

מ׳שפרינגט אהינצו אריין - אין בלי גבול - צוזאמען מיט אלע שיעורים און צוזאמען מיט אלע אידן,

און ס׳ווערט נייחא בעליונים ונייחא בתחתונים, בתכלית השלימות והתמימות, ומתוך שמחה וטוב לבב, בגשמיות וברוחניות גם יחד.

כ״ק אדמו״ר שליט״א צוה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

——— * ———

85) ישעי׳ סא, י. 86) לקו״ת נצבים מח, א. 87) זכרי׳ ב, ח-ט.

לעילוי נשמת

ר׳ **אהרן לייב** בן הרה״ח ר׳ **יהושע** ע״ה

נפטר י׳ שבט הי׳תשי״ב

ומרת **דאבא רייזא** בת ר׳ **שלמה** ע״ה

נפטרה ד׳ מר חשון תשל״ד

*

נדבת בניהם שיחיו

רסקין-ליין

הכתובת להשיג ה״התוועדויות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 0-3-9606887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ לך לך, י״א חשון
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

בס״ד. שיחת ש״פ לך, י״א חשון ה׳תשמ״ט.

חנחת חתי בלתי מוגה

השלמות לשיחה א׳

ויה"ר שפעולה הנ"ל תוסיף עוד יותר בהענין ד"החלצו מאתכם אנשים לצבא גו'"[85] (כולל גם נשים וטף[86]) — לסיים מלחמת בית דוד, לנצח את אלו "אשר חרפו עקבות משיחך"[87] (כדברי בעל יום ההולדת אודות תלמידי תומכי תמימים[88]), ולהביא בפועל ממש את דוד מלכא משיחא, תיכף ומיד ממש.

יג. ובהמשך להאמור אודות הבנין דתומכי תמימים — כאן המקום להכריז גם אודות בנין בתים, בתי תורה בתי תפלה ובתי גמ"ח, הנחת אבן פינה, וכיו"ב.

וכרגיל בכגון־דא — יעלו עתה אלו שהכינו קנקני משקה עבור מסיבות והתוועדויות בקשר לענינים הנ"ל, ויכריזו פרטי הדברים, ויזמינו את המסובים כו'.

ויה"ר שפעולות אלו ימהרו ויזרזו עוד יותר את הגאולה האמיתית והשלימה, ועד שלא יצטרכו ל"זירוז", מכיון ש"מיד הן נגאלין"[89], ו"לא עיכבן כהרף עין"[90], תיכף ומיד ממש.

---

78) קדושים יט, יח.

79) אבות פ"ה מי"ג.

80) לשון הכתוב — משלי יד, כח. וראה אנציק' תלמודית בערכו. וש"נ.

81) סה"מ תרנ"ט ע' סא.

82) סה"מ שם ע' רכא ואילך.

83) דשנת תרנ"ט (לפני תשעים שנה), באותו שמח"ת שבו קרא שמה של הישיבה — "תומכי תמימים" (ראה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר — סה"מ שם ע' רכג).

84) קידושין מ, ב. וש"נ.

85) לשון הכתוב — מטות לא, ג. ובפרש"י שם: "צדיקים, וכן בחר לנו אנשים, וכן אנשים חכמים וידועים" (ולהעיר גם מפרש"י שלח יג, ג: "כל אנשים שבמקרא לשון חשיבות").

86) להעיר שגם קטן יש לו מעשה (ראה חולין יב, ב ואילך).

87) תהלים פט, נב.

88) שיחת שמח"ת תרס"א — לקו"ד ח"ד תשפז, ב ואילך. סה"ש תש"ב ס"ע 140 ואילך.

89) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.

90) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

[לאחרי חלוקת המשקה — התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה". אח"כ צוה להש"ץ שי' לנגן "יהי רצון כו' שיבנה בית המקדש".

אח"כ התחיל לנגן "ניעט ניעט ניקאווא". ואח"כ צוה לנגן ניגון דכ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע.

אח"כ הזכיר אודות אמירת ברכה אחרונה].



לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

הכתובת לחשיג "התנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329

שיחת
ש"פ חיי שרה, מבה"ח כסלו
ה'תשמ"ט



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

מפתח

בס"ד. משיחת ש"פ חיי שרה, מבה"ח כסלו ה'תשמ"ט.

א. דער כינוס השלוחים העולמי, פון די שלוחים שי' פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, בכל מרחבי תבל - הויבט זיך אן דעם שבת, פ' חיי שרה.

לויט דער תורה הידועה פון דעם בעש"ט[1], אז יעדע זאך איז בהשגחה פרטית, און דערפאר דארף א איד ארויסנעמען א הוראה פון יעדער זאך וואס ער זעט אדער הערט[2], על אחת כמה וכמה פון דער פרשת השבוע וואס מ'לייענט און מ'לערנט אין דער צייט, כידוע די תורה פון דעם אלטן רבי'ן[3] אז מ'דארף דערמיט לעבן - איז פארשטאנדיק, אז פון היינטיקער פרשה קען מען ארויסנעמען הוראות בקשר מיט דעם כינוס השלוחים.

ב. די ערשטע שליחות (בכללות[4]) וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין תורה[5] ובאריכות הפרטים און תנאים כו', איז אין היינטיקער פרשה[6] - די שליחות וואס אברהם האט געשיקט אליעזר'ן צו געפינען א שידוך פאר יצחק.

וואס דאס ווערט דערציילט מיט אן אריכות גדולה און כמה וכמה פרטים: ווי אברהם האט אים געשיקט און אנגעזאגט וואו צו גיין ("אל ארצי ואל מולדתי"[7]), מיט די תנאים וואס ער האט דערביי געמאכט ("לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני גו'"[8], "פן תשיב את בני שמה"[9]), און די באווארעניש "אם לא תאבה האשה ללכת", ביז אז ער האט אים דערויף משביע געווען - "ואשביעך בה' אלקי גו'"[8];

ועד"ז ווערט דערציילט באריכות ווי אליעזר האט אויסגעפירט די שליחות בפועל, ביז אז "פרשה של אליעזר כפולה בתורה"[11].

ג. דערפון קען מען ארויסנעמען א כללות'דיקן לימוד בנוגע צו יעדער שליחות.

ס'איז מבואר בכמה מקומות[12], אז די שליחות פון אליעזר צו

1) כתר שם טוב הוספות סקי"ט ואילך.

2) שם סקכ"ז ואילך.

3) "היום יום" ב' חשון. ס' השיחות תש"ב ע' 29 ואילך.

4) אבל בפרטיות - ראה קונטרס משיחת ש"פ תולדות תשמ"ח ס"ב ואילך.

5) אף ש(יתכן) גם לפני זה היו ענינים של שליחות. ולהעיר שמלאך - פי' ועניני שליח. ולהעיר ממו"נ ח"ב פ"ו.

6) כד, ב ואילך.

7) שם, ד.

8) שם, ג.

9) שם, ו.

10) שם, ח.

11) פרש"י פרשתנו כד, מב. מב"ר פ"ס, ח.

12) לקו"ת ברכה צו, סע"ג ואילך. סה"מ תקס"ג ע' לו ואילך. תו"ח פרשתנו קלה, א ואילך. אוה"ת פרשתנו קכז, ב ואילך. סה"מ תר"ס ע' ל ואילך.

מאכן דעם שידוך פון יצחק ורבקה איז (פארבונדן מיט) כללות ענין עבודת האדם בתורה ומצוות [און דערפאר ווערט די "פרשה של אליעזר" דערציילט אין תורה באריכות, כנ"ל]:

אליעזר איז געגאנגען ברענגען רבקה'ן, וואס זי איז "בת בתואל הארמי..אחות לבן הארמי"[13] אין "פדן ארם"[13] (אין חוץ לארץ), צו יצחק'ן, בנו של אברהם ונימול לשמונה, און ווי ער איז געווען אין ארץ ישראל (ו"אין חוצה לארץ כדאי לך"[14]) זייענדיק אן "עולה תמימה"[15] (קדושה בתכלית), נאך דעם נסיון ומס"נ פון דער עקידה[16] וכו'; די שליחות פון אליעזר איז באשטאנען אין דעם, אז ער זאל ארויסנעמען רבקה'ן פון פדן ארם פון בתואל ולבן און איר ברענגען צו זיין אן **אשה** ליצחק (עולה תמימה), "והיו לבשר אחד"[17].

וואס די שליחות איז מרמז און באדייט די כללות'דיקע עבודה פון מברר זיין און אויפהויבן דעם גוף הגשמי, אז ער זאל זיין בטל צו דער נשמה[18], ביז - צו ווערן איין זאך מיט דער נשמה,

ועד"ז בכללות העולם - די עבודה צו מברר זיין, אויסאיידלען און אויפהויבן די גשמיות'דיקע וועלט ביז אז זי זאל ווערן פאראייניקט מיט רוחניות און קדושה[19], אז עס שטייט בגלוי ווי די אמת'ע מציאות פון עולם (און כל הנמצאים שבו) איז "אמיתת המצאו"[20].

[ביז אז נישואי יצחק ורבקה איז געווארן א הכנה צו מתן תורה[21], ווען ס'איז בטל געווארן די גזירה פון עליונים לא ירדו למטה כו'[22], און די עליונים ותחתונים ווערן נתאחד, ביז אין א יחוד גמור ואמיתי].

ביז די תכלית בזה - "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה"[23], "הרבה ארבה את זרעך"[24], "והרביתי את זרעך"[25], וואס דערפון (נישואי יצחק ורבקה[26]) איז אויפ-

---

13) תולדות כה, כ. וראה שהש"ר פ"ב, ב (א).

14) פרש"י תולדות כו, ב.

15) פרש"י שם. שם כה, כו. ב"ר פס"ד, ג.

16) ראה פרש"י וירא כב, כ. תולדות כה, כ.

17) בראשית ב, כד.

18) ראה זח"א קפא, ב (עה"פ "לא תקח אשה לבני"), ש"אשה" (רבקה) קאי על הגוף ו"בני" (יצחק) קאי על הנשמה. וראה אוה"ת פרשתנו תשצ, ב. תתחתט, א.

19) ובלשון החסידות: יחוד מ"ה וב"ן (יחוד אצילות ובי"ע - אוה"ת וסה"מ תר"ס שבהערה 12). וראה לקו"ת שם: וזהו ענין שליחות אליעזר לברר ולהמשיך יחוד זה.

20) ראה רמב"ם בריש ספרו יד החזקה.

21) ראה לקו"ש ח"כ ע' 95 ואילך.

22) שמו"ר פי"ב, ג. תנחומא וארא טו.

23) בראשית א, כח.

24) וירא כב, יז. הובא בפרש"י פרשתנו כד, ס.

25) תולדות כו, ד.

26) שהי' נישואין הראשונים ע"י

געשטעלט געווארען דער אידישער פאלק עד סוף כל הדורות. "וכבשוה" - צו "איינעמען" און איבערמאכן די וועלט אז דארט זאל הערשן ג-טלעכקייט.

ובכלל - באשטייט דאס און דאס גיט כח צו טאן די עבודה פון תורה און מצוות, וועלכע זיינען בדוגמת הנשמה והגוף: תורה איז די נשמה ופנימיות פון מצוות וועלכע זיינען דוקא מיט דברים גשמיים. ובפשטות: לויט די הוראות וואס מ'לערנט אין תורה ווייסט מען ווי צו מקיים זיין די מצוות, וועלכע זיינען מברר ומזכך ומעלה די דברים גשמיים מיט וועלכע מ'איז מקיים די מצות, אז דורך דעם זאל די גשמיות'דיקע זאך ווערן א כלי צו קדושה און אלקות (תשמישי מצוה ותשמישי קדושה), ביז אין אן אופן פון יחוד - א חפץ דקדושה, וואס ווערט א צוותא וחיבור כביכול מיט דעם אויבערשטן[27].

ג. עפ"ז קען מען אויך מסביר זיין ווי די עצם שליחות פון אליעזר (און ניט נאר תכלית השליחות - נישואי יצחק ורבקה) שפיגלט זיך אפ אין כללות העבודה פון יעדן אידן:

דער אויבערשטער האט געמאכט יעדער איד פאר זיין **שליח**[28], און (אראפ)געשיקט זיין נשמה דא למטה אין א גוף גשמי בעולם הזה הגשמי, און דער תכלית בזה איז - מאכן פון דער גשמיות'-דיקער וועלט (אנהויבנדיק פון זיין גוף ונה"ב וחלקו בעולם) א דירה צום אויבערשטן, דירה לו יתברך בתחתונים[29].

וכשם ווי אברהם האט משביע געווען אליעזר שלוחו בקיום השליחות, און איןביידע כיוונים "לא תקח גו' ולקחת אשה", אזוי איז אויך בנוגע צו דער שליחות הנשמה - אז קודם ירידתה למטה "משביעין אותו תהי צדיק ואל תהי כו'"[30].

ד. דער ענין פאדערט אבער ביאור:

פארוואס דארף מען אנקומען צו א **שליח** (אליעזר) צו אויפ-טאן דעם ענין פון נישואי יצחק ורבקה (אברהם אליין איז ניט געגאנגען אין פדן ארם)[31]?

מהול לשמונה (יצחק) - ראה ב"ר פ"ס, ה. אוה"ת ריש פרשתנו (קכז, ב).

ונוסף לזה: נישואי אדם וחוה היו בידי שמים. ובנוגע לנישואי אברהם ושרה - ראה לקו"ש ח"כ ע' 97.

27) ובפרטיות יותר: ע"י המצוות נעשה חיבור מ"ה וב"ן. אבל היחוד ע"י מצוות הוא יחוד פרטי, והיחוד דיצחק ורבקה הוא יחוד כללי כו', כמשנ"ת בדרושים שבהערה 12.

28) ראה לקו"ת ויקרא א, ג ואילך. וראה שיחות: ליל שמח"ת תשמ"ו. ש"פ חיי שרה תשמ"ז (לקו"ש חכ"ה ע' 329 ואילך). ש"פ וישלח תשמ"ז (לקו"ש שם ע' 364 ואילך). קונטרס השליחות (קה"ת, תשמ"ח).

29) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל"ו.

30) נדה ספ"ג. וראה תניא בתחלתו.

31) ואף שאברהם הי' זקן (ראה מפרשים עה"פ פרשתנו כד, א) - הרי כל פרט בתורה הוא בתכלית הדיוק, ועאכו"כ ענין הכי כללי, ולכן י"ל ששליחותו של אליעזר (הוא לא פרט צדדי מפני ההכרח, כ"א שזה) נוגע למטרת תכלית השליחות, נישואי יצחק ורבקה.

ועד"ז איז די שאלה אין דעם נמשל: וויבאלד אז די תכלית הבריאה איז בכדי עס זאל זיין א דירה בתחתונים, פארוואס דארף זיך דאס דורכפירן דוקא דורך א **שליח** (די נשמה פון א איד)?

וועט מען דאס פארשטיין דורך ערקלערן דעם אינהאלט פון אויפמאכן א דירה לו יתברך בתחתונים:

דער אויפטו פון דירה בתחתונים באשטייט אין דעם, וואס כאטש אז די וועלט **מצד בריאתו** איז אין א דרגא פון "**תחתונים**", אז דארט הערט זיך ניט אן ג-טלעכקייט בגלוי (ניט ווי אין די עולמות עליונים וואו אלקות שטייט בגלוי) - טוט מען אין איר אויף א **חידוש**, אז אלקות זאל דארטן לייכטן, ביז אין אן אופן ווי א מענטש (להבדיל) געפינט זיך אין זיין **דירה**, וואו ער שטייט אינגאנצן אנטפלעקט ובהרחבה (אן צמוצמים), אזוי ווערט עולם הזה התחתון א דירה פאר דעם אויבערשטן.

עפ"ז איז פארשטאנדיק פאר-וואס די דירה בתחתונים ווערט אויפגעמאכט דוקא דורך **שלוחו** של הקב"ה - נשמות ישראל (ווי אפגעשפיגלט אין שליחות אליעזר):

אויב די דירה בתחתונים ווערט אויפגעמאכט דורך דעם אויבערשטן אליין, ד.ה. אז דער גילוי אלקות איז אזוי שטארק ביז אז ער איז אויך למטה - איז אין דעם ניטא דער אויפטו פון א דירה בתחתונים - "בתחתונים", אז די תחתונים, אין זייער גדר ומהות (וואס מצ"ע פארדעקט עס אויף אלקות) אנערקענען אלקות.

דעריבער דארף די דירה בתחתונים אויפגעמאכט ווערן דורך א **שליח**, וואס פון איין זייט איז ער כביכול א צווייטער, א באזונדער מציאות פון דעם משלח (אויב ניט - איז ניט שייך זאגן אז ער איז א שליח וועלכע האט א שליחות מסויימת במקום ובמצב וואו דער משלח געפינט זיך ניט כביכול), אבער לאידך גיסא - מאכט זיך דער שליח "אויס מציאות בפני עצמו", ער ווערט אינגאנצן בטל צו דעם משלח, ביז אז "שלוחו[32] של אדם (העליון[33]) כמותו", ביז "כמותו ממש"[34].

און דעריבער האט דער שליח בכח צו אויך אויפטאן אז די וועלט ארום זיך, וואס איז מצ"ע (בהרגשתו) א יש ומציאות בפני עצמו[35], זאל זיין בטל צו אלקות[36], ביז אז זי ווערט א דירה צום אויבערשטן.

---

32) ברכות לד, ב במשנה. קידושין מא, ב.

33) ראה לקו"ת ויקרא א, ג.

34) לקו"ת שם. וכ"ה הלשון (כמותו ממש) בתשובות הריב"ש סרכ"ח.

35) ראה ניצוצי אור לזח"א שבהערה 18, ש"אשה" (רבקה) הוא מלשון <u>ישות</u> (הישות דעולמות בי"ע).

36) ראה אוה"ת ריש פרשתנו (קכח, א) שיחוד מ"ה וב"ן (ע"י יצחק ורבקה) הוא חיבור היש דעולמות בי"ע (לא רק עם אצילות, אלא) עם בחי' <u>אין</u> שלמעלה מאצילות.

וואס דורך דעם טוט זיך אויף א חידוש וואס איז ניט געווען כביכול אין דער וועלט ווי זי איז מצד בריאתו ע"י הקב"ה. ביז אז דורך דעם טוט זיך אויף א חידוש וואס איז נאך גרעסער כביכול ווי דער חידוש יש מאין פון התהוות הבריאה.

וכמאמר חז"ל[37] "גדולים מעשה צדיקים יותר ממעשה שמים וארץ" - ווייל מעשה שמים וארץ איז מאין ליש, און מעשה צדיקים איז מיש לאין, אז דער יש וואס איז באשאפן געווארן (דורך דעם אויבערשטן (באופן כזה אז ער זאל מרגיש זיין ווי ער איז א יש ומציאות בפ"ע, זאל זיין בטל צו דעם אין, וואס דאס איז א גערעסערע חידוש ווי דער חידוש מאין ליש, וכמאחז"ל[38] "משמיא מיהב יהבי מישקל לא שקלי"[39].

ביז נאכמער[40]: עס ווערט מיש ליש, אז דער יש הנברא ווערט איין זאך מיט דעם יש האמיתי כביכול[41], דורך דעם וואס עס ווערט א דירה בתחתונים, א דירה לעצמותו ית'[42], וואס ער איז העכער פאר גדר עליון ותחתון, דעריבער קען ווערן א דירה (אפילו) בתחתונים.

[ועד"ז בנוגע צו דער עבודה פון דעם מענטשן אליין, אז דורך ביטול היש ומציאות פון זיין גוף ונה"ב - טוט זיך אויף א גרעסערער חידוש ווי דורך התהוות היש:

די נשמה מצ"ע איז א מציאות רוחנית, אדם על שם אדמה לעליון[43], וועלכע איז נידערי-קער פאר און נאר דומה לעליון. אבער דורך איר שליחות למטה אין א גוף גשמי בעוה"ז התחתון (און דארטן טוט זי אויף אז דער גוף ויש הגשמי זאל זיין בטל צו דעם "אין") - ווערט אויפגעטאן נאך א גרעסערער חידוש: אז עס ווערט נתגלה ווי די נשמה איז "חלק אלוקה ממעל ממש"[44] (ווי"ל עד"ז - שלוחו של אדם כמותו ממש), "ממש" (אויך) בפירושו אז מ'קען דאס אנטאפן מיטן חוש המישוש[45],

ויש לומר אז דאס איז ווייל דורך שליחות וירידת הנשמה למטה ווערט נתגלה ווי די נשמה איז "חלק אלוקה ממעל ממש", בפירושו אז דאס איז נאך העכער פאר "חלק אלוקה ממעל"[45]: מצד די דרגא פון "חלק אלוקה ממעל" (רוחניות) איז ניטא קיין ארט אויפן חוש המישוש[46], דוקא מצד א "דרגא" וואס איז העכער פאר רוחניות וגשמיות (ולגבי'

37) כתובות ה, א.
38) תענית כה, א.
39) ראה ד"ה ויהיו חיי שרה עטר"ת. גדולים מעשה צדיקים תרפ"ה פ"ז. ועוד.
40) ראה גם קונטרס משיחת ש"פ נח שנה זו ס"ד.
41) ראה ביאוה"ז לאדהאמ"צ בשלח מג, ג ואילך. ד"ה ולקחתם תרס"א.
42) ראה אוה"ת בלק ע' תתקצז. המשך תרס"ו ע' ג.

43) עשרה מאמרות מאמר אם כל חי ח"ב פל"ג. של"ה כ, ב. שא, ב. ובכ"מ.
44) תניא רפ"ב.
45) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' תז.
46) ראה שעהיוה"א פ"ט.

רוחניות וגשמיות שווין), ביז העכער פאר כל גדר ודרגא, העכער פאר כל הגדרים והתוארים - קען מען אנטאפן דעם "חלק אלוקה ממעל" מיטן חוש המישוש בגוף הגשמי. ויש לומר, אז דעמולט איז דער פירוש אין "אדמה לעליון" (א דמיון למעליותא - העכער פאר "עליון" (רוחניות)].

ווי דאס האט זיך אנגעהויבן דורך דעם ערשטן שליח (נשמה) של הקב"ה - אדם הראשון: מעשה בראשית מצד עצמו איז באשאפן געווארן דורך דעם אויבערשטן אין אן אופן פון "טוב". אבער דוקא בסיום יום הששי, בריאת האדם, האט זיך אויפגעטאן אין דער בריאה דעם ענין פון "טוב מאד"[47], ווארום דער אדם (שותף להקב"ה במעשה בראשית) טוט אויף אין דער בריאה א זאך וואס איז אין איר ניט געווען מצד מעשה בראשית כביכול - אז די וועלט וואס איז באשאפן גע-ווארן באופן של יש ומציאות (אז זי איז ניט מרגיש איר מקור, דעם בורא עולם), זאל טאן א זאך פון זיך אליין - "בואו", און נאכמער - "ונשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו"[48].

און פון אדם הראשון ווערט אזוי נמשך אין אלע נשמות ישראל[49] - שלוחי הקב"ה שבכל דור ודור - צו אויפטאן דעם ענין פון "תמליכוני עליכם" בכל ראש השנה[50] (וואס איז בדוגמא צו דער "בואו ונשתחוה כו'" ע"י אדה"ר בר"ה הראשון), ביז מאכן די וועלט פאר א דירה לו יתברך, וואו עס הערט זיך און מען פילט אז דער אויבער-שטער איז "מלך על כל הארץ"[51].

ה. תורה בכללות ופרטות נאמרה[52] און אזוי בכאו"א: כשם ווי אלע אידן בכלל זיינען שלוחים של הקב"ה, זיינען בפרטיות פאראן די וועלכע האבן (בהשגחה פרטית) זוכה געווען און מ'האט זיי בוחר געווען צו זיין שלוחים ושלוחי שלוחים כו' - פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו (וועלכע האבן זיך איצטער צוזאמענגעקליבן אין דעם כינוס השלוחים העולמי), מיטן תפקיד צו מגלה זיין ווי אלע אידן זיינען שלוחים פון דעם אויבערשטן.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז בא די שלוחים פון נשיא דורנו שטייט נאכמער בהדגשה ובגלוי די שליחות פון "אליעזר" צו גיין אין "פדן ארם" און אויפ-טאן דעם ביטול היש לאין, וואס ברענגט דעם גילוי פון "טוב מאד", אנהויבנדיק בא זיך אליין - דורך מאכן זיך אויס מציאות און זיין אינגאנצן בטל

47) בראשית א, לא.

48) תהלים צה, ו. פדר"א פי"א. זח"א רכא, ב. ועוד.

49) וכמאחז"ל לפיכך נברא האדם יחידי ללמדך שכל אדם הוא עולם מלא (משנה סנהדרין לז, א).

50) ר"ה טז, א. לד, ב.

51) תפלת העמידה דר"ה (חתימת ברכת "אלקינו כו' מלוך כו'"), וכן בקידוש ובברכת ההפטרה.

52) ל' רש"י ר"פ בהר.

צו דעם משלח, ביז ער ווערט שלוחו של אדם כמותו ממש (אז מ׳קען עס אנטאפן מיטן חוש המישוש בגוף הגשמי).

ועד״ז בנוגע צו עבודתו אין וועלט - צו מבטל זיין ישות העולם, און מברר ומעלה זיין מציאות העולם, ביז מאכן דערפון א דירה צום אויבערשטן.

און גלייך בתחלת היציאה אין דער שליחות באקומט מען די שבועה ("ואשביעך")[53], אויך מלשון משביע[54] - אז מ׳זעטיקט אים אן מיט אלע נויטיקע כחות צו דורכפירן זיין שליחות.

עפכ״ז האבן די שלוחים א געוואלדיקן לימוד בנוגע צו זייער תפקיד:

דורך יעדער פעולה (אפילו א פעולה הכי קטנה) פון א שליח אין אויפטאן דער ביטול היש לאין - מאכט ער אויף א זאך וואס איז נאך גרעסער פאר "מעשה שמים וארץ"!!

און כאטש אז דער שליח אליין, ועאכו״כ די שלוחים און אידן אין די דורות שלפני זה, האבן שוין אויפגעטאן דורך עבודתם דער ענין הביטול מיש לאין - איז כל זמן וואס אין מציאות העולם הערט זיך נאך אן איר ישות (און מ׳זעט ניט אלקות בגלוי במקום זה), איז א הוכחה אז מ׳קען אויפטאן נאכמער ביטול היש[55].

נאכמער: לויט תורת הבעש״ט[56], אז התהוות יש מאין ווערט נתחדש בכל רגע ורגע מאין ואפס המוחלט (אזוי ווי די התהוות מאין ליש איז געווען בפעם הראשונה בתחלת מעשה בראשית[56*]) - קומט אויס אז בכל רגע ווערט א נייער יש[57]; און דעריבער, יעדן מאל וואס א שליח (ע״י עבודתו) מאכט פון דעם יש אין - איז דאס א חידוש גמור, וועלכע איז גרעסער פאר "מעשה שמים וארץ" (פון דעם יש) שנתחדש ברגע שלפני זה ושלפני זה וכו׳.

ו. נאך א לימוד פון שליחות אליעזר בקשר מיט נישואי יצחק ורבקה:

---

53) ועפ״ז מובן הטעם (פנימי) לשבועת אליעזר ע״י אברהם (נוסף להביאור במפרשי המקרא), אף שע״פ דין שליחות נעשית בלי שבועה ובלי עדות, שהרי שליחות הוא מהענינים ש״אין צריכין קנין ואין לקנין בהם טעם" (רמב״ם הל׳ מכירה פ״ה הי״א ועוד) - כי בנדו״ד ה״ז שליחות לקיים העבודה דעשיית דירה בתחתונים, ולזה צריכים השבעת כחות מיוחדים.

54) ראה ס׳ קיצורים והערות לתניא ע׳ נז.

55) ובודאי שע״י העבודה עד עתה נשתנה ונחלש ישות העולם. ואף ששינוי זה לא ניכר בגלוי (לרוב בני אדם) - ה״ז כמו הפעולה בגשמיות העולם ע״י קיום המצוות שלא ניכר שינוי גלוי לעיני בשר, שה״ז כ"מונח בקופסא" (הוספות באצילות כו׳), ויתגלה לע״ל (וראה אוה״ת בשלח ע׳ תעד).

56) שעהיוה״א פ״א.

57) ויש לומר בעומק יותר שהפירוש פנימי בתורת הבעש״ט הוא להדגיש (נוסף על גודל הביטול של מציאות העולם, גם) החוזק ותוקף הישות דעולם הזה, עד כדי כך שמציאות היש נתחדש בכל רגע ורגע מחדש עם כל התוקף והכח של (התהוות ע״י) הקב״ה (כמו התהוות היש בפעם הראשונה - לפני כל ענין העבודה בביטול וזיכוך היש).

פון המשך הכתובים אין סוף פ׳ וירא איז פארשטאנדיק, אז נישואי יצחק ורבקה (בפרשתנו) קומט בהמשך צו עקידת יצחק - ווי רש״י איז דארט מפרש[58] (פארוואס די תורה דערציילט וועגן לידת רבקה לאחרי עקידת יצחק): ״בשובו מהר המורי׳ הי׳ אברהם מהרהר כו׳ הי׳ לי להשיאו אשה כו׳, בשרו הקב״ה שנולדה רבקה בת זוגו״[59].

ויש לומר הביאור בזה: בכדי יצחק זאל צוקומען צו זיין שלימות דורך חתונה האבן מיט רבקה׳ן [וואס דאס איז שלימות מציאות האדם, כמ״ש ״זכר ונקבה בראם ויברך אותם ויקרא את שמם אדם״[60]] - האט ער פריער גע-דארפט האבן די עלי׳ וואס איז ביי אים צוגעקומען דורך דער עקידה[61].

דער ענין אין עבודה: בכדי עס זאל זיין שלימות העבודה פון קיום השליחות צו מאכן א דירה בתחתונים דארף מען האבן די הקדמה ויסוד פון מסירת נפש[62] (דער ענין העקידה).

דערפון האט מען אויך א לימוד מיוחד בנוגע צו דער עבודה פון שלוחי נשיא דורנו:

בכדי דורכפירן זיין שליחות בשלימות, דארף בא דעם שליח זיין די הקדמה פון מסירת נפש (מסירת הרצון[62*]) - אינגאנצן זיך אוועקלייגן צו דעם (רצון ה)משלח (ביטול מיש לאין), וואס דעמולט ווערט ער כמותו דהמשלח ממש.

ועד״ז בנוגע צו פעולת שליחותו מיט אנדערע אידן (צו מגלה זיין ווי זיי זיינען שלוחים של הקב״ה), דארף ער אויך אין זיי מגלה זיין דעם כח המסירת נפש וואס יעדער איד האט בטבע.

ולהוסיף, אז דערפון וואס לידת רבקה (און נישואי רבקה זייענדיק בת ג׳) איז געקומען לאחרי די מסירת נפש בא דער עקידה - לערנט מען אפ, אז מסירת נפש איז נוגע ניט נאר צו אנשים נאר אויך צו נשים און אפילו טף. [כידוע די הוראה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר, אז מיט קינדער דארף מען לערנען אויך פרשת העקידה וכיו״ב (שלא כדעת הטועים אז דאס וועט דערשרעקן א קינד

---

58) כב, כ.

59) וזהו לדעת רש״י (תולדות כה, כ) שבשעת העקידה הי׳ יצחק בן ל״ז שנים, ובו בפרק נולדה רבקה והמתין לה ג׳ שנים. וגם לפי הדיעה (ראה מפרשי סדר עולם פרק א. ע״פ תוד״ה וכן - יבמות סא, ב) שלידת רבקה היתה (י״א שנים) לפני העקידה - הרי מסדר הכתובים (שסיפור (ובשורת) לידת רבקה בא לאחרי העקידה, מובן שסיפור לידת רבקה נוגע בעיקר לאחרי ובהמשך להעקידה.

60) בראשית ה, ב. וראה זח״א קסה, א. - נוסף על המפורש (יבמות סג, א) כל אדם שאין לו אשה אינו אדם. ובזח״ג (ז, ב. ועוד) - ״פלג גופא״.

61) ראה אוה״ת בראשית (כרך ב בהשמטות) תלב, סע״א ואילך) שקודם העקידה לא הי׳ יצחק יכול להוליד, וע״י העקידה ניתנה בו נשמה חדשה שמעלמא דדכורא וע״ז נעשה ביכלתו להוליד.

62) ראה תניא ספמ״א (נח, א).

*62) תו״א מקץ לו, ב. ועוד.

כו'), ווארום א אידיש קינד בטבע קען (פארשטיין און) פילן דעם ענין פון מסירת נפש. ואדרבה - ביי אים איז דאס מער בגלוי ווי ביי אן ערוואקסענ-עם, ביי אן ערוואקסענעם בר שכל].

לאידך גיסא איז פארשטאנדיק, אז אע"פ וואס מסירת נפש איז דער יסוד והקדמה לעבודת ה', דארף דערנאך (אויך) זיין עבודה ע"פ טעם ודעת.

און א שליח האט דעם כח צו קענען מבחין זיין אין יעדן פאל לפי תנאי המצב ותכונות האדם, ווי ער זאל צוגיין צו א צווייטן און וואס ער זאל ביי אים בעיקר ארויסרופן און מדגיש זיין: דעם ענין פון מסירת נפש, אדער דעם ענין פון טעם ודעת. אדערביידע.

ז. האמור לעיל זיינען אייניקע נקודות וועלכע האבן א ספעציעלע שייכות צו דעם כינוס השלוחים העולמי וואס קומט פאר (אנהויבנדיק פון) דעם שבת:

מטרת הכינוס איז בכדי עס זאל זיין דער איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק[63], אז שלוחים וועלכע טיילן געמיינ-זאמע אינטערעסען און שאיפות, זאלן זיך צוזאמענרעדן און איינער דעם צווייטן שטארקן און ארויסהעלפן מיט סברות והצעות,

און אויך - אלע צוזאמען אנ-נעמען החלטות טובות ווי מ'קען נאכמער צוגעבן אין אויספירן די שליחות בהתאם צום רצון המשלח, וואס א החלטה אנ-גענומען ברבים ובציבור (און דערצו - אין א מקום קדוש - א ביהכנ"ס וביהמ"ד, און א זמן קדוש - יום השבת) - האט א סך מער תוקף, וועלכע גיט צוגאב כח אין אראפברענגען דאס דער-נאך אין פועל ממש (ווי ער-קלערט אין קונטרס החלצו[64]).

ובפרט ווען דאס קומט בקשר מיט א כינוס השלוחים העולמי, מכל מרחבי תבל, וועלכע נעמט ארום אלע מדינות און אלע מענטשן ותכונותיהם כו' בכל העולם כולו - במילא איז דאס דער גרעסטער און שטארקסטער ציבור ווי מעגלעך, דעריבער גיט דאס נאכמער תוקף און כח אין מקיים זיין די החלטות.

און נאכמער: וויבאלד אז די שלוחים זיינען בטל צום משלח, ביז צום משלח הראשון - דער אויבערשטער, בורא עולם ומנהיגו - קומט אויס, אז די שלוחים פון כל העולם כולו זיינען, יעדער פון זיי, בעל הבית אויף די גאנצע וועלט[65]. און דעריבער, ווען מ'קלייבט זיך צוזאמען אין א כינוס מיט אנדערע שלוחים מכל העולם, איז העצם כשאתה תופס במקצתו אתה

63) ישעי' מא, ו.

64) פ"י.

65) נוסף על זה שכל העולם נברא בשביל ישראל (פרש"י ר"פ בראשית). וענין זה הוא בגלוי יותר בכינוס של שלוחים מכל מרחבי תבל, שכל א' פועל פעולתו בגלוי במקומו הוא.

תופס בכולו*[65], ווערט יעדער שליח ווי א בעה"ב אויף כל העולם.

ח. האט מען אין דעם די אלגעמיינע אנווייזונג און נתינת כח פון שליחות אליעזר אין היינטיקער פרשה - וואס האט א ספעציעלע שייכות (אפ-לערנונג) מיט א כינוס שלוחים העולמי (ווי מ'האט עס א נאמען געגעבן, בהשגחה פרטית):

כוונת ומטרת הכינוס איז ניט בלויז דער צוזאמענקלייבן זיך פון די שלוחים דא איצטער (דבר גדול ביותר מצ"ע), נאר בעיקר - אז יעדערער זאל מיטנעמען די כחות פון דעם כינוס העולמי, צו דערנאך אומקערן זיך למקומו בעולם [מיט דעם פריילעכן גרוס אז ער קומט פון א כינוס וואו ער איז געוועזן צוזאמען מיט שלוחים פון כל העולם כולו], און נאכמער פארשטארקן קיום שליחותו, ביז באין ערוך ווי ער האט עס געטאן ביז איצטער (אע"פ וואס אויך ביז איצטער האט ער אויפגעטאן א חידוש שלא בערך, וואס איז גרעסער פאר "מעשה שמים וארץ", כנ"ל),

ביז אז ער זאל אויפמאכן במקומו בעולם א "כינוס השלוחים העולמי":

הן בנוגע צו זיך אליין (עולם קטן זה האדם[66]) - צו-זאמענקלייבן אלע זיינע כחות, אז ער זאל זיין נאכמער איבער-געגעבן ובטל צום (רצון ה')משלח[67],

והן בנוגע צו עיקר שליחותו - צוזאמענקלייבן אלע אידן וואס געפינען זיך דארט און אין זיי מגלה זיין ווי זיי זיינען שלוחים של הקב"ה, דורך פארשפרייטן אידישקייט, תורה ומצוות, כולל הפצת המעינות חוצה, בא די אידן וואס גע-פינען זיך במקומו. און דורך דעם - אויפטאן אז כל פרטי העולם בחלקו בעולם ווערן צו-זאמענגעקליבן אין א נקודה אחת - "לכבודו של הקב"ה"[68], א דירה לו יתברך בתחתונים.

ובמיוחד דורך דעם וואס יעדער שליח וועט אויך האבן (בויען אדער קויפן) פאר זיינע פעולות ומוסדות אן אייגענעם בנין (ווי גערעדט לאחרונה בארוכה[69]), ומה טוב - מיט "איבעריקע" חדרים וואס וועלן ארויסרופן א רצון, ביז צו א הוספה בפועל אין די פעולות - וואס דאס גיט צו נאכמער אין אויספירן מילוי (בשלימות) שליחותו ובאופן של קביעות והרחבה, אין מאכן מקומו וחלקו בעולם - א דירה פארן אויב-ערשטן.

ט. ובכדי נאכמער מוסיף זיין בכל זה - איז כדאי, אז לפני סיום הכינוס, זאלן אלע שולחים

---

*65) כתר שם טוב הוספות סקט"ז.

66) תנחומא פקודי ג. תקו"ז תס"ט.

67) וראה שיחת ש"פ וירא תשמ"ח (ע"ד ענין השליחות) ס"ה.

68) אבות ספ"ו.

69) ראה קונטרס משיחת ח', ט' וי"א תשרי שנה זו. ועוד.

פארן אויפן ציון הק׳ פון דעם משלח, כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, און דארט לייענען א פ״נ כללי בחתימת כל השלוחים, און דאס איבערלאזן אויפן ציון (באופן הנהוג).

וואס דאס וועט צוגעבן נאכמער כחות וברכות והצלחות וכו׳ פון דעם משלח, ביז פון דעם משלח הראשון, דער אויבערשטער אליין - מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה אין אלע ענינים, ובמיוחד - אין מילוי השליחות צו מגלה זיין אלקות במקומו בעולם, מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף ובהרחבה, בבני חיי ומזוני רויחי.

י. און דורך דעם וואס יעדער שליח טוט זיין שליחות במקומו הוא בעולם דורך מאכן אין דעם ארט א ״כינוס השלוחים העולמי״ (כנ״ל) - שטעלן זיך צוזאמען אלע שלוחים און אלע זייערע פעולות, אזוי אז עס ווערט איין ״גרויסער״ שליח,

און דער ״שליח״ איז צו זיך מצרף א יו״ד - דעם אויבערשטען כביכול, דורך דעם וואס ער שטייט (עומד ובטל*[69]) אינגאנצן בטל לה׳, ועי״ז ווערט ער שלוחו של אדם (העליון) כמותו ממש, און ביחד עם זה - נעמט דורך דער ביטול אלע זיינע עשר כחות, אז ער איז עובד עבודתו בשלימות, בשלימות פון אלע כחות שלו, און ווי זיי זיינען דורכגענומען מיט עול מלכות שמים[67] -

ווערט דורך דעם (שליח בצירוף י׳) - ״משיח״[70], דער גילוי פון יחידה הכללית[71], און דורך דעם - דער גילוי פון יחידה שבכאו״א מישראל, וואס ״יחידה לייחדך״[72], שלוחו של אדם כמותו ממש, און דער גילוי פון יחידה בכל העולם כולו - ״אמיתת המצאו״ דא למטה מטה, א דירה לו יתברך בתחתונים.

און עס ווערט ״אלה (מראה באצבעו ואומר אלה) תולדות יצחק״, ביז דעם עיקר ״תולדה״ פון יצחק - די גאולה האמיתית והשלימה, וועלכע איז פארבונדן במיוחד מיט יצחק, ליצחק יאמר ״כי אתה אבינו״[73].

און נאך פארדעם איצט ממש, בסוף זמן הגלות - האט מען יצחק וצחוק בכל הענינים, ובפשטות - רב טוב גשמי ורוחני ורוחני וגשמי - גם יחד, ומתוך שמחה וטוב לבב.

---

70) ראה בארוכה שיחות: ליל שמח״ת תשמ״ו. ש״פ חיי שרה תשמ״ו (לקו״ש חכ״ה ע׳ 326 ואילך). ש״פ וירא תשמ״ח ס״ג.

71) רמ״ז לזח״ב מ, ב (נדפס במק״מ קמז, ב), ולזח״ג רס, ב (מק״מ קצ, ב). ל״ת להאריז״ל בראשית עה״פ ויתהלך חנוך. ועוד. וראה סה״מ תרצ״ט ע׳ 207. ובכ״מ.

72) פיוט דהושענות (יום ג׳).

73) שבת פט, ב. וראה תו״א כא, ג. ועוד.

* ———

בס"ד. שיחת ש"פ חיי שרה, מבה"ח כסלו ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

א. נוסף צו שבת מברכים איז דער שבת אויך - פ' חיי שרה.

וואס די פרשה איז אן אויסנאם מצד דעם וואס התחלת הפרשה - "ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" - באדייט כללות עבודת האדם,

ווי ס'איז מבואר אין די דרושי חסידות עה"פ[1], אז "מאה" גייט אויף תענוג ורצון, "עשרים" גייט אויף מוחין, און "שבע" גייט אויף די שבעה מדות - ד.ה. אז דאס איז כולל די עבודה אין אלע כחות הנפש.

וואס דאס ווערט נשתלשל פון דעם וואס גאנץ סדר השתלשלות ווערט אויסגעשטעלט אין די דריי סוגים: כתר, מוחין און די שבעת ימי הבנין.

קומט אויס, אז "ויהיו חיי שרה" רעדט זיך ניט נאר וועגן שרה'ן אליין, נאר וועגן חיי כל אדם - אז כללות ימי חיי האדם שטעלט זיך אויס אין דער עבודה פון "מאה שנה", "עשרים שנה" און "שבע שנים". און אלע דריי ענינים דארפן זיין בתכלית השלימות, ביז אז זיי זיינען אלע דורכגענומען מיט איין נקודה - "כולן שוין לטובה"[2].

ב. עפ"ז איז פארשטאנדיק די שייכות דערפון מיט דעם ענין השליחות:

יעדע נשמה איז א שליח פון דעם אויבערשטן צו אראפקומען דא למטה, און תכלית השליחות איז - אני נבראתי לשמש את קוני[3], וואס די עבודה שטעלט זיך אויס בכללות חיי האדם אין די דריי ענינים פון "מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים", כנ"ל.

ד.ה. אז פריער שטייט די נשמה למעלה אין א נקודה כללית שלמעלה מפרטים והתחלקות, "נברא האדם **יחידי**"[4], און דערנאך הויבט זיך אן די שליחות, דורך ירידת הנשמה למטה, וואס דאס שטעלט זיך שוין אויס אין פרטים - "מאה שנה ועשרים שנה ושבע

---

1) מאמרי אדה"ז על פרשיות התורה ע' קלא ואילך. ביאוה"ז לאדהאמ"צ ריש פרשתנו. תו"ח פרשתנו קכו, ב ואילך. ביאוה"ז ואוה"ת להצ"צ ריש פרשתנו. ועוד. ד"ה ויהיו חיי שרה תשמ"א (קונטרס כ"ף מרחשון תשמ"ח). וש"נ. 2) פרש"י ריש פרשתנו. 3) משנה ובריתא סוף קידושין. 4) משנה סנהדרין לז, א.

שנים".

ע"ד ווי דאס איז בנוגע צו כללות סדר השתלשלות: פריער שטייען אלע ענינים אין א נקודה כללית באופן פון אחדות הפשוטה, דערנאך קומט עס אראפ אין ספירות אין קץ, ביז דערנאך - אין עשר ספירות (וועלכע טיילן זיך בכללות אויף "מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים").

ובפרטיות יותר - שטעלט זיך אויס די שליחות פון "חיי שרה" ("מאה שנה וגו'") אויך בחיי יום יום:

מיד כשניער משנתו קערט זיך אום די גאנצע נשמה, "נשמה שהחזרת בי". דערנאך הויבט זיך אן די עבודה בפרטיות. אנהויבנדיק פון עבודת התפלה, וואס הויבט זיך אויך אן מיט א נקודה, און דערנאך קומט עס ארויס אין פרטים, ובכללות - די דריי דרגות פון "מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים".

ולאחרי התפלה גייט מען מבית הכנסת לבית המדרש, וואס אויך אין לימוד התורה איז דא פריער די נקודה כללית - "ברכו בתורה תחלה"[5], "אשר בחר בנו מכל העמים כו'", דערנאך קומט ארויס דער לימוד התורה אין פרטים, אנהויבנדיק פון דער נקודת ההשכלה, און דערנאך קלייבט מען פאנאנדער די פרטים, ביז דאס קומט אראפ אין (תלמוד מביא לידי) מעשה בפועל.

און פון בית המדרש גייט מען דערנאך טאן די עבודה פון "הנהג בהן מנהג דרך ארץ", וואס בכללות הנקודה איז דאס דער ענין פון ברכת ה' - ברכות הנהנין, אז מ'מאכט פון כל עניני העולם א ברכה לה', און דערנאך שטעלט זיך אויס די עבודה אין פרטים, וועלכע טיילט זיך בכללות אין די דריי סוגים הנ"ל. און אין אן אופן אז "כולן שוין לטובה".

ג. בהמשך להנ"ל - איז דא אן ענין הצריך ביאור בפרש"י ריש פרשתנו (אן ענין אויף וועלכן מ'איז ניט משים לב):

רש"י שטעלט זיך אויף "ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים", און איז מפרש: "לכך נכתב שנה בכל כלל וכלל לומר לך שכל א' נדרש לעצמו בת ק' כבת כ' לחטא, מה בת כ' לא חטאה שהרי אינה בת עונשין אף בת ק' בלא חטא, ובת כ' כבת ז' ליופי".

---

5) ראה נדרים פא, א.

וואס דער זעלבער דיוק איז אויך אין סוף פון אונזער פרשה:

בנוגע צו ישמעאל׳ן שטייט[6]: ״ואלה שני חיי ישמעאל מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים״, דער פסוק זאגט ״שנה״ בא יעדער כלל וכלל, און איז זיך ניט מסתפק מיט שרייבן ״מאה ועשרים ושבע שנים״. [און מ׳קען ניט זאגן ע״ד הפשט אז דער פסוק שרייבט עס בסגנון זה, וויבאלד אז אזוי שטייט בא שרה׳ן].

ואעפ״כ איז רש״י דארטן גארניט מפרש.

[ס׳איז פארשטאנדיק אז דארטן האט ניט קיין ארט מפרש זיין אז ״כולן שוין לטובה״, ווארום דארטן שטייט ניט ״שני חיי ישמעאל״, אזוי ווי ״שני חיי שרה״ בריש הפרשה].

מ׳קען ניט זאגן, אז רש״י פארלאזט זיך אויף דעם וואס ער האט מפרש געווען בריש הפרשה בא שרה׳ן, ווייל ישמעאל האט בפירוש חוטא געווען (נאר שפעטער האט ער תשובה געטאן).

עד״ז דארף מען פארשטיין בנוגע צו דעם וואס שטייט ביי אברהם[7]: ״ואלה ימי שני חיי אברהם גו׳ מאת שנה ושבעים שנה וחמש שנים״. וואס הגם אז רש״י איז דארטן מפרש אז ״בן ק׳ כבן ע׳ ובן ע׳ כבן ה׳ בלא חטא״ - פאדערט זיך אבער ביאור: וואס איז דער פארגלייך פון ״בן ק׳ כבן ע׳״ - דלכאורה געפינט מען ניט קיין ענין מיוחד וואס האט פאסירט ווען אברהם איז געווען בן ע׳ [ניט ווי בן עשרים - ווען מ׳ווערט א בר עונשים]. דאס וואס אברהם הכיר את בוראו איז געווען לכל הדיעות פאר בן שבעים.

*

[בענין הנסיעה של השלוחים שי׳ לציון הק׳]:

ד. און זיי זאלן דארטן איבערלאזן דעם פ״נ כללי, באופן הנהוג - גאנצערהייט, אדער מ׳זאל דאס צורייסן, ווי אנדערע פירן זיך [כ׳וויים ניט דער מקור אויף דעם. ויש לעיין בזה].

* * *

ה. פונקט ווי בא דעם אויבערשטן איז געווען ״אסתכל באורייתא וברא עלמא״[8], אזוי דארף זיין בא יעדער איד, ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האט געזאגט, אז איידער א איד טוט עפעס דארף ער פריער ארייקוקן אין שולחן ערוך, בכדי וויסן וואס ער זאל טאן און וואס ער זאל ניט טאן.

---

6) פרשתנו כה, יז. 7) שם, ז. 8) ראה זח״ב קסא, סע״א-ב.

תורה גופא איז בכללות ופרטות נאמרה. ועד״ז איז בנוגע צו דער עבודה פון אידן, אז אין דעם איז דא כללות ופרטות:

יעדער איד האט די שליחות כללית פון משמש זיין את קונו און מאכן א דירה בתחתונים. און דערנאך האט יעדער איד באזונדער זיין שליחות פרטית במקומו ובזמנו, אין זיינע ענינים פרטיים - וואו ער פירט אויס תפקידו המיוחד.

און א איד דארף וויסןביידע זאכן: סיי אז ער האט די שליחות פרטית וואס ליגט אויף אים, כל אחד ואחד עביד עבידתי׳, און סיי אז ער איז א חלק פון דעם כלל וועלכער האט די שליחות כללית צו מאכן א דירה בתחתונים.

ו. דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז בשעת א איד הערט, בהשגחה פרטית, וועגן אן מאורע כללית וואס האט פאסירט אין וועלט - דארף ער דערפון ארויסנעמען אן אנווייזונג, אין זיין עבודתו הפרטית, און אויך אלס חלק פון דעם כלל.

על אחת כמה וכמה ווען דאס איז א זאך וואס האט פאסירט אין ארץ הקודש [וואס אויך בזמן הזה זיינען פאראן כמה דינים (אן פשט׳לעך און אן קונצען) וואס טיילן אויס ארץ הקודש פון אנדערע לענדער], וואס דאס איז נאכמער נוגע צו אידן בכל מקום שהם [ווי מ׳זעט עס אין דעם וואס בשעת התפלה - מלשון התופל כלי חרס[9] - קערט מען דעם פנים כנגד ארץ ישראל[10]], און דערצו - א פאסירונג פארבונדן מיט א ריבוי פון אידן - דארף דאס זיכער ארויסרופן בא יעדער איד, וואו ער זאל נאר זיין, ער זאל עפעס טאן אין דעם ריכטונג, עפעס מוסיף זיין אדער מתקן זיין.

בקשר מיט די בחירות וואס זיינען פארגעקומען לאחרונה אין ארץ הקודש - זעט מען א דבר הכי תמוה: אז דאס האט געבראכט א שטארקער מחלוקת צווישן אידן בכלל, ובפרט צווישן שומרי תומ״צ, ביז צו קריגעריי כּון יד איש ברעהו וכו׳.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז ניט קוקנדיק צי מ׳האט געדארפט איינטייל נעמען אין די בחירות, און פאר וועלכן צעטל מ׳האט געדארפט שטימען - איז איצטער, ווען מ׳שטייט שוין לאחרי הבחירות, אין וועלכע עס האבן איינטייל גענומען הונדערטע טויזנטע אידן, און צווישן זיי - צענדיקלע טויזנטע פרומע אידן, שומרי תורה ומצוות ובהידורים כו׳ (וכל ישראל בחזקת כשרות),

---

9) תו״א עט, סע״ד. 10) טושו״ע ושו״ע אדה״ז או״ח סצ״ד.

און דאס האט געבראכט צו א מחלוקת גדולה וועלכע קיינער האט ניט משער געווען - ליגט איצטער א פליכט אויף אידן (יעדער איד וואס הערט וועגן דעם) צו פארבעסערן דעם מצב און טאן אלץ מעגלעך צו איינשטעלן שלום און אחדות אין ארץ ישראל (אויב דאס וואלט אים ניט געווען נוגע - וואלט ער דערפון ניט געהערט).

ווארום כנ"ל, בשעת מ'הערט וועגן א זאך וואס דארף האבן תיקון, איז די כוונה בזה אז דאס זאל ברענגען א תועלת - בתיקון הדבר. ס'איז ניט קיין ענין פון סתם רעדן מוסר, נאר ווי ס'איז געווען בא ישעי' הנביא, אז זיין רעדן מוסר איז בכדי דאס זאל האבן א תועלת און עפעס אויפטאן בפועל בתיקון הענין.

ז. וואס קען מען אין דעם טאן?

דער עצם זאך אז צווישן מענטשן זיינען פאראן חילוקי דיעות - איז ניט קיין חסרון, ואדרבה: דער אויבערשטער האט אזוי באשאפן דער טבע פון מענטשן אז "אין דיעותיהן שוות"[11].

אעפ"כ, טאר דאס ניט ברענגען צו פירוד הלבבות, מחלוקת און קריגערייי - ווארום דאס איז דער תכלית ההיפך פון גאנץ אידישקייט און פון תורה, וואס "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום"[12], ואם שלום כאן הכל כאן[13].

אפילו ע"פ שכל - איז אויך מובן ווי ס'איז אפגעפרעגט אז עס זאל זיין מחלוקת צווישן איין איד מיט א צווייטער איד, ווארום יעדער איד האט א נשמה וואס איז א "חלק אלוקה ממעל ממש", איז ווי קען זיין א מחלוקת צווישן איין חלק אלוקה מיט א צווייטן חלק?!

למעלה מן השכל - וואס דארטן איז תכלית האחדות - איז זיכער ניטא קיין ארט אויף מחלוקת; אבער אפילו ע"פ שכל, וואס מצד שכל איז אין ידעותיהן שוות, איז פארשטאנדיק אז מחלוקת איז דער תכלית ההיפך פון דער מציאות פון אידן!

איז די עצה דערצו: ניט אז מ'זאל אלע זאלן האבן א דיעה אחת (דאס איז היפך טבע האדם, כנ"ל), נאר אז מ'זאל געפינען דברים של מעשה בפועל אין וועלכע אלע צדדים זיינען מסכים; עס קען זיין אז יעדער צד האט אויף דעם א באזונדער טעם בשכל, אבער בנוגע לפועל - זיינען אלע מסכים אז דאס איז א ריכטיקע זאך

11) ראה ברכות נח, רע"א. סנהדרין נח, א. 12) משלי ג, יז. 13) ראה פרש"י בחוקותי.

וואס דארף דורכגעפירט ווערן.

[ע״ד ווי דאס איז בנוגע צו אן אדם עצמו: אע״פ וואס ער האט סברות לכאן ולכאן, איז אבער בנוגע למעשה בפועל, קען ער זיך ניט פירן אויףביידע אופנים, נאר דוקא באופן אחד. עד״ז קען זיין צווישן מערערע מענטשן, אז כאטש זיי האבן חילוקי דיעות, קענען זיי מסכים זיין בנוגע צו א מעשה בפועל].

דורך דעם וועט מען פארדינען צוויי זאכן: ערשטנס - די זאכן אין וועלכע אלע זיינען מסכים וועלן דורכגעפירט ווערן בפועל בהקדים האפשרי. צווייטנס - דער עצם זאך וואס די פארשידענע צדדים זעען אז מ׳קען זיצן באם זעלבן טיש, און זיך צונויפרעדן אויף א נארמאלן אופן, אן געשרייען, און מ׳וועט זען ווי דער צווייטער איז א בר דעת - וועט עס צוגעבן אין קירוב הלבבות (ועאכו״כ שולל זיין דעם ענין פון יד איש ברעהו, אע״פ וואס עס קען זיין אז **שכל** איש ברעהו, מצד די חילוקי דיעות), וואס וועט ערמעגלעכן אז מ׳זאל זיך קענען לייכטער צוזאמענרעדן אויך וועגן ענינים אין וועלכע עס זיינען פאראן פארשידענע מיינונגען.

ח. ובנוגע לפועל:

בכדי אפשוואכן די מחלוקת וואס האט זיך פאנאנדערגעפלאקערט, און געבן די מעגלעכקייט אויף אריינברענגען שלום ואחדות צווישן אידן און די פארשידענע פארטייען - דארף מען צום אלעם ערשטן זיצן ארום איין טיש און רעדן וועגן ענינים וואס אלע (אדער רוב) זיינען דערצו מסכים.

זעלבספארשטאנדיק, אז בנוגע צו צוזאמענשטעלן א קאאליציע - וועט יעדער פארטיי פאדערן בתור תנאי די זאכן וועלכע לויט איר מיינונג זיינען ענינים יסודיים.

ס׳איז אויך מובן, אז די הנהלה אין ארץ ישראל, אזוי ווי אין יעדן אידישן ישוב, דארף זיין ע״פ שולחן ערוך*.

אבער דא רעדט מען וועגן דעם אופן ווי מ׳קען זיך בכלל צוזאמענרעדן בשלום, נאך איידער מ׳שטעלט צוזאמען א קאאליציע [וואס דאס קען נעמען טעג און וואכן און חדשים, און באשטימען מיניסטארן וכו׳]. וואס אין דעם דארף מען אנהויבן מיט זאכן של

*) וכמובן, שזה כולל תיקון החוק ד״מיהו יהודי״, שהוא יסוד עיקרי בקיום עם ישראל, כמדובר כמ״פ בארוכה.

מעשה בפועל וואס אין זיי זיינען אלע מסכים, און גיין מן הקל אל הפחות קל כו׳.

[מ׳גייט דא ניט אריין אין די פרטים, כולל אז ס׳איז מובן ופשוט אז די הנהלה פון ארץ ישראל איז ניט קיין ענין פון אתחלתא דגאולה ח״ו. ליידער ליידער האלט מען נאך אפילו פאר די הכנות צו אתחלתא דגאולה (כמובן פון פס״ד הרמב״ם[14] בנוגע דער סדר הגאולה), במילא איז נאך ניט שייך אן ענין פון מלכות ישראל ומלכות בית דוד, וואס דאס וועט זיין דוקא לאחרי הגאולה האמיתית והשלימה; אבער בנוגע לענינינו דארף מען ניט אריינגיין אין זייטיקע ענינים, אויך ניט אריינגיין אין מחלוקת בנוגע דעם ענין פון אתחלתא דגאולה, נאר אנהויבן רעדן וועגן זאגן וואס אלע זיינען דערמיט מסכים].

ט. עס זיינען פאראן זאכן וועלכע אלע מפלגות האבן שוין דערצו מסכים געווען בעבר, ביז אזוינע וועלכע זיינען אויך באשטימט געווארן אלס חוק, נאר מפני סיבות פירט זיך ניט דורך די זאכן בפועל ממש.

צום ביישפיל: דער חוק ההפלות און דער חוק ניתוחי מתים - וואס ניט קוקנדיק אויף דעם וואס אלע האבן שוין דערצו מסכים געווען, און ס׳איז געווארן א חוק, און אלע זיינען איינשטימיק אז די חוקים דארף מען מקיים זיין - דאך, זיינען פאראן יחידים און באאמטע וואס פארלעצן די דאזיקע חוקים.

ועד״ז זיינען פאראן נאך פארשידענע ענינים, אויך אזוינע וואס זיינען ניט פארבונדן מיט דת, ווי אין דיני ממונות וכיו״ב, אין וועלכע אלע (אדער רוב) זיינען איינשטימיק. וואס אויב מ׳ווייסט דא וועגן כמה וכמה חוקים וועלכע זיינען שוין באשטימט געווארן און אלע זיינען דערצו מסכים - עאכו״כ אז די וואס דאס איז זייער מקצוע ווייסן דערפון, און זיכער קענען זיי אריינקוקן אין די ספרי החוקים, און זאגן וועגן נאך חוקים וועלכע מ׳האט איינגעפירט און מאיזה סיבה איז מען זיי נאך ניט מקיים כדבעי וכו׳.

און דורך דעם וואס מ׳וועט אנהויבן זיך צוזאמענרעדן וועגן די זאכן אויף וועלכע מ׳איז שוין מסכים - וועט דאס צום אלעם ערשטן מתקן זיין די זאכן, און לייכטערהייט און שנעלערהייט,

14) הל׳ מלכים ספי״א.

ווארום דאס איז שוין א באשטימטער חוק אין וועלכע אלע זיינען שוין מסכים, דארף מען ניט האבן א זיצונג פון "כנסת" וכו', מ'דארף נאר האבן אז מ'זאל אנזאגן דעם פקיד בענין זה, צו פארזיכערן אז מ'זאל מקיים זיין דעם חוק בפועל (און צוגעבן - דעם ווארט) ממש [משא"כ ווען עס רעדט וועגן א חוק וואס איז נאך ניט איינגעפירט געווארן, דארף מען אנקומען צו א ישיבת הכנסת און א קריאה ראשונה וקריאה שני' וקריאה שלישית וכו'].

און דערצו וועט דאס העלפן שאפן א צוטרוי, און ברענגען צו קירוב הדעת און איינשטעלן שלום, בלויז שוין פון דעם וואס מ'זיצט ביי איין טיש און מ'טרינקט צוזאמען א גלאז טיי און מען זעט אז דער צווייטער איז א בר דעת, דורך דעם איז לייכטער זיך צוזאמענרעדן און ווירקן דורכצופירן ענינים אין וועלכע ניט אלע זיינען איינשטימיק.

ומובן, אז דער אופן הנ"ל ווי מ'זאל זיך צוזאמענרעדן בדרכי נועם ושלום - איז שייך ניט נאר אין ארץ ישראל נאר בכל מקום שבעולם, אויך במדינה זו, וואו עס פעלט ניט קיין מחלוקת - איז די עצה לזה, אז מ'זאל לכל לראש אנהויבן זיך צוזאמענרעדן אין ענינים וועגן וועלכע אלע זיינען דערצו מסכים.

י. ובנוגע צו דער שאלה פון אנדערע: ווי האט מען די רעכט און די ברייטקייט צו זיך מישן אין די הנהגה אין ארץ ישראל, בעת מ'געפינט זיך אין חוץ לארץ, ס'איז דאך א כלל אז "אין לדיין אלא מה שעיניו רואות"[15] -

איז קודם כל, די הצעה הנ"ל איז ניט קיין חידוש וואס קומט דוקא פון חוץ לארץ, נאר דאס איז א פשוט'ע פארשלאג וועגן געזעצן וואס מ'האט וועגן זיי שוין פון לאנג מסכים געווען אין ארץ ישראל.

צווייטנס, איז דאס ניט קיין דיעה פון א יחיד, נאר מ'האט אויף דעם דער יפוי כח פון די הונדערטע שלוחים פון דער גאנצער וועלט (וועלכע געפינען זיך איצטער דא אויף דעם כינוס השלוחים העולמי), וואס זיי פארטרעטן און שטעלן מיט זיך פאר פארשידענע מדינות און קהילות און מענטשן, און כאטש אז אויך צווישן זיי זיינען פאראן פארשידענע מיינונגען, זיינען אלע

15) ב"ב קלא, ריש ע"א. סנהדרין ו, ב. אנציקלופדי' תלמודית בערכו. וש"נ.

איינשטימיק צו דער סברא והצעה הנ״ל, במילא איז מסתבר זאגן אז דאס איז א גלייכע סברא.

ועוד ועיקר: אדרבה, בחנוני נא בזאת (בל׳ הכתוב*[15]). פרובירט, וועט מען זיך איבערצייגן אז דער דאזיקער וועג פון קירוב הדעת, וועט ברענגען געהעריקע תוצאות, און וועט שאפן א צוטרוי און הסכמה אין נאך א סך ענינים.

ויהי רצון, אז דורך מוסיף זיין אין אהבת חנם, וועט דאס מבטל זיין שנאת חנם - סיבת הגלות, און בשעת עס ווערט בטל דער סיבה, ווערט בדרך ממילא בטל דער מסובב - דער גלות, און עס קומט גלייך די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש.

* * *

יא. בפרשתנו ווערט דערציילט וועגן כמה ענינים עיקריים, ומהם:

א) קניית מערת המכפלה - וואס דאס איז די התחלה פון כיבוש ארץ ישראל, ווארום דורך קניית מערת המכפלה איז געווארן גלוי לעין כל אויך לאומות העולם, אז א חלק פון ארץ ישראל באלאנגט צו אברהם, ״לאברהם למקנה לעיני בני חת לכל באי שער עירו״[16], ביז אז קיינער קען אויף דעם ניט מערער זיין ווייל אברהם האט דאס געקויפט בכסף מלא, און ווי עס שטייט אין מדרש[17] ״שלשה מקומות אין אומות העולם יכולים להנות את ישראל לומר גזולים הן בידכם, ואלן הן, מערת המכפלה כו׳״.

איז דערפון מובן אז קניית מערת המכפלה בפרשתנו איז אן ענין הכי כללי - התחלת כיבוש ארץ ישראל, אלע שבעה ארצות, ביז אויך די עשר ארצות, ירחיב ה׳ אלקיך את גבולך.

ב) נישואי יצחק ורבקה - וואס באדייט כללות עבודת האדם (כנ״ל), וואס דערפאר איז די תורה מאריך וועגן דעם.

און וויבאלד אז די ביידע ענינים ווערן דערציילט אין היינטיקע פרשה בהמשך אחד, איז פארשטאנדיק אז ס׳איז דא צווישן זיי א שייכות, און א שייכות פארבונדן דוקא מיט דעם סדר.

יב. דער ענין אין עבודה:

מערת המכפלה גייט אויף די צוויי דרגות אין ה״א, ה״א ראשונה

---

*15) מלאכי ג, י. 16) פרשתנו כג, יח. 17) ב״ר פע״ט, ז.

וה״א אחרונה[18].

וואס דאס איז מרמז אויף שליחות וירידת הנשמה, וואס זי איז א חלק אלוקה ממעל ממש (בחי׳ ה״א ראשונה) אין א גוף גשמי (ה״א אחרונה) אין עוה״ז הגשמי.

דערנאך קומט דער סיפור פון נישואי יצחק ורבקה, וואס דאס ברענגט ארויס די תכלית השליחות פון ירידת הנשמה בגוף - בכדי אויפטאן דעם ענין פון ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״, לעשות לו יתברך דירה בתחתונים.

און די הקדמה צו דיביידע ענינים איז - פרשת העקידה, דער ענין פון מסירת נפש, וואס איז אן עיקר ויסוד היסודות לכל עניני העבודה [א יסוד אויך בערך צו די י״ג עיקרים.

ולהעיר מהשקו״ט בנוגע צו די י״ג עיקרים, צי דאס איז א דבר נכון אדער ניט (ווארום ממה-נפשך: כל עניני התורה זיינען עיקריים), מיט די פארשידענע סברות בזה, און אויך בנוגע צו מספר העיקרים (ג׳ עיקרים, ז׳ עיקרים, אדער י״ג עיקרים). וכידוע תשובת החתם סופר בזה[18*]. ואכ״מ].

[המשך הענין ע״ד מסירת נפש - לעיל בהשיחה המוגהת ס״].

יג. דערנאך קומט צו פ׳ תולדות - ואלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק:

די גמרא זאגט[19] אויף דעם, אז ״נהפך קלסתר פנים של יצחק ונדמה לאברהם פתחו כולם ואמרו אברהם הוליד את יצחק כו׳, אתא אברהם בעא רחמי (כדי שיכירו בינו ובין בנו) והוה זקנה״.

איינער פון די לימודים אין דעם בעבודה - דלכאורה: וואס איז דער ענין אין דעם אז אברהם האט מתפלל געווען עס זאל זיין א נס, עס זאל זיין ניכר דער חילוק צווישן אים מיט יצחק, ולאידך - איז געווען דער נס אז עס זאל זיין אן ענלעכקייט צווישן זיי?

אין חיי האדם זיינען פאראן בכללות צוויי תקופות: דער זמן פון צעירות, וואס דאס האט די מעלה פון תוקף וכח הגוף - בן שלשים לכח. ובהדגשה בא יצחק - תגבורת החיות; און די תקופה פון זקנות - וואס האט די מעלה פון תוקף וכח והתיישבות השכל - סבא

18) ראה ס׳ הליקוטים דא״ח צ״צ ערך מערת המכפלה. וש״נ. *18) יו״ד סשנ״ו.
19) ב״מ פז, א.

דעתוהי סתים[20]. וואס דאס איז די דרגא פון זקן אברהם.

ותכלית השלימות איז בשעת ס׳איז דא דער חיבור פוןביידע מעלות.

לאידך גיסא - דארף אמאל זיין די הדגשה אויף מעלת הצעיר, און אמאל - אויף מעלת הזקן.

ובנוגע לענין השליחות - האט יעדער שליח דעם כח צו מבחין זיין אין יעדן פאל וואס ער דארף דארטן מדגיש זיין, ועד״ז בנוגע צו מסירת נפש און עבודה ע״פ טעם ודעת (כנ״ל) - ווארום ״לתקוני שדרתיך״, במילא באקומט א שליח כחות פון דעם משלח צו וויסן ווי צו אויפטאן בכל מצב אויפן בעסטן אופן.

ביז אז ער האט דעם כח צו מהפך זיין די גאנצע סביבה אין א זמן קצר,

ביז די שלימות בזה - בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש.

* * *

[דובר כאן ע״ד בנינים חדשים, ואח״כ]:

יד. ובהמשך לזה איז כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב א בנין חדש, וחנוכת הבית וכו׳ - זאלן איצטער ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און מזמין זיין די מסובים כאן, אז זיי זאלן זיך משתתף זיין בזה, באיזה אופן שיהי׳ - בגופם, אדער בנשמתם אדער בממונם.

והתקוה חזקה - ווי מ׳האט געזען בעבר - אז דאס זאל נאכמער מוסיף זיין אין דער הצלחה בכל ענינים אלו.

ביז אז דאס וועט זיין א הכנה צו ״קהל גדול ישובו הנה״[21], אין ארץ הקודש, לירושלים עיר הקודש, להר הבית ולבית המקדש השלישי,

און מ׳וועט דארטן גיין צוזאמען מיט אלע בנינים וועלכע מ׳האט געבויט, אלס חלק פון דער עבודה פון ״מאך דא ארץ ישראל״[22], און א בני׳ באופן של הרחבה (מעין פון ירחיב ה׳ אלקיך את גבולך לע״ל),

און דאס גיט נאכמער צו אין דעם גיין בזריזות לארץ הקודש

---

20) זח״ג (אד״ר) קכח, ב. 21) ירמי׳ לא, ז. 22) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ תפה.

בפשטות, למטה מעשרה טפחים, ולא עכבן אפילו כהרף עין[23].

[לאחרי חלוקת המשקה - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

[דובר כאן ע"ד ענין השליחות של כאו"א מישראל ע"י תומ"צ בכלל]:

טו. ווי עס שטייט בהדגשה בנוגע צו מצוות - כבדו את המצוות שהן שלוחי[24]. וי"ל אז דערפאר איז מתאים זאגן אז "שלוחו של אדם כמותו ממש", אז מ'קען עס אנטאפן מיטן חוש המישוש - וואס דאס איז דער אויפטו פון מצוות, אז דאס איז מיט דברים גשמיים וועלכע מ'קען אנטאפן מיטן חוש המישוש.

און די שליחות בקיום התומ"צ ווערט אויך נמשך אין אלע ענינים, אויך עניני רשות - בכל דרכיך דעהו ועל מעשיך יהיו לשם שמים. ווי דער אלטער רבי פסק'נט אין שו"ע[25], בצירוף פון א ריבוי מראי מקומות [שלא ע"ד הרגיל בשו"ע אדה"ז].

ויה"ר אז פון דער ריבוי בתורה זאל עס ארויסקומען אין א ריבוי במעשה בפועל, אין קיום השליחות פון מאכן א דירה בתחתונים.

[בהמשך להענין ששליח בצירוף י' נעשה "משיח"]:

טז. וענין זה שטייט בהדגשה בנוגע צו תינוקות של בית רבן, וועלכע ווערן אנגערופן "משיחי"[26]. ועד"ז איז אויך בנוגע צו קטנות. וי"ל הביאור בזה - ווייל שלימות הזכר איז ע"י הנקבה, פלג גופא, כמ"ש זכר ונקבה ברא אותם ויברך אותם ויקרא שמם אדם.

[סיום השיחה - בהמשך לזה שהשליחות היא לעשות לו ית' דירה בתחתונים]:

יז. דערפאר איז מתאים אז מ'זאל מסיים זיין מיט דעם ניגון וואס גיט ארויס דעם תוכן פון "אין עוד מלבדו", און דוקא בלשון האומות, וואס דאס איז נאכמער מדגיש דער ענין פון "אין עוד מלבדו":

און דערנאך - דער ניגון פון "שיבנה בית המקדש", וואס דאס איז תכלית מעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות.

---

23) מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 24) תנחומא ויגש וא"ו. 25) או"ח סקנ"ו ס"ב. 26) שבת קיט, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

ועוד והוא העיקר - - אז אזוי זאל זיין בפועל ממש, ובפשטות - די גאולה האמיתית והשלימה.

* * *

יח. מ׳גייט איצטער דאוונען מנחה, וואס אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה[27], און מ׳וועט לייענען ״ואלה תולדות יצחק״.

[סיום השיחה - נדפס לעיל].

כ״ק אדמו״ר שליט״א התחיל לנגן ״ניעט ניעט ניקאווא״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

---

27) ברכות ו, ב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

לעילוי נשמת

הרה"ח הרה"ת ר' **אלעזר גרשון** בהרה"ג הרה"ח ר' **שמעון** ע"ה

לזרוב

נספה בשנות החורבן בארץ הדמים

והוקבע יום היא"צ לו' כסלו

ת.נ.צ.ב.ה.

*

נדפס ע"י

בנו הרה"ח הרה"ת ר' **שמעון** ומשפחתו שיחיו

לזרוב

הכתובת לחשיג "התנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
כ"ז חשון
ה'תשמ"ט

הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

מפתח

בס״ד. שיחת יום ב׳ פ׳ תולדות, כ״ז מר-חשון ה׳תשמ״ט
- לרגל כינוס השלוחים העולמי -

הנחת התי׳ בלתי מוגה

א. צום אלעם ערשטן - ״פותחין בברכה״[1]: אפדאנקען די אלע וואס האבן געוואונטשן אלע גוטע זאכן, אין צוזאמענהאנג מיט פארשידענע געלעגנהייטן,

ובמיוחד - אין צוזאמענהאנג מיט די שלוחים וועלכע זיינען געקומען אויף דעם כינוס, און כמה מהם האבן געבראכט מיט זיך בריוו פון נאך אידן וואס האבן דאס איבערגעגעבן דורך זיי (ווייל זיי האבן אליין ניט געקענט קומען) -

און ״כל המברך מתברך״[2], בברכתו של הקב״ה וואס ״תוספתו מרובה על העיקר״[3], בטוב הנראה והנגלה, ותיכף ומיד ממש, ובכל המצטרך, און נאך מערער וויפל זיי ווינטשן זיך אליין, ווייל ס׳איז - ״מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה״[4].

ב. דערביי דארף מען באווארענען א ״מנהג משונה״ - בנוגע צו שרייבן מיר בריוולעך:

מ׳האט זיך איינגערעדט, אז ווער ער עס זאל נאר זיין, און ווי זיין מעמד ומצב זאל נאר זיין, און וועגן וואס עס זאל נאר זיין - דארף מען זיך משתדל-זיין שרייבן מיר בריוולעך, און שרייבן וואס מערער - כל המרבה הרי זה משובח!

ועד כדי כך - אז כמה מהם מאטערן זיך אויף געפינען זאכן וועגן וואס צו שרייבן. און אויב ער אליין ווייס ניט וועגן וואס צו שרייבן אין דעם בריוו - בעט ער ביי א צווייטן, אפשר קען ער אים געבן אן עצה וועגן וואס קען ער שרייבן א בריוול...

ג. עס ווייזט אויס אז אימעצער האט זיי איינגערעדט, אז אין וואס באשטייט א ״פארבונדנקייט״ (התקשרות) צווישן איין שווער׳ס חסיד מיט א צווייטן שווער׳ס חסיד וכיו״ב - איז דאס דוקא דורך דעם וואס מ׳ווועט אים שרייבן וועגן אלע-ערליי זאכן וועגן וואס

---

1) נסמן בלקו״ש חכ״ד ע׳ 641 הערה ד״ה פותחין בברכה. 2) ראה סוטה לח, ב. ירושלמי ברכות ספ״ח. הובא בתוד״ה ואברכה - חולין מט, א. 3) ב״ר פס״א, ד. וראה בארוכה לקו״ש ח״ה ע׳ 422 ואילך. 4) ברכה שלישית דבהמ״ז.

מ׳קען נאר שרייבן, ובאריכות - כל המאריך הרי זה משובח.

און דערנאך קומט נאך צוגיין א אידן מיט א ווייסער בארד, און זעט אז ער שרייבט א לאנגן בריוו - קלאפט ער אים אויפן פלייצע, און זאגט: דאס איז א ראי׳ אז דו האסט זיך געהאדעוועט אין ״תומכי תמימים״, און דו פירסט-זיך-אויף ווי א חסיד דארף זיך אויפפירן! והראי׳ - דו גיסט אוועק דיין צייט וואס דו קענסט זיצן און לערנען תניא, אדער נגלה דתורה וכיו״ב, און דו גיסט דאס צייט אפ אויף שרייבן בריוולעך!

ובפרט נאך אז ער זעט ווי א צווייטער טוט אויך אזוי, רעדט ער זיך איין אז דאס איז גאר א סימן אז ס׳איז א מנהג וואס איז מקובל מדורי דורות.

במילא (אזוי ווי ער טראכט אז ער האט זיך געפירט ווי ער דארף), פארלאנגט ער דערנאך - און ער איז זיכער (ס׳איז קיין ספק ניט און ס׳איז גאר ניט שייך זיין אנדערש) אז מ׳וועט אזוי טאן - אז מ׳וועט אפלייגן אלע איבעריקע זאכן אויפן זייט, און ענטפערן אים בפרטיות הכי גדולה אויף כל הענינים וועגן וועלכע ער שרייבט!

ד. צום אלעם ערשטן - ווערט דא פשוט א שאלה:

ס׳איז דא א דין אין שו״ע[5] בנוגע צו וויפל מ׳דארף זיין אפגעהיט צו אויסנוצן די צייט אויף וואס מ׳דארף איר אויסנוצן, און ניט אויף ״דברים בטלים״ ח״ו.

- דברים בטלים איז ניט דברים אסורים, עאכו״כ ניט זאכן וואס זיינען ניט שייך צו ברכה, אדער זיינען היפך פון א ברכה ח״ו;

דער פשוט׳ער טייטש פון ״דברים בטלים״ איז, אז דאס האט קיין מציאות ניט (דאס איז א דבר בטל), ד.ה. לולי אן ענין **משונה** - וואלטן די זאכן אינגאנצן ניט געווען בסדר חייו.

די סיבה פארוואס ער טוט א דבר בטל איז - וויבאלד מ׳האט אים איינגערעדט אן ענין משונה, ובנדו״ד - דעם **מנהג משונה** פון שרייבן בריוו וואס מער באריכות און וואס מער פרטים, כדי צוליב זיין פארבונדן מיט א צווייטן אידן.

ובפרט אז דאס איז - לדעתו - א מנהג מדורי דורות; און דאס וועט ווייזן אז ער האט זיך אויפגעהאדעוועט אין ״תומכי תמימים״

5) יו״ד סרמ״ו סכ״ה (מיומא יט, ב).

און ער פירט זיך אויף ווי א חסיד דארף זיך אויפפירן -

דאס איז קיינמאל ניט געווען א מנהג מקובל מדורי דורות און אפילו ניט בדורנו זה!

"תומכי תמימים" האט קיינמאל אזוי ניט געהאדעוועט; "בית רבקה" האט קיינמאל אזוי ניט געהאדעוועט!

און דאס איז גאר א ווילדע זאך:

די צייט וואס ער האט געקענט אויסנוצן אויף לערנען תורה און מקיים זיין מצוות (תורה, עבודה וגמ"ח) - נוצט ער אויס אויף זאכן וואס זיינען ביי אים אליין "דברים בטלים".

און נוסף צו דעם וואס ער פארנעמט זיין צייט מיט "דברים בטלים" - פארנעמט ער אויך דעם צווייטן'ס צייט, דורך באווייזן א ביישפיל פאר א צווייטן אידן, אז ער זאל זיך אויך נוהג זיין אין דער "ווילדער הנהגה"!

ואין להאריך אין א דבר וואס אין לו כל ממשות, ווייל ס'איז נאר מבטל צייט, במילא ווערט דעמולט א שאלה פון ביטול תורה (מיט אלע שווערע זאכן וואס אין להאריך בזה) - במילא וויל איך ניט אפנעמען די צייט און מאריך זיין אין דעם.

ה. עכ"פ - בנוגע לפועל:

איידער מ'שרייבט א בריוו - ווער עס זאל נאר זיין, אנשים, נשים וטף - זאל מען א טראכט טאן, אז ס'רעדט זיך וועגן א זאך וואס נעמט צו בא זיך (דער שרייבער) צייט, און ס'נעמט צו צייט בא דעם צו וועמען דער בריוו קומט-אן.

און אויב ס'ווערט א שאלה, צי ער האט געהאט רשות אדער ניט געהאט רשות אויף שרייבן - וואס דארף ער ארייננגיין אין ספיקות, און געבן אויף דעם זיין שימת לב און זיין טירחא;

די גלייכסטע זאך איז: אנשטאט ליגן אין ספיקות - ליגן און טאן אין א דבר ודאי: ארויסנעמען א ספר און זיך אוועקזעצן לערנען נגלה אדער חסידות. און טאמער האט ער שוין אלץ אפגעלערנט, און ער ווייסט שוין אלץ, זאל ער זוכן א זאך וואס ער קען טאן מתוך שמחה וטוב לבב - אין הפצת המעינות, אדער אין שאר עניני תורה ומצוותי'.

און דעמולט וועט ער ניט ליגן אין ספיקות, און עאכו"כ אז ער וועט זיך ניט דארפן מאטערן אויפטראכטן זאכן וואס האבן ניט קיין מציאות, און מאכן פון זיי א מציאות, כדי אז ער זאל הייסן א "בריוו-שרייבער", במילא איז ער אן אדם הכי חשוב (א

״יאט-טיבע-דאם״), און דער עיקר אז ער מיינט אז ער פירט זיך לויט ווי ״תומכי תמימים״ האט אים געהאדעוועט.

וכמדובר - אין להאריך בדבר המבהיל.

ובפרט אז מ׳האט שוין גערעדט וועגן דעם כמה וכמה פעמים, און זעלבסטפארשטאנדלעך אז דערווײַלע האט דאס מיר ניט געהאלפן; איך ווייס ניט וויפל דאס וועט מיר איצטער העלפן...אבער עכ״פ, איך קען דאך נאר אויספרואוון נאכאמאל, וכולי האי ואולי, וועט זיין אן ״עת רצון״ מלמעלה און אן ״עת רצון״ מלמטה, און מ׳וועט נוצן די צייט אויף וואס מ׳דארף עס אויסנוצן, לכל לראש - אויף לימוד התורה, ווייל ״תלמוד תורה כנגד כולם״[6], און אויף קיום המצוות און אויף כל ענינים טובים, כולל - הפצת היהדות בכלל און הפצת המעינות במיוחד.

וואס עד כאן איז די ניט געשמאקע און די איבעריקע זאך, וואס מ׳האט דאס געקענט זייער לייכט פארמיידן לגמרי; און איצטער וועט מען זיך אומקערן לעיקר הענין.

*

ו. מ׳שטייט איצטער בא דעם סיום פון א ״כינוס שלוחים עולמי״.

דערפון איז פאראן א לימוד פאר יעדער איד. ד.ה. אז דער לשון ״כינוס שלוחים עולמי״ דריקט אויס אויך דעם כללות ענין השליחות ווי ס׳איז דא בא יעדער אידן, נוסף צו דעם ענין השליחות בא די פרטיות׳דיקע שלוחים (וואס זיינען זיך משתתף אין דעם כינוס).

ובפרט אז דער נאמען פון דעם כינוס איז ״כינוס שלוחים **עולמי**״ (מ׳האט מוסיף אדער עכ״פ מדגיש געווען דעםווארט ״עולמי״). וואס דער ווארט ״עולמי״ איז מעורר וועגן יעדער איד בתוך כלל ישראל (ובמיוחד די וואס האבן באקומען זייער חינוך דורך די שיחות ומאמרי כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו), ווייל ״את **העולם** נתן בלבם״[7].

ז. והביאור בזה: אזוי ווי התורה כללות ופרטות נאמרה[8], אזוי איז אויך אין דעם ענין ה״שליחות״ כללות ופרטות נאמרה.

כללות ענין שליחות:

״תורה צוה לנו משה, מורשה קהלת יעקב״[9] - צו יעדען אידן ווענדן זיך כל הענינים וואס שטייען אין תורת משה. און איינער

---

6) פאה פ״א מ״א. 7) קהלת ג, יא. 8) ראה תניא בהקדמה (ג, ב). וראה חגיגה י, ב. 9) ברכה לג, ד.

פון די ענינים עיקריים וואס שטייען אין תורה איז - אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני[10]. וואס דאס ווערט אויפגעטאן דורך דעם וואס א איד נעמט אויף זיך די שליחות אויף וועלכע זיין נשמה איז געשיקט געווארן מלמעלה ("נשמה שנתת בי טהורה היא, אתה בראתה כו' אתה משמרה בקרבי"[11]) - "לשמש את קוני".

ובפרט, בשעת א איד טראכט וועגן דעם וואס ער זאגט פארן אויבערשטן דריי מאל א טאג בתפלתו, "ונפשי כעפר לכל תהי'"[12], איז דאך פארשטאנדיק אז זיכער מיינט ער דאס, און במילא דארף עס משפיע זיין אויך לאחרי זה. ובפשטות, אז ער פילט ווי ער איז בטל ("ונפשי כעפר") און ווי צו אים ווענדן זיך אלע עניני תורה ומצוות.

אין וואס באשטייט די שליחות פון "לשמש את קוני"? זאגט מען אויף דעם דער ביאור, אז דאס איז דער עבודה פון מתקן זיין את העולם כדי אז עס זאל זיין א דירה לו ית' בתחתונים[13].

און דערביי איז מען מדגיש "תחתונים" ל' רבים, אז דאס מיינט ניט נאר אים אליין, אדער נאר זיינע נכסים, אדער זיינע בני בית וכו'; "תחתונים" ל' רבים מיינט כל העולם כולו, ביז אין אלע פרטים ופרטי פרטים. וואס דאס ווערט אויפגעטאן דורך דעם וואס א איד פירט זיך לויט ווי תורה ווייזט אן און איז אים מסביר ווי צו פירן זיך, כדי צו מאכן א דירה לו ית' בכל עולם הזה התחתון.

אין איינפאכע ווערטער: דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט אז יעדער איד בכל יום ויום וואס ער לעבט אלס נשמה בגוף, זאל האבן אויף זיך די שליחות צו טאן און אויסנוצן כל כחות הנפש וואס ער האט ב"מזומן" (אלס א נשמה בגוף) אויף מאכן אז דער אויבערשטער זאל שוכן זיין בכל עולם הזה התחתון.

ח. און אין דער שליחות - פון מאכן א דירה לו ית' בתחתונים - גייען אריין אלע אידן - אנשים נשים וטף, אז אויב זיי פירן זיך-אויף ווי עס שטייט אין שו"ע, מאכן זיי דורך דעם א דירה לו ית' בעולם הזה התחתון.

וואס דאס רעדט זיך אפילו וועגן א מענטשן וואס ער איז ניט קיין עסקן ציבורי, און בכלל א מענטש וואס לעבט פאר-זיך (מאיזו

---

10) משנה ובריי תא סוף קידושין. 11) נוסח ברכות השחר. 12) תפלת שמו"ע - אלקי נצור. 13) ראה תניא פל"ו.

סיבה שתהי'), ביז וואנעט אז ס'רעדט זיך אפילו וועגן א קליין קינד וואס איז נאך פאר בר-מצוה אדער בת-מצוה, ווי ערקלערט אין תורה בארוכה ובפשטות, כדי אז ס'זאל זיין פארשטאנדיק אפילו צו א פשוט'ער איד (אויף וויפל א איד קען זיין "פשוט").

ווי אזוי קען יעדער איד, און אפילו א קליין קינד בפשטות [אדער א "קליין קינד" אין הבנה והשגה (אבער אין יארן - האט ער שוין א ווייסע בארד)], מאכן א דירה לו ית' בתחתונים?

איז דער ביאור בזה מובן בפשטות: ס'איז א דין אין רמב"ם[14] אז "צריך כל אדם שיראה...כל העולם כולו חציו זכאי וחציו חייב...עשה מצוה אחת הרי הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות, וגרם לו ולהם תשועה והצלה"!

און דער דין איז פארשטאנדיק אין שכל הפשוט (ס'איז ניט אן ענין של "גזירה גזרתי"), ווייל אין שכל הפשוט (אפילו פון א קינד) איז פארשטאנדיק אז בשעת מ'וועט מוסיף זיין אן איין-און-איינציקע נקודה לצד אחד אויף א "משקולת" (א וואג, מאזנים) וועלכע איז שקול - מחצה אזוי און מחצה אזוי - וועט דאס מכריע זיין די גאנצע וואג (לצד אחד). ועד"ז איז פארשטאנדיק אין שכל אז הכל הולך אחר הרוב.

וואס דאס איז פארשטאנדיק אין שכל אנושי אפילו פון א ניט-אידן להבדיל, ועאכו"כ פון א אידן [ווייל ס'רעדט זיך וועגן א הודעה פון תורת אמת, וואס זי איז "דבר ה'", צו דעם "חלק אלוקה ממעל ממש"[15], ווערט דאך א יחוד נפלא שאין כמוהו נמצא כלל, צווישן די הודעה (דבר ה') מיט יעדער אידן].

וע"פ ביאור זה - ווי אזוי א מעשה אחד פון יעדער איד קען ברענגען ישועה והצלה לכל העולם כולו - גיט דאס אויך א פארשטאנד ווי אזוי יעדער איד קען זיין א שליח אויף לעשות לו ית' דירה בתחתונים, בכל העולם כולו.

ט. ע"פ כל הנ"ל, איז מובן די נקודה ה"עולמי" אין דעם ענין ה"שליחות" בכללות -

דאס וואס יעדער איד, ועאכו"כ כלל ישראל, האט אויף זיך דער שליחות צו מאכן א דירה לו ית' בתחתונים, תחתונים ל' רבים, בכל עולם הזה התחתון - "עולמי".

י. עד"ז איז דא דער ענין ה"שליחות" בפרטות (ופרטי פרטיות):

---

14) הל' תשובה פ"ג ה"ד. 15) תניא רפ"ב.

צווישן אידן עצמם זיינען פאראן אויסגעקליבענע אידן וואס בא זיי איז דער ענין השליחות מער בהדגשה און מער בגלוי.

ביז וואנעט אז ס׳איז דא אזוינע וואס מ׳האט בהשגחה פרטית אויסגעקליבן און ממנה געווען אלס א שליח צו נאך א קבוצה פון אידן, אמאל גאר א גרויסע קבוצה, אדער צו א גאנצע שטאט אדער א גאנצע מדינה, וכיו״ב.

און מ׳האט זיי זיכער געגעבן כחות כדי זיי זאלן קענען דורכפירן זייער שליחות, און דורכפירן דאס בשלימות.

וואס זייער שליחות עיקרית באשטייט אין דעם, וואס זיי דארפן מעורר זיין און אויפוועקן די אידן מיט וועמען זיי טרעפן זיך - אז זיי (די אידן) זאלן זיך דערמאנען אויף זייער שליחות, און אויפוועקן אין זיך די כחות וואס זיי האבן אויף צו דורכפירן די שליחות זייערע.

טאקע, אנהויבנדיק פון זיך אליין און פון די אייגענע בני בית, אבער דערנאך אויך בא די אידן ארום, ביז - ״מי שיש לו מנה רוצה מאתיים״[16] - גיין און מוסיף זיין אלץ מערער און מערער (ויש להאריך בכגון זה).

יא. און אין דעם שליחות איז דא אן ענין ״עולמי״ **בפרטות** - כמדובר לעיל (ס״ו), אז דער כינוס השלוחים ווערט אנגערופן ״כינוס עולמי״:

אמת טאקע, עס דארף זיין קשוט עצמך תחילה[17], אבער דערנאך דארף ער טראכטן וועגן דער גאנצער וועלט, ועאכו״כ, אז מ׳האט אים **צוזאמענגעקליבן** אין א ״כינוס״ און מ׳האט אים מודיע געווען אז דאס איז א ״כינוס עולמי״, אז דאס נעמט ארום די גאנצע וועלט.

וואס דער פירוש אין דעם (״כינוס שלוחים עולמי״) איז ניט נאר אז דער שליח איז א טייל פון דער וועלט, און ער האט א שייכות נאר מיט אט דעם טייל׳כל וועלט; נאר דורך דעם וואס ער איז א טייל פון דער וועלט - באקומט ער א שייכות צו כל העולם כולו.

און א שייכות ניט נאר מצד דעם וואס ער האט דעם זכות אין דעם וואס די וועלט ווערט א דירה לו ית׳ בתחתונים, נאר - ער האט א טייל, ביז א טייל ממש - א השתתפות - אין די פעולות אין אידישקייט וואס ווערן אויפגעטאן אין א פינה נידחת, א פינה

16) ראה קה״ר פ״א, יג. פ״ג, י. 17) ב״מ קז, ב.

רחוקה, פון דער וועלט, אן ארט אין וועלכע ער איז קיינמאל ניט געווען, קיינמאל ניט געשיקט אהינצו קיין בריוולעך וכו'.

יב. והביאור בזה:

דורך דעם וואס דער שליח רעדט מיט א אידן במקומו הוא, און דער איד האט דערנאך איבערגעזאגט דעם ווארט צו א צווייטן אידן א.א.וו., וועט דאס סוכ"ס אנקומען דערנאך אויך צו א אידן וואס געפינט זיך אין א פינה נדחת, און דאס וועט האבן אויף אים א ווירקונג.

ווייל דער ווארט איז דאך גענומען געווארן פון תורה, אדער פירושי התורה, אדער פון א פרט שבתורה וכו' וכו', איז במילא פארשטאנדיק אז דער ווארט וועט סוף-כל-סוף פועל זיין פעולתו, און פועל זיין בהתאם צו דעם פון וועמען דער ווארט שטאמט, וואס דאס איז דער אויבערשטער אליין, דער מקור ראשון פון דעם ווארט,

און דערפאר, איז אע"פ וואס דערנאך ווערט דער ווארט איבערגעזאגט דורך די תנאים ואמוראים, און גדולי ישראל שבכל דור ודור, ביז אז דאס ווערט איבערגעזאגט דורך א מלמד דרדקי פון א בן חמש למקרא, וואס זאגט איבער דער ווארט צו א קליין קינד (א אינגעלע אדער א מיידעלע), און דערנאך גייט דער ווארט א דורך, דורך א פיצל קינד

- אעפ"כ, וויבאלד אז דאס רעדט זיך וועגן א ווארט וואס ווערט געזאגט (אפילו) דורך א פיצל (אבער א אידישן) קינד וואס האט א נשמה וואס איז א "חלק אלוקה ממעל ממש", איז פארשטאנדיק ווי אזוי דער ווארט פועל'ט אויף מיטן גאנצן שטורעם.

[און ווי געזאגט פריער (ס"ח), אז אע"פ וואס דאס איז לכאורה א גוזמא הכי גדולה: ס'קומט צו פארן א יונגערמאן אדער א פרוי, א מיידל אדער אן אינגל אלס א שליח במקום מסויים, און מ'זאגט, אז דורך זיין זאגן א ווארט במקום מסויים וועט ער איבערקערן א וועלט, און ער וועט מכריע זיין און ברענגען תשועה והצלה לכל העולם כולו!

מ"מ, לויטן ביאור הפשוט אין דעם ווערט דאס פארשטאנדיק אין שכל הפשוט, און אפילו ביי ניט אידן, ועאכו"כ ביי אן "עם חכם ונבון"[18], כמדובר כמה פעמים.

---

18) ואתחנן ד, ו.

הנחת הת' בלתי מוגה

יג. ועפ״ז איז פארשטאנדיק אז ער האט א חלק אין דער פעולה בפינה נדחת שבעולם, ווייל:

ווען דער ווארט קומט אן צו יענעם אידן וואס געפינט זיך בפינה נדחת - וועט מען זאגן: וועמענס ווארט איז דאס? דאס איז דער ווארט פון אט דעם ערשטן אידן (דער שליח), וואס איז כלול אין דעם ווארט וואס איז אנגעקומען צו דעם אידן וואס געפינט זיך בפינה נדחת, און דעריבער האט דער שליח דורך דעם א חלק ממשי (בגשמיות, ביז בחומריות) בהפצת היהדות, און (אין דעם צווייטן נוסח) אין מאכן א ״דירה לו ית׳״, אין יענער פינה נדחת.

ווי פארשטאנדיק אויך בפשטות: מצד דעם וואס יענער פינה נדחת איז געווארן א דירה צום אויבערשטן, איז דאך ניט שייך דארטן זאגן קיין התחלקות אמיתית, ווייל ״העצם כשאתה תופס במקצתו אתה תופס בכולו״[20], דערפאר איז פארשטאנדיק בפשטות, ווי דער (שליח) וואס זאגט דעם ווארט האט א חלק אין דער דירה וואס איז געווארן - דורך דעם ווארט - אין יענער פינה נדחת,

אע״פ וואס ווען ער האט געזאגט דעם ווארט (דעם ערשטן מאל) האט ער ניט געוואוסט און אפילו ניט געהאט קיין השערה אז זיין ווארט וועט סוף-כל-סוף אהינצו אנקומען.

*

יד. המדובר לעיל - וועגן דער שליחות פון יעדען אידן צו מאכן א דירה לו ית׳ בתחתונים - האט א שייכות מיוחדת מיט פרשת השבוע (כידוע[20] אז מ׳דארף ״לעבן מיט דער צייט״), פרשת תולדות, און אין דער פרשה גופא - מיט חלק הפרשה וואס האט א שייכות צו דעם טאג אין וואך, ובענינינו - יום שני פון פרשת תולדות.

אין דעם סיום פון דעם שיעור חומש שטייט[21]: ״ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים, ויברכהו ה׳״.

והענין בזה, ובהקדים אז יצחק אבינו צייכנט זיך אויס דערמיט (ווי ער זאגט אין מדרש[22]) וואס ער איז דער ערשטער (אויך פון די דריי אבות) וואס ״נימול לשמונה״.

אברהם אבינו איז נימול נאכדעם וואס רוב ימי שני חייו זיינען

19) כש״ט הוספות סקט״ז. 20) ״היום יום״ ב׳ חשון. סה״ש תש״ב ע׳ 29 ואילך. 21) פרשתנו כו, יב. 22) ב״ר פנ״ה, ד.

שוין דורכגעגאנגען[23], ובמילא איז רוב עבודתו געווען קודם שנימול; משא״כ בא יצחק'ן האט זיך זיין עבודה אנגעהויבן לאחרי המילה לשמונה.

והענין:

דער רמב״ם איז מבאר (אין מורה נבוכים[24]) אז דאס וואס מילה איז אפגעלייגט געווארן אויפן אכטן טאג, איז דאס ניט מצד א סיבה צדדית, נאר ווייל פאר דעם אכטן טאג איז ניט מעגלעך דאס טאן:

אזוי ווי א אידישער נפש איז א דבר הכי יקר, און מ'קען דאס ניט אומקערן צוריק, איז דערפאר לייגט מען אפ די מילה ביז ווען ס'איז זיכער אז ס'וועט ניט שאטן דעם קינד ח״ו, וואס דאס איז בשעת ״תחלת כניסת נפש זו הקדושה״ (ווי עס שטייט אין דעם אלטן רבין'ס שו״ע[25]),

אין אנדערע ווערטער, גלייך ווען עס הויבט זיך אן זיין חיים בפשטות אלס א נשמה בגוף (בשעת ״תחלת כניסת נפש זו הקדושה״) - נאר איידער ער ווערט א מחוייב בכל המצוות - קומט תיכף דער ענין המילה, וואס טוט אויף דער קשר, ביז וואנעט אז ס'ווערט איין זאך ממש - זיין גוף, ״בריתי בבשרכם״[26], מיטן אויבערשטן כביכול.

[און דער קשר איז פאראן אויך בא נשים, ווי די גמרא זאגט[27] אז ״אשה כמאן דמהילא דמיא״; דער ״מהילא״ בא זיי איז פונקט אזוי ווי ביי א זכר, כמדובר כמה פעמים דער ביאור הדבר בזה, ואין כאן המקום להאריך בזה].

ד.ה. מצות מילה דריקט אויס די עבודה פון מאכן א ״דירה לו ית' בתחתונים״, אז די דברים גשמיים זאלן זיין פארבונדן מיטן אויבערשטן, עד כדי כך אז קדושה נעמט זיי דורך, און זיי ווערן א דבר קדוש.

[וכידוע[28] אז מצות מילה איז די איינציקע מצוה קודם מתן תורה וואס האט פארבונדן א דבר גשמי מיט קדושה, און אין אן אופן אז מ'האט א נקיטת חפץ של קדושה (בדוגמא ווי לאחרי מתן תורה), משא״כ שאר ענינים גשמיים[29]].

---

23) ראה לך יז, כד. 24) ח״ג ספמ״ט. 25) או״ח מהד״ת סו״ס ד. 26) לך יז, יג. 27) ע״ז כז, א. 28) ראה תוד״ה האי דיינא - שבועות לח, ב. ועי' לשון רש״י עה״פ - חיי שרה כד, ב. 29) בכ״ז ראה לקו״ש חט״ז ע' 213. וש״נ.

און דערפאר, כדי מ'זאל קענען מאכן א דירה לו ית' בתחתונים, דארף פריער זיין בדוגמת זה אין דעם אידן, אז ווען זיין גוף ווערט א דירה צו זיין נשמה, וואס דאס איז ווען ער ווערט אלט אכט טעג, דעמולט קען ער טאן די עבודה פון מאכן א דירה בתחתונים פארן אויבערשטן - קיום מצות מילה.

און דאס איז ענינו פון יצחק:

יצחק איז געווען דער ערשטער פאר מתן תורה (איידער ס'איז געווארן די עבודה פון ממשיך זיין קדושה אין די דברים גשמיים - דירה לו ית' בתחתונים) וואס זיין עבודה האט זיך אנגעהויבן מיט מצות מילה - מאכן א דירה לו ית' בתחתונים (און דערנאך איז געקומען זיין גאנצע עבודה במשך ימי חייו).

טו. על פי זה וועט זיין פארשטאנדיק דאס וואס עס שטייט "ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים ויברכהו ה'":

אע"פ וואס עס איז געווען "הארץ קשה והשנה קשה"[29*], תחתון שאין תחתון למטה הימנו, מ"מ ניט קוקנדיק וואס פאר אן ארץ און וואס פאר א שנה עס זאל נאר זיין, איז - "ויזרע יצחק", יצחק האט פארזייט אן קיינע חשבונות - צי ער וועט מצליח זיין, אדער ס'איז א ספק צי ער וועט מצליח זיין, אדער ספק ספיקא, ווארום בא יצחק (דער ראשון שנימול לשמונה) איז בהדגשה די עבודה פון מאכן א דירה בתחתונים, כנ"ל.

ולהוסיף, אז דאס איז בהתאם צו זיין נאמען יצחק (ווי דער פסוק איז מדגיש - "ויזרע יצחק"), ע"ש - "כל השומע יצחק לי"[30] - מ'האט הנאה צו א קוק טאן אויף אים, ווארום מ'זעט א קינד וואס דער אויבערשטער האט באשאפן זיין גוף און אים אראפגעשיקט א נשמה, "נשמה שנתת בי טהורה היא", כדי ער זאל מאכן א צחוק צום אויבערשטן, ובסגנון אחר - א דירה לו ית' בתחתונים.

און אזוי איז אויך דער לימוד לכאו"א אין זיין עבודת השליחות פון מאכן א דירה לו ית' בתחתונים, אז דאס דארף געטאן ווערן אן קיינע חשבונות, אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אן ארץ קשה, אעפ"כ, אזוי ווי אין שו"ע שטייט אז מ'דארף אזוי טאן - טוט ער אזוי.

ביחד עם זה איז פארשטאנדיק, אז הגם וואס די פעולה עצמה דארף זיין געטאן אן קיינע חשבונות, אעפ"כ, איז דאס ניט אין אן אופן

---

*29) פרש"י עה"פ. 30) וירא כא, ו.

אז דער אויבערשטער זאגט: דו דארפסט טאן, און וואס וועט זיין דערנאך איז דיר ניט נוגע; נאר פארקערט -

תורה דערציילט אים, אז דער אויבערשטער איז אים מבטיח, אז ניט קוקנדיק און וואס פאר אן ארץ און וואס פאר א שנה ער האט פארזייט, איז ״ויברכהו ה׳״ - דער אויבערשטער בענטשט אים, און ניט מיט סתם א ברכה, נאר מיט א ברכה וואס נעמט ארום אלע ברכות, וואס בכללות איז דאס מאה ברכות [און דערפאר איז דער דין שו״ע[31] אז יעדער איד דארף זיך משתדל זיין בכל יום (אפילו בשבת וביום הכפורים וכיו״ב) צו מאכן לכל הפחות מאה ברכות] - ״וימצא מאה שערים״.

ד.ה. אז די ברכה - וואס קומט דורך דער עבודה פון א **יחיד**, יצחק - טוט אויף און איז כולל אין זיך די גאנצע וועלט וכל הברכות כולם. ובפרט ווי רש״י איז דערנאך מפרש (און אז רש״י ברענגט דאס אראפ איז דאס א הוכחה אז דאס איז פארבונדן מיט פשוטו של מקרא) אז ״ורבותינו אמרו, אומד זה למעשרות היי״, אבער לפועל איז דאס צען מאל אזויפיל! - אלף.

און בשעת מ׳האט אלף, ווערט דעמולט א נייער סדר אין א נייער וועלט, כאילו ווי מ׳האט איבערגעמאכט די גאנצע וועלט מתחילתה,

וכידוע אז מספר אלף ווייזט אויף א נייער סדר ודרגא[32], ביז א נייע ״וועלט״. ביז אז אלף (טויזנט) איז אויך דער אפטייטש (אות) אל״ף[33], ווייל נאכדעם וואס מ׳האט אלף (א טויזנט) [דורך דער עבודה פון יעדער פלוני בן פלוני (וואס איז כולל סיי אנשים סיי נשים סיי טף, כמדובר לעיל (ס״ו ואילך)] הויבט זיך דאס אן פון אל״ף - א נייער סדר שלם באופן הנהגת העולם.

און די אלע ענינים וואס ער האט אויפגעטאן ביז דעמולט, זיינען ניט ח״ו לא יחשבו, נאר אדרבה, זיי ווערן א **יסוד** און א **קומה תחתונה** אויף וועלכע עס ווערט געבויט א קומה על גבה. און אזוי איז בשעת ער טוט דאס דעם צווייטן מאל, ווערט דאס א קומה שלישית, און א קומה רביעית, ביז אין-סוף קומות.

וואס זיי אלע ווערן נכלל אין די ד׳ עולמות אבי״ע. מ׳הויבט

---

31) ראה שו״ע אדה״ז או״ח סמ״ו ס״א. 32) ראה לקו״ת ברכה צג, ג ואילך. ס׳ הליקוטים דא״ח צ״צ ערך מספרים, יחידות, עשרות וכו׳, וש״נ. ד״ה ויקח מן זבא ה׳ש״ת. ועוד. 33) ראה ב״ר פ״א, י. ס׳ הערכים חב״ד מערכת אותיות אות א׳ (ע׳ פה). וש״נ.

אן אויפטאן אין עולם העשי׳, און לאחרי וואס מ׳איז משלים די עבודה בעולם העשי׳, קומט די פעולה אין יצירה און דערנאך אין בריאה, ביז אין אצילות. און דערנאך ווען ער האט דעם **ערשטן** סדר השתלשלות פון עולמות אבי״ע בשלימות, הויבט זיך אן דעמולט דער ״עולם **חדש** ראה״[34], אז ער האט די עבודה פון משלים זיין דעם סדר פון עשי׳ יצירה בריאה ואצילות **שלמעלה** מסדר אבי״ע שלפני זה, כמדובר כמ״פ.

טז. און אזוי ווי בא יצחק, אז דורך זיין עבודה אין מאכן א דירה לו ית׳ בתחתונים אן חשבונות איז געווארן ״ויברכהו ה׳״, אזוי איז דאס בא יעדער איד, אז זיין עבודה אין מאכן א דירה לו ית׳ בתחתונים ובאופן פון גיין ״מחיל אל חיל״[35], פון איין וועלט צו א נייע וועלט - ווערט געטאן מתוך בריאות הנכונה בגשמיות - אלע ברכות והצלחות, ובריאות ברוחניות - וואס בכללות איז דאס די ג׳ קוין שעליהם ״העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמ״ח״[36].

און אזוי גייט ער מחיל אל חיל אלס א נשמה בגוף, ביז וואנעט אז דאס ברענגט די גאולה האמיתית והשלימה, און עס ווערט ״לתקן עולם במלכות שד-י״[37].

וואס דעמולט, לאחרי גאולה האמיתית והשלימה, באווייזט מען א איד וואס ער האט אויפגעטאן בעולם הזה **קודם** הגאולה, און ווי דאס האט אים געהאלפן און אים געבראכט צו דער גאולה האמיתית והשלימה,

און דעמולט הויבט זיך ערשט אן עבודה חדשה מיט א סדר חדש, שטייגן מחיל אל חיל ביז אין אן אופן פון אין סוף, ביז צו ״יראה אל אלקים בציון״, ״והוא יכוננה עליון״[38].

יז. בהמשך להמדובר לעיל בנוגע צו די ברכות וואס א איד באקומט פון דעם אויבערשטן (וכמדובר לעיל אין דעם שיעור חומש היומי - ״ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים, **ויברכהו ה׳**״), וועט מען דערמאנען נאך א ענין וואס רעדט זיך אין דער פרשה, אן ענין פון תוספת וריבוי **ברכות** און ווי דאס איז פארבונדן מיט כל העולם כולו (״עולמי״) - ״ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ, ורוב דגן ותירוש״[39].

---

34) ב״ר פ״ל, ח. 35) תהלים פד, ח. 36) אבות פ״א מ״ב. 37) נוסח ״ועל כן נקוה״. 38) תהלים פז, ה. 39) פרשתנו כז, כח.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ווי רש״י טייטשט אפ [וואס דאס באווייזט אז ס׳איז בפשוטו של מקרא], ״יתן ויחזור ויתן״. וואס דאס אונטערשטרייכט דער ריבוי ברכות שבזה - אז די ערשטע ברכה וואס מ׳גיט א אידן איז ״ויתן לך גו׳״, מיט א וא״ו המוסיף, אז מ׳גיט אים מלכתחילה **כפליים לתושי׳**, ניט נאר אן ערשטע ברכה (״יתן״) נאר אויך א **צווייטע** ברכה (״יחזור ויתן״)!

ביז אז די ברכה ותוספת ברכה איז כולל כל סדר השתלשלות כולו - סיי ״מטל השמים״ און סיי ״משמני הארץ״.

און עד כדי כך ווערט די ברכה (אין דעם פסוק) אן ענין כללי - אז דאס איז איינגעשטעלט געווארן, לויט מנהג ישראל תורה הוא[40], אין תפלת ישראל:

ווי אזוי הויבט מען אן די וואכעדיקע פעולות יעדער וואך? איז דאס לאחרי וואס מ׳מאכט ״הבדלה״,

[להעיר, אז הבדלה איז אויך פארבונדן מיט די ד׳ עולמות; הבדלה האט אין זיך דעם ענין פון יין, נר, בשמים און הבדלה - כנגד די ד׳ עולמות].

ולאחרי ״הבדלה״ (און דער ברכה אחרונה, אדער פאר ברכה אחרונה), זאגט מען: ״ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש״.

און דערנאך איז מען מסיים - לויט דעם נוסח פון דעם אלטן רבי׳ן (בסידורו - השוה לכל נפש) - מיטן ענין השלום, וואס בשעת שלום כאן הכל כאן[41].

און נאך פאר דעם (פארן סיום) דערמאנט מען אויך וועגן דוד המלך, נוסף צו דעם וואס מ׳דערמאנט דעם ענין הגאולה כמ״פ לפנ״ז (אין דעם נוסח פון ״ויתן לך״), און דערנאך איז מען מסיים (כאמור) מיטן ענין השלום, וכמה פעמים ״שלום״, און שלום פארבונדן דוקא מיט דוד׳ן.

און ס׳ווערט דערנאך א שלום בכל העולם כולו, אנהויבנדיק פון דעם שלום אמיתי, וואס דאס איז די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, דורך דוד מלכא משיחא [ובפרט אז נאך אמירת ״ויתן

40) ראה שו״ע אדה״ז או״ח סו״ס קפ. סתרצ״ד סט״ז. לקו״ש חכ״ב ע׳ 56 הע׳ 2. וש״נ. 41) ראה פירש״י בחוקותי כו, ו.

לך״ קומט ״סעודתא דדוד מלכא משיחא״].

ועוד וזה העיקר: אז די אלע ברכות קומען גלייך נאך פאר שבת׳ע נאכט, און פאר שבת, און פאר פרייטאג, און אפילו פאר מיטוואך און נאך פאר דינסטאג, ווארום מ׳האלט דאך ערשט אין סיום פון יום השני; וויבאלד אבער אז מ׳האט שוין דעם גאנצן שטורעם פון דעם ״ויברכהו הוי׳״, און א ברכה פון ״מאה שערים״, כולל דעם צווייטן אפטייטש אין דעם, צען מאל (מאה) אזויפיל. און דערנאך אויך ווערט בהמשך הסדרה, ״ויתן לך - יתן ויחזור ויתן״ - איז פארשטאנדיק, אז דאס קען שוין איצטער אלץ מקויים ווערן,

ותיכף ומיד ממש, ומתוך שמחה וטוב לבב.

יח. דערפאר וועט מען אויך מסיים זיין, כמדובר כמה פעמים, מיט דעם ענין הצדקה אין אן אופן פון כפליים לתושי׳ (בהתאם צו ״יתן ויחזור ויתן״).

וואס יעדער ענין פון כפליים איז דאך פארבונדן מיט ענין הגאולה, כמבואר אין די מאמרים פון דעם רבי׳ן מהר״ש[42] (מלכתחילה אריבער) בענין ״אותיות כפולות״, ווי לדוגמא דעם נאמען פון ״צמח צדק״ וואס איז פארבונדן מיט משיח׳ס נאמען - צמח שמו[43].

וואס דורך דערמאנען משיח׳ס נאמען - איז דאס שוין מעורר ומזרז און ס׳ווערט געבראכט אט דער וועמענס נאמען מ׳האט דערמאנט, וויבאלד אז מ׳דערמאנט אים באופן המיוסד ע״פ תורה, וואס זי איז תורת אמת און (אויך) תורת חיים, הוראה בחיים,

ביז אז מ׳ברענגט אראפ בפועל די גאולה ע״י צמח שמו, תיכף ומיד וממש.

און דעמולט גייט מען צוזאמען מיט משיח׳ן, און צוזאמען מיט נשיא דורנו, וכל בני ובנות ישראל, אנשים ונשים וטף, אין אן אופן פון ״שמח״ און ״תשמח״ און ״הקהל״,

און אין אן אופן פון א ״שנה תמימה״ (שנת העיבור), אז אלע ענינים זיינען אין אן אופן פון ״תמים״ מיט אלע פירושים שבדבר, אנהויבנדיק פון דעם פירוש בפשטות:

ס׳ווערט גאנצקייט בא יעדער אידן אין זיין לעבן סיי בגשמיות

42) סה״מ תרכ״ז ע׳ טו. כ. תר״ל ע׳ ט. 43) זכרי׳ ו, יב-ג ובת״י שם.

סיי ברוחניות; א גאנצקייט אין זיין לעבן בנוגע לבני ביתו מיט זיין גאנצע קהילה, מיטן גאנצן עם ישראל. ביז גאנצקייט אין דער גאנצער וועלט, אז ס'ווערט ״לתקן עולם במלכות שד-י״ - א וועלט וואס איז גאנץ מיטן אויבערשטן בורא העולם ומנהיגו.

עאכו״כ ״תמימה״ לויט אלע פירושים פון נשיא דורנו - וואס ער איז געווען דער ״מנהל פועל״ און פון די מייסדים פון ״תומכי תמימים״, און פון כל עניני תמימות,

אנהויבנדיק פון ״תמימות״ בפשטות: א גאנצקייט אין בריאות הגשמית, א גאנצקייט אין בריאות הרוחנית, און גאנצקייט אין אלע נכסים.

ביז די ״תמימות״ וואס איז בהתאם צו א כינוס ״עולמי״ (ווי דערמאנט פריער ס״ו ואילך): מ'קלייבט צוזאמען די גאנצע וועלט מיט זיך (וואס דאס האט יעדער איד בכח), און דערנאך גיין מיט דער גאנצער וועלט, ״בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[44] אנשים נשים וטף, ״קהל גדול ישובו הנה״[45],

ותיכף ומיד ממש ווערט עס אן אויסגעלייזטע וועלט אין אן אופן הכי שלם והכי תמים, כמוזכר לעיל.

וכמדובר - ״ויברכהו הוי׳״, און מיט ״מאה שערים״, ״יתן ויחזור ויתן״,

ותיכף ומיד ממש.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א נתן לכל אחד ואחת מהשלוחים והשלוחות שיחיו ב׳ שטרות של דולר, על מנת לתת אותם (או חילופם) לצדקה. ואח״כ נתן כ״ק אדמו״ר שליט״א כנ״ל לכאו״א מהנוכחים שיחיו].

―――― * ――――

44) בא י, ט. 45) ירמי׳ לא, ז.

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!



נדפס ע"י

משפחת נמדר

הכתובת לחשיג "חתנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש"פ תולדות, ג' כסלו
ה'תשמ"ט

הנחת הת' בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

מפתח

בס"ד. משיחות ר"ח כסלו וש"פ תולדות ג' כסלו ה'תשמ"ט.

א. דובר כמ"פ אודות מעלתו המיוחדת של חודש כסלו — שיש בו ריבוי ימים טובים[1] (שנתגלו[2] במשך הדורות עד לדורנו זה), הקשורים עם הגילוי דפנימיות התורה, ובמיוחד תורת החסידות.

ומהם — על סדר התגלותם במשך הדורות[3]:

חנוכה[4] — שנקבע על נס השמן[5], וידוע[6] ש"שמן" רומז על פנימיות התורה,

י"ט כסלו — חג הגאולה של רבינו הזקן*[6], "ראש השנה לחסידות"[7],

יו"ד כסלו — חג הגאולה של אדמו"ר האמצעי, ועוד.

וכל ימים טובים אלו כלולים בראש חודש כסלו, שנקרא כידוע[8] "ראש חודש" (ולא תחלה), להיותו בדוגמת ה"ראש" שכולל ומנהיג כל אברי הגוף כו'.

ובעומק יותר — ע"פ המבואר במכתבו של אאמו"ר ז"ל[9] שחודש כסלו הוא חודש השלישי מתשרי, ע"ד ובדוגמת סיון חודש השלישי מניסן, שבו הי' מתן תורה, ולא עוד, אלא, שבחודש כסלו יש מעלה יתירה לגבי חודש סיון — כי, בחודש סיון הי' עיקר הגילוי דמתן תורה בנוגע לנגלה דתורה, ואילו בחודש כסלו הי' הגילוי דפנימיות התורה, כמודגש בימים טובים דחודש כסלו[10], כנ"ל.

ומזה מובן, שבבוא חודש כסלו (החל מר"ח כסלו) צ"ל הוספה יתירה בלימוד פנימיות התורה, בפרט תורת החסידות, כולל ובמיוחד הפצת המעיינות חוצה.

ועילוי מיוחד בשנה זו[11] — (א) שנת העיבור, שנה תמימה[12], היינו, שכל

---

1) יותר משאר החדשים במשך השנה (לאחרי חודש תשרי, אותיות רשית, ה"ראש" לכל חדשי השנה). ויש לומר, שמצד ריבוי הימים טובים שבו נעשה כל החודש כמו יו"ט, ועד שפועל גם בחודש מרחשון שלפניו (שאין בו אפילו יו"ט אחד) — שנחשב כמו ערב יו"ט.

2) ויש לומר, שגם לפני שנתגלו הי' בהם עילוי וזכות כו' (בהעלם), ע"ד מארז"ל (תענית כט, א. וש"נ) "מגלגלין זכות ליום זכאי".

ולהעיר ממ"ש אאמו"ר (לקוטי לוי"צ אגרות ע' רכג) ש"כסלו" אותיות "כס לו", כיסוי לו, בחינת המקיף, שעפ"ז יומתק יותר שמעלת חודש זה היתה עוד לפני הזמן שנתגלו הימים טובים (כמרומז בשמו של החודש), אלא, שהיתה באופן של כיסוי והעלם, בבחינת מקיף.

3) אבל, לאחרי שנתגלו — קביעותם בימי החודש היא בסדר הפוך (הביאור בזה — ראה שיחת ש"פ ויצא תשמ"ב. יו"ד כסלו תשד"מ. תשמ"ה. ועוד. וראה לקמן הערה 38).

4) חנוכת חשמונאי בזמן בית שני. ועוד לפנ"ז — גמר והשלמת מלאכת המשכן (יל"ש מ"א רמז קפד).

5) ראה שבת כא, ב ובפרש"י.

6) ראה בארוכה אמ"ב שער הק"ש פנ"ד ואילך.

*6) וקשור גם עם היותו יום ההילולא של המגיד (ראה לקו"ד ח"א קא, א. לקו"ש ח"י ע' 102. ועוד).

7) מכתב כ"ק אדמו"ר (מוהרש"ב) נ"ע — נעתק ב"היום יום" בתחלתו. אג"ק שלו ח"א ע' רנט. וש"נ. וראה לקו"ש ח"י ע' 224 ואילך.

8) ראה לקו"ת דרושי ר"ה נח, א ואילך. עט"ר שער ר"ה בתחלתו. ובכ"מ.

9) לקוטי לוי"צ — אג"ק ע' רה. ריז.

10) ובפרטיות: "הנס על נסתר דתורה הי' בי"ט ובכ"ט ובי' בכסלו, הרי כי הובה נסים היו בחודש זה, שמספר כולם הוא פ"ג, כ"ה י"ט כ"ט י', והמקור והראשון לכולם הוא חנכה (בלא ו') שעולה המספר הנ"ל כו'" (לקוטי לוי"צ שם).

11) נוסף לכך שבכל שנה ושנה צ"ל עילוי והוספה לגבי השנה שלפנ"ז — כהציווי "מעלין בקודש" (ברכות כח, א. וש"נ). וראה אגה"ק סי"ד ש"בכל שנה ושנה יורד ומאיר . . אור חדש ומחודש . . עליון יותר שלא הי' מאיר מימי עולם אור עליון כזה".

12) בהר כה, ל. ערכין לא, א — במשנה. רמב"ם

ענינים אלו צריכים להיות באופן של תמימות ושלימות[13], (ב) שנת המאתיים[14] להולדתו של אדמו"ר הצ"צ (תקמ"ט — תשמ"ט), שבתורתו מודגש ביותר (בריבוי בכמות ובאיכות) החיבור וההתאחדות של נגלה דתורה ופנימיות התורה באופן של "תורה אחת", "תורה תמימה", כמדובר כמ"פ.

ב. מכיון שר"ח כסלו חל בסמיכות לפ' תולדות, ובכמה שנים השבת הראשונה של חודש כסלו היא שבת פ' תולדות (כבשנה זו) — יש לבאר הקשר והשייכות דחודש כסלו לפ' תולדות.

ולכל לראש — בשמה של הפרשה (הכוללת ומורה (ככל שם) על תוכנה של כל הפרשה כולה), "תולדות":

הפירוש הפשוט ד"תולדות" הוא — ענין ההולדה (כמסופר בהפרשה אודות לידת יעקב ועשו[15], לאחרי ההקדמה דנישואי יצחק ורבקה, "בקחתו את רבקה גו' לאשה"), כולל גם (הכח) להוליד בנים ובני בנים כו' עד אין סוף, כמבואר בכ"מ[16] שבענין ההולדה מתבטא גילוי כח האין־סוף בעוה"ז הגשמי.

וענינו בעבודת האדם[17]:

ענין ההולדה (ע"י הנישואין) — מרמז וקאי על כללות העבודה דקיום התומ"צ ע"י נשמה בגוף, כידוע[18] שחיבור הנשמה והגוף הוא דוגמת נישואין, ומזה באה הלידה — "תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים"[19], "מאי[20] פירי מצוות"[21], שעל ידם נמשך ומתגלה בעולם (בכל סדר ההשתלשלות) אור אלקי שלמעלה ממדידה והגבלה (גילוי כח האין־סוף), ועי"ז ניתוסף גם עילוי בהנשמה עצמה[22] — שקודם ירידתה למטה היתה בבחינת עמידה, היינו, במדידה והגבלה, וע"י ירידתה למטה להתלבש בגוף ולקיים תומ"צ נעשית בבחינת מהלך, להתעלות בעילוי אחר עילוי עד לתכלית הדביקות בבחי' עצמות אוא"ס.

וטעם הדבר (שגילוי כח האין־סוף, הן בעולם והן בנשמה, נעשה ע"י קיום התומ"צ) — מכיון שהתומ"צ הם הפנימיות של העולם (שהרי הכוונה דבריאת והתהוות העולם אינה אלא בשביל קיום התומ"צ), להיות ששרשם מבחי' הפנימיות דאוא"ס (משא"כ העולם מצ"ע שהוא מבחי' החיצוניות).

ומזה מובן גם בנוגע לתומ"צ גופא — שעיקר גילוי והמשכת הפנימיות דאוא"ס הוא בפנימיות התורה[23].

ועפ"ז מובן הקשר והשייכות דחודש

הל' שמיטה ויובל פי"ב ה"ה. וראה רשימות הצ"צ לתהילים (יהל אור) ע' סז־ח.

13) ובפרט לאחרי (ובהוספה על) העילוי דשנה שלפנ"ז — שנת הקהל, ושנת תשמח ותְשמח.

14) להעיר מהעילוי דמספר מאתיים — ע"פ מ"ש (שה"ש ח, יב) "האלף לך שלמה ומאתיים לנוטרים את פריו" (ראה אוה"ת שה"ש (כרך ב') ע' תשסא ואילך).

15) כפירוש רש"י: "ואלה תולדות יצחק — יעקב ועשו האמורים בפרשה".

16) ראה לקו"ת שה"ש לט, ד ואילך. סה"מ תרנ"ז ע' קעז ואילך. ד"ה ואתם הדבקים תרפ"ו פ"ד. ובכ"מ.

17) בהבא לקמן — ראה ד"ה להבין ענין הילולא דרשב"י במאמרי אדמו"ר האמצעי (ויקרא ח"ב ע' תרסו ואילך וש"נ). ד"ה זה בסה"מ תרנ"ד ע' רסא ואילך.

18) כי. נשמה וגוף הם דוגמת איש ואשה (ראה זח"א עט, א. קכט, א (בנוגע ליצחק ורבקה). ועוד).

19) ב"ר (פ"ל, ו) ופרש"י ר"פ נח.

20) סוטה מו, סע"א.

21) להעיר גם ממ"ש בפרשתנו (כו, יב) "ויזרע יצחק גו'", דקאי על זריעת התומ"צ, כדאיתא בפרדר"א (רפל"ג) "וכי יצחק זרע דגן ח"ו . . אלא . . זרעו לכם לצדקה" (וראה לקו"ש ח"ה ע' 74).

22) לא רק שיציאתו מן העולם כביאתו לעולם (ראה ב"מ קז, סע"א), שאז, אין תועלת וריוח לנשמה מירידתה למטה, ובלשון חז"ל (שם מ, ב. וש"נ) "זבון וזבין תגרא איקרי" (בתמי').

23) סה"מ תרנ"ד ע' רסה.

כסלו לפ' תולדות — כי עיקר גילוי כח האין־סוף (שזהו"ע ד"תולדות") נעשה ע"י גילוי פנימיות התורה (ענינו של חודש כסלו).

ג. ענין זה מודגש גם בהמשך הפרשה — בנוגע ליעקב, עיקר[24] תולדותיו של יצחק[25]:

א) בענינו של יעקב — "יעקב איש תם[26] יושב אהלים"[27], "אהלו של שם ואהלו של עבר"[28], וידוע[29] שרומז על נגלה דתורה ופנימיות התורה.

ב) בברכת יצחק ליעקב — "ויתן לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש"[30], ואיתא במדרש[31] "מטל השמים זו מקרא, ומשמני הארץ זו משנה, דגן זו תלמוד, תירוש זה אגדה" — כל חלקי התורה, כולל גם פנימיות התורה[32].

ג) בשליחותו של יעקב לפדן ארם — כמ"ש בסיום הפרשה (בשיעור דיום הש"ק) "וישלח יצחק את יעקב וילך פדנה ארם גו'"[33], ובהמשך לזה — התחלת פ' ויצא (שקורין במנחת שבת), "ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה", שבזה נרמז גם המשכת וירידת התורה, כולל גם פנימיות התורה (ענינו של יעקב), מלמעלה למטה, עד ל"חרן" ("חרון אף של עולם"[34]), שזהו"ע דהפצת המעיינות (דפנימיות התורה) חוצה, שעי"ז ניתוסף עילוי בתורה, שנמשך בה בחי' עצמות אוא"ס שלמעלה מהחכמה[35], עד לגילוי ד"תורה חדשה מאתי תצא"[36], מאתי ממש[37].

ד. וענין נוסף בפ' תולדות — הקשור עם ט' כסלו (שמתברך משבת זו), יום ההולדת ויום ההילולא[38] של

---

24) כמ"ש (וירא כא, יב) "כי ביצחק יקרא לך זרע", "ביצחק ולא כל יצחק", יעקב דוקא (נדרים לא, א. וש"נ. וראה רמב"ם הל' נדרים פ"ט הכ"א).

25) וי"ל שמטעם זה מקדים רש"י יעקב לעשו — "יעקב ועשו האמורים בפרשה", אף שנאמרו בפרשה (באופן ש)עשו קודם ליעקב, כסדר לידתם בפועל* — מכיון שעיקר התולדות דיצחק הוא — יעקב. ועצ"ע.

26) ראה לקו"ש לך לך שנה זו ס"ז — מעלת התמימות דיעקב (גם לגבי יצחק ואברהם). ולהעיר מהשייכות המיוחדת לשנה זו — שנה תמימה.

27) פרשתנו כה, כז.

28) ב"ר (פס"ג, יו"ד) ופרש"י עה"פ.

29) אוה"ת פרשתנו קמה, רע"ב.

30) פרשתנו כז, כח.

31) ב"ר (פס"ו, ג) עה"פ.

32) להעיר, ש"מקרא" כולל גם פנימיות התורה (ראה לקו"ת ויקרא ה, ג. שה"ש ג, ג), וכן "אגדה" — ש"רוב סודות התורה גנוזין בה" (אגה"ק סכ"ג). וראה גם אוה"ת פרשתנו (קסא, א) ש"תירוש" רומז ל"יינה של תורה".

ולהעיר גם מד"ה ויתן לך תרס"ו (המשך תרס"ו ע' פה ואילך), שהברכה בתורה קשורה עם העילוי דלוחות אחרונות*, שעל ידם נעשה הגילוי מבחי' תעלומות חכמה, העלם העצמי דחכמה, ועד לתורה כפי שהיא בבחי' שעשועי המלך בעצמותו כפי שיתגלה לעתיד לבוא — עיקר ושלימות הגילוי דפנימיות התורה.

ולהעיר גם מפירוש המדרש (שם) "ויתן לך אלקותו" (וראה המשך תרס"ו ע' צג), וי"ל, שבתורה גופא ("מטל השמים זו מקרא כו'") ה"ז האלקות שבתורה (ע"ד הענין ד"ברכו בתורה תחלה"), שמודגש ביותר בפנימיות התורה.

33) פרשתנו כח, ה.

34) פרש"י ס"פ נח.

35) וי"ל, שזהו"ע ד"תולדות" (גילוי כח הא"ס) בתורה גופא — גילוי והמשכת אוא"ס (למעלה גם מאוא"ס המלובש בחכמה) בתורה גופא.

36) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

37) ראה בארוכה קונטרס משיחות ש"פ ויצא תשמ"ח (ע"ד הספר דרך אמונה) ס"ב־ד. וש"נ.

38) בשנת תקפ"ח, לאחרי גאולתו (בעשירי בכסלו) בשנת תקפ"ז, ואעפ"כ, נקבע בימי החודש בסדר הפוך — ט' כסלו (יום ההסתלקות), ואח"כ יו"ד כסלו (חג הגאולה), כמו שאר המועדים דחודש

---

*) משא"כ ביצירתם, יעקב קודם לעשו — פרש"י פרשתנו כה, כו.

*) להעיר גם מהשייכות לחודש כסלו — חודש השלישי מתשרי, שבו ניתנו לוחות אחרונות (ראה לקוטי לוי"צ אגרות ע' רה).

אדמו"ר האמצעי[39]:

אדמו"ר האמצעי הוא היחידי מכל נשיאי החסידות[40] שאצלו הי' הענין ד"ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום"[41] בפועל ובגילוי ממש, שנולד ונסתלק באותו יום, ט' כסלו.

ומעין זה מצינו גם בנוגע לאבות — שיצחק ("ואלה תולדות יצחק") הוא היחידי מכל האבות שמספר שנות חייו הי' בשלימות ("ממלא שנותיהם"), "מאת שנה ושמונים שנה"[42], משא"כ אברהם שחי "מאת שנה ושבעים שנה וחמש שנים"[43], "קיצר[44] הקב"ה ה' שנים משנותיו ("מת ה' שנים קודם זמנו"[45]) שיצחק חי ק"פ שנה וזה קע"ה שנה", ועאכו"כ יעקב שחי "שבע שנים וארבעים ומאת שנה"[46].

ויש לומר, שהענין ד"ממלא שנותיהם" אצל יצחק ואדמו"ר האמצעי מגלה[47] בנוגע לכל האבות וכל נשיאי החסידות (ועד"ז בנוגע לכל הצדיקים)[48] — שגם אצלם ישנו הענין ד"ממלא שנותיהם"[49], בנוגע לעבודתם כו' [אע"פ שמסיבות שונות[50] לא בא לידי ביטוי במספר השנים דחיים חיותם בעלמא דין, ועד"ז בנוגע לשלימות השנים "מיום ליום", בפועל ממש], היינו, שבמשך מספר השנים שחיו בעלמא דין השלימו כל עניני העבודה דק"פ שנה מיום ליום ("ממלא שנותיהם" כפשוטו)[51].

[ומצינו דוגמא לדבר: רבי אליעזר בן עזרי' — שבהיותו בן י"ח שנה אמר "הרי אני כבן שבעים שנה"[52] ("כבן", "ולא בן שבעים שנה"[53]), היינו, שבמשך י"ח שנה[54] הספיק להגיע לשלימות ד"בן שבעים שנה", ועד"ז מצינו אצל ר' בון בר' חייא ש"למד תורה

כסלו, שסדרם בימי החודש הוא בסדר הפוך מהתגלותם במשך הדורות, כנ"ל הערה 3. ולהעיר מב' הסדרים בריש פרשתנו — "יצחק בן אברהם" ו"אברהם הוליד את יצחק". ואכ"מ.

39) להעיר, שענינו המיוחד של אדמו"ר האמצעי — גילוי והתפשטות תורת החסידות באופן של "רחובות הנהר" (ראה "התמים" ח"ב ע' עח. ועוד) — מרומז בפרשתנו (כו, כב): "ויקרא שמה רחובות".

40) אלו שיודעים בבירור ובוודאות יום הולדתם ויום הסתלקותם.

41) כדרשת חז"ל (ר"ה יא, א. וש"נ) על הפסוק (ר"פ וילך) "בן מאה ועשרים שנה אנכי היום . . היום מלאו ימי ושנותי, ללמדך שהקב"ה יושב וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום כו'".

42) וישלח לה, כח.

43) חיי שרה כה, ז.

44) פרש"י פרשתנו כה, ל.

45) פרש"י לך לך טו, טו.

46) ר"פ ויחי. וראה דעת זקנים לבעלי התוספות (ועוד) ויגש מז, ט (וראה הנסמן בתו"ש עה"פ).

47) דוגמא לדבר: ענינים שהם "אחת בשנה", ואעפ"כ, נמשכים ומתגלים גם בכל השנה.

48) ועד"ז בנוגע לאמהות, הרבניות הצדקניות דנשיאי החסידות, וכל הצדקניות — כדרשת חז"ל בנוגע לשרה, ראשונה שבאמהות: "ויהיו חיי שרה . . יודע ה' ימי תמימים . . כשם שהם תמימים כך שנותיהם תמימים" (ב"ר ר"פ חיי שרה).

49) ומוכח גם מפשטות לשון חז"ל "הקב"ה יושב וממלא שנותיהם של צדיקים כו'" — כל הצדיקים במשמע.

50) כמו באברהם, שהסיבה לכך ש"קיצר הקב"ה ה' שנים משנותיו" היא — כדי שתקויים ההבטחה ד"שיבה טובה" (לך לך שם ובפרש"י. פרש"י פרשתנו שם), שסיבה זו היא דבר טוב כו'.

51) ועאכו"כ בנוגע לצדיקים שהאריכו ימים יותר מק"פ שנה, כמו ישי (מה"ארבעה שמתו בעטיו של נחש" — שבת נה, ב. וש"נ) שהאריך ימים יותר מארבע מאות שנה (ב"ר פצ"ו, ד. וש"נ), ועד"ז ר' פרידא (ראה עירובין נד, ב) — שבודאי היתה אצלם השלימות דק"פ שנה מיום ליום, אלא, שניתוסף על זה עוד אריכות ימים ושנים טובות.

52) ברכות יב, סע"ב — במשנה.

53) שם כח, רע"א.

54) כ"ה בש"ס דילן. ובירושלמי (ברכות פ"ד סוף ה"א) — בן ט"ז שנה (וראה עמודי ירושלים שם). ולגירסת האבודרהם — בן י"ג שנה. ולהעיר מהידוע שבאותה העת נשלמו שנותיו החסרים מגלגול ראשון, גלגול של שמואל שחי נ"ב שנה (ראה סי' האריז"ל בהגש"פ במקומו. וראה הגש"פ שמחת הרגל להחיד"א שם. ועוד) — מתאים לגירסא בש"ס דילן שהי' בן י"ח שנה.

לכ״ח שנה מה שאין תלמיד ותיק יכול ללמוד למאה שנה״[55]].

ולהוסיף, שע״פ הידוע[56] ש״קדושה לא זזה ממקומה״, נמצא, שהענין ד״ממלא שנותיהם״ אצל האבות[57] ונשיאי החסידות נמשך בכל התוקף והשלימות עד עצם היום הזה[58], ובהדגשה יתירה — כשקורין בתורה ״ואלה תולדות יצחק״, שאצלו הי׳ הענין ד״ממלא שנותיהם״ בפועל ובגלוי, ועד״ז בט׳ כסלו, יום ההולדת וההילולא של אדמו״ר האמצעי, שאצלו הי׳ הענין ד״ממלא שנותיהם מיום ליום״ בפועל ובגלוי.

ומזה מובן גם בנוגע לכללות הענין דהתגלות תורת החסידות ע״י רבותינו נשיאינו — הבעש״ט, המגיד, אדמו״ר הזקן, אדמו״ר האמצעי, הצ״צ, אדמו״ר מהר״ש, אדמו״ר מהורש״ב וכ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו — ששלימות עבודתם ופעולתם של כל רבותינו נשיאינו (גם אלו שימי הולדתם והסתלקותם, ימי גאולתם כו׳, חלים בשאר חדשי השנה) היא בכל התוקף והשלימות עד עצם היום הזה, וביתר הדגשה וגילוי — בחודש כסלו, כמבואר לעיל שחודש כסלו קשור עם הגילוי דפנימיות התורה, תורת החסידות, ״אַ חסידישער חודש״.

ה. והנה, כל האמור לעיל הוא בהדגשה יתירה — בגלל המאורע דסיום כתיבת ספר־תורה חדש[59] בר״ח כסלו[60], והתחלת הקריאה בספר תורה זה (בציבור ובפרהסיא, בבית הכנסת ובית המדרש[61], בית שמגדלין בו תפלה ותורה[62]) ביום חש״ק זה:

לכל לראש — הקשר לפרשת השבוע, פ׳ תולדות — כמוזכר לעיל (ס״ג) פירוש המדרש על הפסוק ״ויתן לך האלקים מטל השמים גו׳״, ״מטל השמים זו מקרא״, דקאי (בעיקר) על חמשה חומשי תורה שבס״ת, שהרי, בימיהם היו לומדים מקרא מתוך הס״ת, ועד שגם בדורות שלאח״ז נהגו אחדים מגדולי ישראל לקרות שנים מקרא (ואחד תרגום) מתוך ס״ת כשר[63].

זאת ועוד:

דובר כמ״פ[64] שכל ספר־תורה קשור עם כל ספרי התורה שלפניו, עד לספר־תורה הראשון שכתב משה רבינו[65],

55) קה״ר פ״ה, יא (ה).

56) ראה ע״ח ש״ד פ״ג. של״ד פ״ג. של״ה פ״א. אגה״ק ביאור לסז״ך.

57) ועד״ז בנוגע לאמהות כו׳, כנ״ל הערה 48.

58) נוסף על הלימוד וההוראה ונתינת־כח לכאו״א מישראל* — שגם אצלו יהי׳ מעין ודוגמת הענין ד״ממלא שנותיהם״. וי״ל, שמטעם זה אמר ראב״ע ״הרי אני כבן שבעים שנה״ — כדי שילמדו ממנו כו׳**.

*) כידוע ש״בחי׳ האבות (וי״ל עד״ז בנוגע לאבות החסידות) היא ירושה לבניהם אחריהם בכל דור ודור . . בחי׳ האבות צריך להיות בכל אדם״, משא״כ ״שאר בחינות ומעלות הצדיקים כגון השבטים . . יש לך אדם שאין בו כלל בחי׳ ומדרגות אלו״ (תו״א ר״פ וארא).

) ובפרט בעת אמירת מאמר זה ב״הגדה״ בליל הסדר, ״זמן חרותנו״, שכל בנ״י נמצאים במעמד ומצב של **חירות.

59) לעילוי נשמת הרבנית הצדקנית נ״ע זי״ע, שהותחל בכתיבתה בימי ה״שבעה״ להסתלקותה, ונסתיימה הכתיבה — בהשגחה פרטית — בר״ח כסלו (וראה לקמן ס״ו).

60) שעי״ז ניתוסף גם בהיו״ט ד(ראש)חודש כסלו — ע״ד ובדוגמת שמח״ת, כמנהג ישראל שבסיום כתיבת ס״ת אומרים פסוקי ״אתה הראת״ ועושים הקפות כו׳, ע״ד כמו בשמח״ת (ראה מכתב כ״ק מו״ח אדמו״ר — אג״ק שלו ח״ו ע׳ עג ואילך. וש״נ).

61) בית מיוחד לארון הקודש וספרי־תורה שבו.

62) מגילה כז, רע״א.

63) ראה שער הכוונות ענין ליל ו׳. פע״ח שער הנהגת הלימוד. שו״ע אדה״ז או״ח סרפ״ה ס״ד.

64) ראה קונטרס משיחות ש״פ נח (ס״ב) וש״פ ויק״פ (ס״א) — תשמ״ח. ועוד.

65) ראה רמב״ם בהקדמתו לספר הי״ד. וראה גם צפע״נ עה״ת ר״פ וילך, ובהנסמן שם.

שממנו היו מגיהים כל ספרי־התורה שנכתבו לאח"ז, עד לס"ת חדש זה.

ומזה מובן, שע"י כתיבת וסיום ספר־תורה חדש נעשה חידוש בכללות ענין התורה, ועד לחידוש שהוא מעין ודוגמת והכנה ל"תורה חדשה מאתי תצא", גילוי פנימיות התורה לעתיד לבוא.

ונמצא, שכאשר מסיימים כתיבת ס"ת חדש בר"ח כסלו, התחלת וראש החודש החסידי שבו הי' הגילוי דפנימיות התורה — אזי מודגשת ביותר ההכנה לשלימות הגילוי דפנימיות התורה לעתיד לבוא, "תורה חדשה מאתי תצא".

ו. ויש להוסיף בפרטיות יותר בנוגע לס"ת זה — שנכתב ביזמתן של נשי ישראל[66] **לעילוי נשמת אשה צדקנית בישראל:**

פ' תולדות — עם היות שנקראת ע"ש "תולדות יצחק", מסופר בה (לא רק אודות יצחק, אלא גם[67]**) כו"כ מאורעות אודות רבקה, כולל גם מעלתה המיוחדת של רבקה אפילו לגבי יצחק.**

וכמה פרטים בזה:

בהתחלת הפרשה — "ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו ורבקה אוהבת את יעקב"[68], היינו, שרבקה דוקא הכירה את מעלתו האמיתית של יעקב לגבי עשו.

ובהמשך הפרשה — בשיעור דיום החמישי, ר"ח כסלו — אריכות הסיפור אודות ברכותיו של יצחק, שכאשר רבקה שמעה שיצחק רוצה לברך את עשו, השתדלה ביותר[69] ופעלה שיעקב יקבל ברכותיו של יצחק[70].

ועד"ז בסיום הפרשה — "ותאמר רבקה אל יצחק קצתי בחיי מפני בנות חת אם לוקח יעקב אשה מבנות חת גו'"[71], ולכן, "ויקרא יצחק אל יעקב ויברך אותו ויצוהו גו' קום לך פדנה ארם גו' וקח לך משם אשה מבנות לבן אחי אמך"[72], היינו, שרבקה השתדלה בכל הקשור לשידוך של יעקב, ועי"ז הקים את בית ישראל באופן ש"מטתו שלימה"[73].

ונמצא, שבפ' תולדות מודגשת מעלתה של רבקה לגבי יצחק, מעלת האמהות לגבי האבות, כפי שמצינו גם

---

66) וזיכו רבים מישראל, נשים ואנשים, ע"י ההשתתפות בממונם עבור הוצאות כתיבת הס"ת, ועאכו"כ אלו שטרחו בגופם בעשיית המעיל וכו' באופן של נוי והידור — "זה א-לי ואנוהו .. התנאה לפניו במצוות .. ספר תורה נאה" (שבת קלג, ב).

67) ואדרבה — בנוגע ליצחק עצמו, הרי, כו"כ ענינים הכי עיקריים נאמרו כבר בפרשיות שלפנ"ז, החל מלידתו, ענין העקידה (עולה תמימה — תכלית השלימות), ועד לנישואיו*, ואילו בפרשתנו מסופר אודות "תולדות יצחק" — ע"י רבקה דוקא.

*) לאחרי העקידה שאז נכנסה בו נשמה חדשה — נוקבא דדכורא, ועי"ז הי' יכול להיות אצלו ענין הנישואין וההולדה כו' (ראה אוה"ת בראשית (כרך ב') תלב, סע"א ואילך; ועפ"ז יומתק שלאחרי העקידה נתבשר שנולדה רבקה בת זוגו (פרש"י ס"פ וירא).

68) כה, כח.

69) ועד למסירת־נפש, שהיתה מוכנה לקבל על עצמה היפך הברכה ח"ו — "עלי גו' בני" (פרשתנו כז, יג).

70) ועד לקבלת הברכה בפועל — "ויתן לך האלקים מטל השמים וגו'" — בשיעור דיום הששי, ששייך גם לר"ח, כי, בקדשים הלילה הולך אחר היום (חולין פג, סע"א).

71) כז, מו.

72) כח, א ואילך.

73) לא כאברהם שיצא ממנו ישמעאל, ולא כיצחק שיצא ממנו עשו (ויק"ר פל"ו, ה. ועוד). וי"ל, שמהחילוקים שבין יצחק ליעקב (שיצחק יצא ממנו עשו ויעקב מטתו שלימה) — שהשידוך של יצחק נעשה ע"י השתדלותו של אברהם*, ואילו השידוך של יעקב נעשה ע"י השתדלותה של רבקה, מצד מעלת האמהות על האבות, כדלקמן בפנים.

*) נוסף לכך שההתעסקות בפועל היתה ע"י אליעזר, עבד אברהם, ולא ע"י אברהם (או יצחק) בעצמו

בנוגע לאברהם[74] שאמר לו הקב"ה "כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה"[75], ומזה נמשך גם אצל כל אשה בישראל, בת שרה רבקה רחל ולאה, "כאמה בתה"[76], שהיא "עקרת הבית", שתתנהג בביתה בדוגמת הנהגת האמהות דכל בית ישראל.

ויש להוסיף, שגם בראש חודש (כסלו[77]) — שבו סיימו כתיבת הס"ת — מודגשת מעלתן של נשי ישראל — שהרי, "הנשים נוהגות שלא לעשות בו (בר"ח) מלאכה"[78], "לפי[79] שלא רצו נשים ליתן נזמיהן לבעליהן[80] במעשה העגל לכך נתן להם הקב"ה שכרן שיהיו משמרות ר"ח יותר מהאנשים"[81].

ז. וביאור הענין[82]:

מהחילוקים שבין האבות לאמהות — שאצל האמהות מודגשת יותר הירידה לברר עניני העולם, משא"כ האבות שמצד עצמם הם למעלה מהעולם[83], ופעולתם בעולם באופן המתאים נעשית ע"י האמהות דוקא.

וזהו הביאור בדברי אברהם "לו ישמעאל יחי' לפניך"[84], וכן יצחק שרצה לברך את עשו — כי, להיותם למעלה מהעולם, ראו את ישמעאל ועשו כפי שהם בשרשם למעלה כו', משא"כ שרה ורבקה, שאצלם מודגשת הירידה לברר העולם[85], ראו את ישמעאל ועשו כפי שהם בעולם למטה, ולכן אמרה שרה לאברהם "גרש האמה הזאת ואת בנה כי לא יירש בן האמה הזאת עם בני עם יצחק"[86], וכן רבקה שאהבה את יעקב, והשתדלה שיקבל את הברכות כו'.

ומזה מובן גם בנוגע לגילוי תורת החסידות (בחודש כסלו) — שבזה מודגשת ביותר הירידה לברר העולם, כי, מצד התגברות החושך בעולם הוצרך להיות הגילוי דפנימיות התורה, עד לגילוי באופן של הבנה והשגה ("יתפרנסון"[87]) בתורת חסידות חב"ד, ובאופן ד"יפוצו מעינותיך חוצה" דוקא — שפעולתם של נשיאי החסידות קשורה עם (ונפעלת על ידי) הרבניות הצדקניות, ע"ד ודוגמת פעולת האבות ע"י האמהות[88].

74) ועד"ז מצינו ביעקב — "וישלח יעקב ויקרא לרחל וללאה גו'", ורק לאחרי ש"ותען רחל ולאה ותאמרנה לו גו'", אזי "ויקם יעקב וישא את בניו ואת נשיו גו' לבוא אל יצחק אביו ארצה כנען" (ויצא לא ד־יז).

75) וירא כא, יב.

76) ל' הכתוב — יחזקאל טז, מד.

77) להעיר, שגם בימים טובים דחודש כסלו מודגשת מעלתן של נשי ישראל — בחנוכה, ש"על ידי אשה נעשה הנס" (פרש"י שבת כג, רע"א). וי"ל עד"ז בנוגע למועדים החסידיים — מסירת נפשה של הרבנית הצדקנית מרת דבורה לאה (בתו של רבינו הזקן ואמו של הצ"צ) להצלת אילנא דחייא דתורת החסידות (ראה לקו"ד ח"ד תרסו, א ואילך).

78) טושו"ע או"ח סתי"ז.

79) טור שם — מפדר"א פמ"ה.

80) אע"פ ש"אשה כשרה עושה רצון בעלה" (תדבא"ר פ"ט. רמ"א אה"ע סו"ס סט).

81) כולל גם יותר משבט לוי, שלא השתתפו בחטא העגל, ואפילו משה רבינו שהי' בהר כו'.

82) בהבא לקמן — ראה לקו"ש ח"ה ע' 339 ואילך. וש"נ.

83) להעיר, שאברהם ושרה וכן יצחק ורבקה הם דוגמת נשמה וגוף (ראה לעיל הערה 18).

84) לך לך יז, יח.

85) מכיון ששרשם למעלה משרש האבות (ראה לקו"ת שה"ש טו, ג. אוה"ת חיי שרה קכג, ב).

86) וירא כא, יו"ד.

87) תקו"ז ת"ו (בסופו). וראה לקו"ש חכ"ד ע' 136 הערה 35. וש"נ.

88) להעיר, שמעלת האמהות לגבי האבות היא מעין ודוגמת העילוי דלעתיד לבוא ש"נקבה תסובב גבר", "אשת חיל עטרת בעלה", ומפני שהאבות הטעימן מעין עולם הבא, הי' אצלם גם בחי' זו שהיו מקבלים מהאמהות (לקו"ת ואוה"ת שבהערה 85). ומזה מובן גם בנוגע לנשיאי החסידות — שעל ידם נעשית ההכנה לגילוי פנימיות התורה לעתיד לבוא.

וכאמור, ענין זה הוא בהדגשה יתירה בחודש כסלו ובפ' תולדות — שכל עניני האבות, אבות החסידות, וכן האמהות והרבניות הצדקניות, ישנם בכל התוקף והשלימות ("קדושה לא זזה ממקומה"), ופועלים פעולתם כו' (כנ"ל ס"ד).

ח. ההוראה מכל האמור לעיל — בנוגע למעשה בפועל:

בעמדנו בהתחלת חודש כסלו, שבו הי' הגילוי דפנימיות התורה, תורת החסידות — יש להוסיף ביתר שאת וביתר עוז בלימוד תורת החסידות (נוסף על השיעורים הקבועים בנגלה דתורה) והפצתה חוצה.

ובנוגע לפועל — בכל יום ויום מימי חודש כסלו[89] ילמדו (ומה טוב — ברבים) ענין (נוסף) בתורת החסידות, ומה טוב — מתורתם של ג' אבות החסידות, הבעש"ט[90], המגיד ואדמו"ר הזקן, ומי שיש ביכלתו — יוסיף וילמד גם מתורתם של כל רבותינו נשיאינו עד לתורתו של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

ונוסף על הלימוד בעצמו — ישתדל כאו"א גם בהפצת המעיינות חוצה, לפעול על עוד יהודים שיעשו כן.

ומובן, שכל זה שייך גם לנשים, הן בנוגע ללימודן בעצמן, והן בנוגע לפעולתן על עוד נשים בישראל, ובפרט ע"פ האמור לעיל אודות גודל מעלתן של נשי ישראל, דוגמת האמהות כו', גם בנוגע לגילוי תורת החסידות, כנ"ל.

ט. זאת ועוד:

לארגן התוועדויות חסידיות במועדים וימים טובים החסידיים[91] (אנשים בפ"ע, ונשים בפ"ע) בכל מקום ומקום, הן במקומות הקרובים והן במקומות הרחוקים (בגשמיות, ועאכו"כ ברוחניות, שבהם צריכה להיות השתדלות יתירה, כיתרון האור מן החושך), הן בחוץ לארץ והן (ועאכו"כ) בארץ ישראל, ובודאי — בד' אמותיו של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, ממלא מקומם של כל נשיאי החסידות, אשר (יה"ר, אשר) בקרוב ממש (עוד לפני יו"ד כסלו וי"ט כסלו כו') יקבעו ד' אמות אלו בארץ ישראל[92].

ולכל לראש — המועד הקרוב בזמן — חג הגאולה יו"ד כסלו, שחל בשנה זו ביום הש"ק הבעל"ט, שיחגגוהו בכל מקום ומקום באופן המתאים, ומתוך "שטורעם" דקדושה, כולל ובמיוחד — לעורר אודות ההוספה בלימוד תורת החסידות והפצת המעיינות חוצה.

וכדי שיהי' בסדר מסודר (ביחד עם ה"שטורעם" דקדושה) — יש להתחיל ההכנות לזה בעוד מועד, כולל גם — הפירסום עד"ז בכל מקום ומקום.

י. ויה"ר שקבלת החלטות טובות בכל הנ"ל תמהר ותזרז ותביא תיכף ומיד את השכר — אתי מר דא מלכא משיחא ע"י הפצת המעיינות חוצה[93].

וזוכים להמשכת כל הברכות — "ויתן לך האלקים מטל השמים וגו'", ברכות הכי נעלות[94], כולל גם הברכה

---

89) ומזה יומשך גם בימים שלאח"ז — כמודגש גם בימי חנוכה (ענין השמן שבתורה, פנימיות התורה), שהתחלתם בסיומו של חודש כסלו, והמשכם בחודש טבת.

90) להעיר מהתחלת צוואת הריב"ש, "להיות תמים בעבודתו יתברך" — ענין השייך ביותר לשנה זו, שנה תמימה.

91) ועד"ז בימי חנוכה, שהם גם "ימי שמחה" (רמב"ם הל' חנוכה פ"ג ה"ג), כמדובר כמ"פ בשנים שלפנ"ז.

92) ראה מגילה כט, א.

93) ראה אגה"ק דהבעש"ט — כש"ט בתחלתו. ובכ"מ.

94) ראה סידור (עם דא"ח) שער התקיעות בסופו. ובכ"מ.

הכי עיקרית — גאולה האמיתית והשלימה, ע"י משיח צדקנו[95], שאז יתגלה שלימות התענוג והצחוק העליון, ענינו של יצחק[96], ולכן, לעתיד לבוא יאמרו ליצחק דוקא "כי אתה אבינו"[97].

וכן תהי' לנו — ש"מיד הן נגאלין"[98], "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[99], האנשים והנשים והטף, ובפרט — בשכרן של נשים צדקניות (שעל ידן תהי' הגאולה — כימי צאתך מארץ מצרים[100]), כולל גם פעולתן בנוגע לכתיבת הספר־תורה החדש, שרוקדים עמו (ביחד עם כל ספרי התורה) לקבל פני משיח צדקנו, וללמוד תורה מפיו, "תורה חדשה מאתי תצא".

וכל זה — תיכף ומיד ממש, ובמילא, בבוא העשירי בכסלו, יחוגו את חג הגאולה ביחד עם בעל הגאולה, נשמה בגוף, ביחד עם כל רבותינו נשיאינו והרבניות הצדקניות, כדאיתא בזהר[101] שצדיקים קמים לתחי' מיד, ואז תהי' השמחה בשלימותה — "שירה העשירית"[102].

ובתור הכנה והתחלה — ינגנו עתה הניגון "שיבנה בית המקדש", וכן הניגון "פדה בשלום נפשי" (הניגון המיוחד דמועדי הגאולה בחודש כסלו)[103], אשר, שלימות הענין ד"פדה בשלום נפשי" תהי' בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, כמבואר בארוכה במאמרי אדמו"ר האמצעי[104] (בעל הגאולה דיו"ד כסלו).

והעיקר — שיהי' "פדה בשלום נפשי" בפועל ממש, ו"שיבנה בית המקדש" בפועל ממש, ותיכף ומיד ממש.

---

95) ראה אוה"ת פרשתנו (קס, א ואילך) ש"ויתן", "יתן ויחזור ויתן", רומז לגילוי פנימיות עתיק דלעתיד לבוא, ו"טל השמים" רומז גם לטל תחי' דלעתיד לבוא, ו"תירוש" רומז ליין המשומר כו'.

96) ראה תו"א ר"פ פרשתנו, ובארוכה תו"ח שם.

97) שבת פט, ב. נת' בתו"א ותו"ח שם.

98) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.

99) בא יו"ד, ט.

100) ראה סוטה יא, ב: "בשכר נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו ישראל ממצרים". ולהעיר, שדור האחרון, דורנו זה, הוא גלגול של הדור שיצאו ממצרים (ראה שער הגלגולים הקדמה כ. ל"ת וספר הליקוטים שמות ג, ד).

101) פרשתנו קמ, א.

102) ראה מכילתא בשלח טו, א. תנחומא שם. שם יו"ד.

103) תהלים נה, יט — בשיעור תהלים חדשי דעשירי בכסלו, ובשיעור תהלים יומי (כפי שנחלק לימי השבוע) די"ט כסלו שחל בפעם הראשונה ביום השלישי בשבוע (נתבאר בארוכה בלקו"ש חכ"ה ע' 160 ואילך).

104) ד"ה פדה בשלום בשעה"ת ח"א.

בס"ד. שיחת ש"פ תולדות, ג' כסלו ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

השלמות לשיחה א'

א. מ'האט גערעדט אין די פריערדיקע טעג אז מ'שטייט איצטער בתחלת חודש כסלו, מיט די אלע ענינים פארבונדן דערמיט, ווי גערעדט פריער, און אין די פריערדיקע יארן, און ווי עס שטייט אין ספרים.

דעריבער, דארף מען דאס יעצט ניט איבער'חזר'ן, מערניט ווי דערמאנען וועגן דעם עיקר - המעשה הוא העיקר[1], און ניט נאר רעדן וועגן דעם, נאר דער עיקר - זיך פירן און טאן אזוי **במעשה בפועל**.

ובעניננו - די ענינים אין מעשה בפועל פארבונדן מיט חודש כסלו בכלל, ובפרט אין א שנה תמימה, וואס קומט בהמשך צו א שנת הקהל ושנת תשמח ותשמח, און פארבונדן אויך מיט דער פרשה - פ' תולדות, וכדלקמן[2].

ב. בנוגע צו פרש"י בריש פרשתנו - איז דא א "קלאץ קשיא":

אויף "ואלה תולדות יצחק" איז רש"י מפרש "יעקב ועשו האמורים בפרשה". דארף מען פארשטיין: פארוואס איז רש"י משנה פון דעם סדר "האמור בפרשה" אז פריער שטייט עשו און דערנאך יעקב, בהתאם צו סדר לידתם, און ער רעכנט זיי בסדר הפוך "יעקב ועשו"?

לכאורה וואלט מען געקענט ענטפערן לויט דברי רש"י ווייטער[3], אז יעקב "נוצר ראשונה", מיט די גאנצע אריכות בפרש"י שם - איז דאס אבער א קשיא מיט א תירוץ; די קשיא איז אבער: פארוואס דארף רש"י אריינגיין אין דעם גאנצן ענין, און ניט שרייבן בפשטות "עשו ויעקב האמורים בפרשה". ובפרט אז רש"י איז מדייק "האמורים בפרשה", ניט אין פרש"י נאר אין "פרשה", און אין פרשה איז דער סדר פריער עשו און דערנאך יעקב[4]?!

ג. דערנאך איז רש"י ממשיך בפירושו [ובדפוס ראשון איז דאס א המשך (אין דעם זעלבן דיבור המתחיל) צו דעם וואס רש"י שרייבט פריער, "יעקב ועשו האמורים בפרשה"; אבער בכל אופן איז דאס א צווייטער ענין אין פרש"י]: "אברהם הוליד את יצחק - ע"י שכתב הכתוב יצחק בן אברהם הוזקק לומר אברהם הוליד את יצחק לפי שהיו

---

1) אבות פ"א מי"ז. 2) בשיחה המוגהת - נדפסה לעיל. 3) כה, כו. 4) המשך לזה - ראה בשיחה המוגהת הערה 25.

ליצני הדור אומרים מאבימלך נתעברה שרה שהרי כמה שנים שהתה עם אברהם ולא נתעברה הימנו, מה עשה הקב״ה צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם והעידו הכל אברהם הוליד את יצחק, וזהו שכתוב כאן יצחק בן אברהם שהרי עדות יש שאברהם הוליד את יצחק״.

שטעלט זיך א ״קלאץ קשיא״: דער פירוש רש״י איז ״פארשפעטיקט געווארן״ מיט צוויי פרשיות - דאס באלאנגט פריער אין פ׳ וירא[5] וואו עס רעדט זעך וועגן לידת יצחק און אז דער אויבערשטער האט געמאכט א נס אז ״היניקה בנים שרה״, ״שהיו אומרות לא ילדה שרה אלא אסופי הביאה מן השוק״[6], ובהמשך ענין זה - האט רש״י געדארפט באווארענען דער נס אז ״צר קלסתר פניו כו׳״ בכדי באווארענען די ליצני הדור. פארוואס איז דאס רש״י ערשט מפרש בפרשתנו?

און אע״פ אז דער יסוד פון רש״י איז פון דעם וואס שטייט אין פסוק ״יצחק בן אברה אברהם הוליד את יצחק״ - ווערט די שאלה אויפן פסוק: פארוואס שטייט דא ״בן אברהם אברהם הוליד את יצחק״ - דאס באלאנגט פריער בא סיפור לידת יצחק?

ויש להאריך בכל זה.

[בענין השייכות בין פ׳ השבוע וחודש כסלו]:

ג. און דער קשר פון פרשת השבוע מיט חודש כסלו - איז נאך געווען פאר דעם וואס די ימים טובים בחודש זה זיינען נתגלה געווארן בפועל, פאר נס חנוכה ועאכו״כ פאר די חסיד׳ישע ימים טובים - ווארום קריאת התורה איז נתתקן געווארן דורך משה רבינו (אויך די קריאה בשני וחמישי עאכו״כ ביום השבת)[7] [וכידוע די צוויי מנהגים וואס זיינען געווען בסיום התורה - בשנה אחת אדער בשלשה וחצי שנים[8]].

* * *

השלמה לשיחה ג׳

[בענין מעלת האמהות]:

ד. און פון רבקה אמנו - און פון אלע אמהות - ווערט נמשך כח צו יעדער איד, ובפרט צו יעדער אשה בישראל, וועלכע איז א בת שרה רבקה רחל ולאה, דאע״פ אז אלע אידן, אויך אנשים, זיינען בני שרה רבקה רחל ולאה, איז דאס אבער בהדגשה יתירה בנוגע צו

5) כא, א ואילך. 6) שם, ז ובפרש״י. 7) רמב״ם הל׳ תפלה פי״ב ה״א. 8) שם רפי״ג.

נשי ישראל, כמ״ש כאמה בתה[9].

ווי מ׳זעט עס אויך בפשטות בנוגע צו דער השפעה אויף נשי ישראל, אז אע״פ וואס אלע אידן, אויך אנשים, קענען און דארפן משפיע זיין אויף אנדערע אידן בעניני תומ״צ וכו׳, זעט מען אבער אז מיט נשים קען אן אשה מערער אויפטאן און מער מצליח זיין ווי אן איש.

* * *

ה. מ׳קומט איצטער און מ׳האלט בא דעם סיום פון דעם כינוס השלוחים העולמי - וואס האט זיך אנגעהויבן פאריקן שבת. ובפרט אז מ׳דארף נאך מסיים זיין אן ענין בדפוס בקשר מיט דעם כינוס, וואס מ׳וועט דרוקן בסמיכות ממש, וידוע פתגם הצ״צ אז דפוס איז לדורות[10].

ויש לקשר זה (ענין השליחות) אויך מיט דער פרשה, וואס דארטן רעדט זיך וועגן שליחות יעקב - ״וישלח יצחק את יעקב גו׳״.

און ווי מ׳האט גערעדט בארוכה פאריקן שבת, אז בכללות איז יעדער איד א שליח פון דעם אויבערשטן, וואס דער אויבערשטער האט אראפגעשיקט זיין נשמה למטה - ״נשמה שנתת בי״ (וכל הנותן בעין יפה נותן[11]) - צו מאכן א דירה בתחתונים.

וואס אע״פ אז דאס איז א ירידה לכאורה, איז אבער ירידה צורך עלי׳: בנוגע צו דער נשמה למעלה שטייט חי הוי׳ אלקים אשר עמדתי לפניו[12], בבחי׳ עמידה, וואס דאס איז טאקע ביטול - אבער אין אן אופן פון עמידה; דוקא דורך דער שליחות למטה ווערט די נשמה א מהלך[13], זי ווערט נתעלה העכער פון דעם ארט פון וואנעט זי האט יורד געווען, ביז צו א ״דרגא״ וואס איז העכער פאר גדר עליון ותחתון, וואס דאס (די עלי׳) קען אויפגעטאן ווערן בשעתא חדא וברגעא חדא, ובפרט דורך עבודת התשובה (וכמדובר אין די לעצטע וואכן).

ו. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב פארשידענע ענינים, זאלן איצטער ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך און דעם זמן ומקום, און מזמין זיין די מסובים כאן זיי זאלן אין דעם משתתף זיין.

---

9) יחזקאל טז, מד. 10) אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ב ע׳ שפב. 11) ב״ב נג, ב. וש״נ. 12) מלכים א יז, א. 13) ראה תו״א ס״פ וישב. ובכ״מ.

וואס דאס וועט נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה,

און עס וועט זיין די שלימות פון "ויצא יעקב מבאר שבע", דער חיבור פון ביידע פירושים שבזה - הליכה מלמטה למעלה און הליכה מלמעלה למטה, שניהם יחד ובבת אחת: עס וועט זיין א דירה בתחתונים, אז אין תחתון שאין תחתון למטה וועט זיין דער גילוי שאין למעלה ממנו, ביז העכער פאר אלע גילויים.

וואס דאס איילט מען נאכמער צו דורך דער עבודה בזמן הגלות, ובפרט אין אונזער דור, וואס איז דער לעצטער דור אין גלות און דער דור הגאולה, כמובן פון די אלע סימני הגאולה, אז מ'האלט שוין איצטער גלייך פאר דער גאולה, און דער דור וועט ברענגען די גאולה; מ'שטייט טאקע כננס על גבי ענק, אבער ס'איז על גבי ענק, העכער פאר דעם ענק.

ובקרוב ממש טאנצט מען אריין אין דער גאולה האמיתית והשלימה, צוזאמען מיט דער שירה עשירית, וואס עשירי איז כולל אלע ענינים.

ויש לקשר זה מיט עשירי בכסלו, וואס קומט אויס (בשנה זו) בשבת הבאה.

וכל זה - במהרה בימינו ממש ולא עכבן אפילו כהרף עין.

[לאחרי חלוקת המשקה - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

[דובר כאן ע"ד ההוראות למעשה בפועל - א) ללמוד מאמרי רבותינו נשיאינו בכל יום מחודש כסלו, ב) עריכת התוועדות בכל מקום בעשירי בכסלו]:

ז. און די התוועדויות בעשירי בכסלו זאל מען מאכן בכל מקום ומקום, אויך אין מקומות רחוקים בגשמיות און אפילו רחוקים ברוחניות. ואדרבה: אין די מקומות רחוקים ברוחניות - ביתר שאת וביתר עוז, מצד די מעלה פון יתרון האור מן החושך ויתרון המתיקות כו'.

ועד"ז בכללות - זאל יעדערער טאן כל התלוי בו (אנהויבנדיק פון דעם מוצאי שבת, בסעודתא דדוד מלכא משיחא) עס זאל זיין דער שיבנה ביהמ"ק במהרה בימינו.

הנחת הת' בלתי מוגה

ובהתאם לזה - זאל מען איצטער זינגען דעם ניגון (שיבנה ביהמ״ק), און דערנאך דער ניגון ״פדה בשלום נפשי״ וואס איז פארבונדן מיט ימי חודש כסלו.

ויה״ר אז עס זאל זיין ״פדה בשלום נפשי״ בפשטות ובשלימות, בגאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש, תיכף ומיד ממש.

כ״ק אדמו״ר שליט״א צוה לנגן ״שיבנה ביהמ״ק״. ואח״כ - ״פדה בשלום נפשי״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

——— * ———

הנחת הת׳ בלתי מוגה

לזכות

כ״ק אדמו״ר שליט״א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ״י שליט״א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת ״מיהו יהודי״, ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי — התגלות מלך המשיח — נאו!

נדפס ע״י

משפחת נמדר

הכתובת לחשיג ח״יתנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 0-3-9606887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ ויצא, יו״ד כסלו
ה׳תשמ״ט

●

הנחת התי׳ בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

בס"ד. שיחת ש"פ ויצא, יו"ד כסלו ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

השלמות לשיחה א'

[בענין המבואר כד"ה פדה בשלום לאדמו"ר האמצעי]:

א. ווי ס'איז שוין געדרוקט אין זיין ספר שערי תשובה[1] - וואס דער בעל הגאולה אליין האט געגעבן צום דרוק בחיים חיותו בעלמא דין[2] - ואותיות בהירות,

און אין דעם גופא (די הארה ובהירות) קומט צו א הוספה משנה לשנה, באופן פון "מעלין בקודש".

[בהמשך להקשר דיו"ד כסלו עם פ' ויצא]:

ב. בנוגע צו פרש"י ריש פרשתנו - יש לעורר אויף א "קלאץ קשיא":

רש"י שטעלט זיך אויף "ויצא יעקב" און איז מפרש: "על ידי שבשביל שרעות בנות כנען בעיני יצחק אביו הלך עשו אל ישמעאל הפסיק הענין בפרשתו של יעקב וכתיב[3] וירא עשו כי ברך וגו', ומשגמר חזר לענין הראשון".

דארף מען פארשטיין:

א) די אריכות אין פרש"י - פארוואס רש"י איז אזוי מאריך אין וואס עס באשטייט דער הפסק ("על ידי שבשביל שרעות בנות כו' הלך עשו אל ישמעאל", וואס דאס ווייסט שוין דער בן חמש אליין פון דעם וואס ער האט ערשט געלערנט בס"פ תולדות) און שרייבט ניט בקיצור, אז "הפסיק הענין בפרשתו של יעקב כו'", ע"ד ווי רש"י שרייבט בקיצור אין פ' וארא[4] "מתוך שהזכיר משה ואהרן הפסיק הענין...למדנו האיך נולדו"?

ב) מקומו פון פרש"י זה האט געדארפט זיין בס"פ תולדות - דארטן וואו "הפסיק הענין", און ניט דא לאחרי "שגמר" און "חזר לענין הראשון".

ג) מ'דארף אויך פארשטיין בעצם הענין: רש"י איז פריער מפרש אז דער פסוק וועגן חתונת עשו קומט לערנען שנותיו של יעקב -

---

1) ח"א מט, א ואילך. 2) בשנת תקע"ז. וראה נוסח השער להוצאה הראשונה, נעתק ברשימת דפוסי שערי תשובה שנדפס בהוצאת קה"ת תשד"מ בסופו. 3) תולדות כז, ו. 4) ו, יג.

״למדנו שהי׳ יעקב באותו הפרק בן ס״ג שנים וכו׳ ולמדנו מכאן שנטמן בבית עבר י״ד שנה כו׳״, ווי רש״י איז מאריך בזה.

וואס לויט דעם איז ניט מובן וואס רש״י זאגט ״על ידי שבשביל שרעות בנות כנען בעיני יצחק אביו הלך עשו אל ישמעאל הפסיק הענין״ - ס׳איז ניט קיין הפסק (בשביל שרעות בנות כנען בעיני יצחק), נאר בכדי לערנען וועגן שנותיו של יעקב ווי רש״י איז אליין מפרש?

נאר דאס גופא צריך ביאור: פארוואס קומט דא דער פסוק טאקע לערנען וועגן שנותיו של יעקב - למאי נפק״מ?

אפילו אויב דאס איז נוגע צו וויסן וועגן די כ״ב שנה וואס יוסף פירש מאביו (ווי רש״י איז ממשיך) - האט דאס רש,י געדארפט מפרש זיין אויף ״אלה תולדות יעקב יוסף״[5], אבער וואס איז דאס נוגע דא?

נאכמער: למאי נפק״מ בכלל מספר שנות יעקב? מ׳געפינט ניט אז תורה זאל דערציילן אלע פרטי המעורעות פון די אבות (חוץ פון די ענינים עיקריים), ועאכו״כ ניט די יארן ווי אלט די אבות זיינען געווען בא פרטיות׳דיקע מאורעות,

[מלבד דארטן וואו עס קען ווערן א שאלה. ווי בנוגע צו דעם וואס אברהם האט געלעבט קע״ה שנה, און ניט ק״פ שנה ווי יצחק אבינו - ווערט דערביי די שאלה: וויבאלד אז ״אלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק״, אז יצחק איז געווען דומה לאברהם, ביז אז ס׳איז געווען א נס אז ״צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם״ ווי רש״י איז מפרש (וואס דאס גופא צריך ביאור) - ווערט די שאלה פארוואס זיי זיינען ניט געווען דומה בשני חייהם? דערפאר איז רש״י מפרש[6] דער טעם פארוואס אברהם האט געלעבט קע״ה שנה, בכדי עס זאל מקויים ווערן הבטחת ה׳ ״שיבה טובה״[7]].

[בענין יו״ד כסלו וי״ט כסלו]:

ג. וויבאלד אז יו״ד כסלו קומט פאר י״ט כסלו בימי החודש, בהשגחה פרטית - באווייזט דאס אז יו״ד כסלו איז אויך א הכנה צו י״ט כסלו (נוסף צו די ענינים אין יו״ד כסלו מצ״ע), אע״פ אז אין סדר המאורעות איז די גאולה פון י״ט כסלו געווען פאר ז׳ער גאולה פון יו״ד כסלו. ובפרט ע״פ הידוע אז מגלגלין זכות ליום

5) וישב לז, ב. 6) תולדות כה, ל. 7) לך טו, טו.

זכאי[8], איז מובן אז יו״ד כסלו איז פריער געווען א יום סגולה, נאר דערנאך איז דאס ארויס בגילוי בשעת דער גאולה פון דעם מיטעלן רבי׳ן.

[סיום השיחה]:

ד. און אלע אידן גייען אין ארץ ישראל, ״ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה״[9], און אין אן אופן פון ״ירחיב ה׳ אלקיך את גבולך״[10], באופן של הרחבה, ובהדגשה ביו״ד כסלו - די גאולה פון דעם מיטעלן רבי׳ן, וואס ענינו איז ״רחובות הנהר״, ובפרט בשנה זו וועלכע איז א שנת הרחבה - א שנה מעוברת, וואס פארמאגט מער טעג פון א שנה רגילה, סיי פון א שנת הלבנה און אויך פון א שנת החמה.

און דאס טוט אויף א הרחבה אין אלע ענינים, כולל אויף אין פארענטפערן די אלע ״קלאץ קשיות״ הנ״ל (אין פרש״י), און ניט מיט סתם אן ענטפער, נאר אין אן אופן פון ״רחובות הנהר״.

ועוד והוא העיקר - אז כל זה זאל זיין במעשה בפועל, אנהויבנדיק פון דער מעשה צו מאכן פארברענגענס און מוסיף זיין אין לימוד החסידות במשך דעם חודש, ובענין שהזמן גרמא - די התוועדות פארבונדן מיט יו״ד כסלו, וואס איז שוין געווען (ווי ס׳איז אנגעקומען די בשורה טובה) בליל שבת, סיי ביי אנשים און סיי בא נשים, און ס׳איז געווען בהצלחה רבה, זאל מען עס דערנאך ממשיך זיין לאחרי התוועדות זו, און דערנאך במוצאי שבת וכו׳.

ביז מ׳קומט צו דער מעשה העיקרית - די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש.

* * *

השלמות לשיחת ב׳

[בהשאלה למה דחה יעקב חתונתו י״ד שנה ושהה בבית עבר]:

ה. און כאטש אז יעקב איז ״איש תם יושב אהלים״[11], האט ער שוין געלערנט תורה א ריבוי שנים ביז איצטער, איז איצטער האט ער גלייך געדארפט מקיים זיין הוראת יצחק ורבקה צו חתונה האבן. אנשטאט דעם זעט מען אז וואס האט ער געטאן - ער האט זיך געזעצט לערנען תורה נאך פערצן יאר!

און אויך דערנאך זייענדיק בא לבן האט ער אפגעשטופט נאך זיבן יאר, אע״פ וואס ער האט געקענט מאכן א תנאי מיט לבן אז פריער וועט ער חתונה האבן און דערנאך וועט ער פאר אים ארבעטן, בכדי

8) תענית כט, א. וש״נ. 9) עקב יא, יב. 10) ראה יב, כ. שופטים יט, ח.
11) תולדות כה, כז.

פאלגן די הוראה פון זיינע עלטערן (ער זאל חתונה האבן), לקיים מצות כבוד אב ואם [וואס דאס איז געווען אויך בא בני נח, ווי רש"י איז מפרש בס"פ נח בנוגע צו דער כיבוד אב פון אברהם צו תרח, ביז אז דערפאר איז דער פסוק משנה דעם סדר, כמבואר שם].

און אויב יעקב וואלט געלייגט דער תנאי, וואלט לבן קיין ברירה ניט געהאט און געמוזט נאכגעבן יעקב'ן, ווייל ער האט געוואלט זיין ארבעט. ובפרט אז רבקה וואלט זיך אויך געקענט משתדל זיין מיט איר ברודער לבן'ען בענין זה.

ותן לחכם ויחכם עוד.

* * *

השלמות לשיחה ג'

[בהמשך להמדובר ע"ד סיום הס"ת ע"י נשי ובנות ישראל]:

ו. בקשר מיט דעם סיום ספר תורה האט מען אויך געגעבן צדקה בגשמיות וברוחניות, און אויך אנגענומען החלטות טובות, און זיי זיינען ארויס אויך בדפוס, און זיכער וועט מען זיי מקיים זיין בפועל,

און אויך כדאי - אז מ'זאל דאס מפרסם זיין בכל מקום ומקום, ועאכו"כ אין ארץ הקודש, שממנו יראו וכן יעשו. ואפילו אויב ס'איז דא א ספק בדבר, איז אויך כדאי מפרסם זיין, ווארום דאס רעדט זיך וועגן תורתנו הקדושה, וואס היא חיינו ואורך ימינו.

און וויבאלד אז די החלטות זיינען אנגענומען געווארן בקשר מיט א התוועדות ברבים, האט עס נאכמער תוקף.

ז. ובהמשך לזה איז כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח אלקים ואנשים[12] פאר פארשידענע ענינים (א התחלה אדער סיום אין אן ענין של [illegible] תפלה אדער צדקה, וכיו"ב) - זאלן ארויפגיין למעלה, און מסביר זיין וועגן וואס עס רעדט זיך און מזמין זיין די מסובים.

ויה"ר אז דאס זאל אלץ זיין באופן הכי טוב והכי ישר והכי מצליח.

און אלע אידן צוזאמען גייען בקרוב ממש אין ארץ הקודש, ובפרט דורך דעם "בזעקיך יצילוך קיבוציך"[13] - קיבוץ גליות פון אלע אידן, ומתוך שמחה וטוב לבב, שמחת עולם על ראשם[14], אין אן אופן פון "הקהל את האנשים והנשים והטף"[15].

---

12) שופטים ט, יג. 13) ישעי' נז, יג. 14) שם לה, י. נא, יא. 15) ראה וילך לא, יב.

[לאחרי חלוקת המשקה - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

ח. קודם הסיום - זאל מען זינגען דעם ניגון ״פדה בשלום נפשי״, כרגיל אין די פריערדיקע טעג פון חודש כסלו, ולפני זה - זינגען דעם ניגון ״שיבנה ביהמ״ק״, און ״ניעט ניעט ניקאווא קראמי יעווא אדנאווא״.

ונוסף צו די ניגונים - איז כאן המקום צו נאכאמאל דערמאנען זיך און אלע ארום וועגן די הוספה בלימוד תורת החסידות און די פארברענגענס פון אנשים נשים וטף - במשך חודש כסלו, און א פאברענגען אין אן אופן אז דאס זאל ברענגען די ענינים אין מעשה בפועל.

וכל זה - מתוך בריאות הגוף והנשמה,

און מ׳גרייט זיך צו דער גאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

ניגנו ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. ״ניעט ניעט ניקאווא״. ״פדה בשלום נפשי״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

*

לעילוי נשמת

ר׳ משה בן ר׳ יוסף ע״ה

פארס

נפטר ט״ז כסלו תשד״מ

ת.נ.צ.ב.ה.

*

נדפס ע״י

בתו מרת **חנה** ובעלה ר׳ **נתנאל**

ובנם **אהרן מאיר** שיחיו

שלאש

הכתובת לחשיג ״יחנחות״

באה״ק: ועד חנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 03-9606887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7PAX (329)

שיחת
ש"פ וישלח טו"ב כסלו
ה'תשמ"ט

הנחת הת' בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

בס"ד. שיחת ש"פ וישלח, טו"ב כסלו ה'תשמ"ט.

הנחות הת' בלתי מוגה

תשלמות לשיחה א'

[בענין הלימוד מ"ושמתי את זרעך גו"", שפעולת הפצת המעינות חוצה צ"ל באופן דפעולה נמשכת, שיש לה המשך וקיום נצחי (ע"ד מצות פו"ר)]:

א. ס'איז ניט גענוג אז א איד זאל טאן אן איין-מאליקע זאך, און דערנאך אוועקגיין טאן אנדערע זאכן, נאר פון יעדער זאך וואס ער טוט דארף זיין א פעולה נמשכת, ביז אז דערפון זאלן ארויס פירות ופירי פירות.

אזוי אויך אין דער עבודה פון הפצת המעינות חוצה, איז ניט גענוג אז ער טוט אין דעם אן איין-מאליקע פעולה, און דערנאך גייט ער אוועק טאן אנדערע פעולות אין הפצת המעינות, אבער די ערשטע פעולה שלו האט ניט קיין המשך - נאר יעדע פעולה שלו דארף האבן א המשך, ביז אז דערפון זאל ארויס פירות ופירי פירות.

ולדוגמא: בשעת מ'איז מייסד א שיעור אין תורה, דארף דאס זיין אין אן אופן אז דאס נעמט דורך די משתתפים אין דעם שיעור עד כדי כך, ביז אז זיי ווערן נרות להאיר, און זיין מייסד נאך א שיעור, און אין אן אופן אז דער שיעור האט אויך א פעולה נמשכת.

[סיום השיחה]:

ב. און דורך הפצת המעינות חוצה [ובפרט אין א שנה תמימה, וועלכע קומט נאך א שנת תשמח ותשמח און שנת הקהל] ווערט קאתי מר דא מלכא משיחא, און אלע אידן גייען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, אין ביהמ"ק השלישי, אין קדש הקדשים, וואס דאס (קדש הקדשים) איז פארבונדן מיט תורה - די לוחות הברית וואס געפינען זיך אין דעם ארון שבקדה"ק - וואס דאס איז די דרגא פון יעקב אבינו [משא"כ די אנדערע אבות, אברהם ויצחק, זיינען פארבונדן בעיקר מיט אנדערע חלקים אין ביהמ"ק], און אין תורה גופא - פנימיות התורה;

און וויבאלד אז עס דארף זיין יפוצו מעינותיך חוצה, וואס קדש הקדשים איז דער מקור פון תורה בכלל, ובפרט פון די מעינות פון פנימיות התורה - ווערט אויך "יפוצו" פון בחי' קדה"ק - אז דאס ווערט נתפשט אין גאנץ ביהמ"ק און אין ירושלים און אין ארץ ישראל, ביז אויך אין חוצה ממש - אין חוץ לארץ, בכל העולם

כולו.

ובפרט דורך דעם וואס מ׳טוט די עבודה אין חוץ לארץ פון ״מאך דא ארץ ישראל״[1], וואס דאס שטייט נאכמער בהדגשה אין דעם זמן בסמיכות לי״ט כסלו, און אין דעם מקום - דער ביהכנ״ס וביהמ״ק פון נשיא דורנו, וועלכער האט שוין געמאכט פון דעם ארט ״ארץ הקודש״.

און צוזאמען מיט דער ביהכנ״ס וביהמ״ד און אלע בתי כנסיות ובתי מדרשות[2] - פליט מען[3] אלע אריין אין ארץ ישראל, אין ירושלים, אין ביהמ״ק, אין קדש הקדשים,

תיכף ומיד ממש, ומתוך שמחה וטוב לבב.

* * *

ג. אין דעם ענין פון ״פדה בשלום נפשי מקרב לי כי ברבים היו עמדי״ - וואס איז פארבונדן מיט דער גאולה פון י״ט כסלו און יו״ד כסלו - זיינען פאראן כמה פירושים ודרגות, כמבואר אין די דרושים עה״פ.

איין פירוש בזה איז - דער פירוש הפשוט בדברי דוד: אז אע״פ וואס ער האט געהאט מלחמות (קרב), איז דערנאך געווארן ״פדה בשלום נפשי״, א פדיי ״מן המלחמות הבאים עלי״[4].

א העכערן ענין אין דעם, אז די פדיי בשלום איז אין אן אופן פון ״כי ברבים היו עמדי״, ווי עס שטייט אין ירושלמי[5], אז די אנשי אבשלום האבן מתפלל געווען פאר דוד (אע״פ וואס ס׳איז געווען א מצב של מלחמה און אבשלום עצמו איז געווען א מנגד בפשטות צו דוד, און דוד האט געדארפט אנקומען צו דער הילף פון יואב וכו׳).

און נאך א העכערן פירוש בזה[6], (ניט אז דער שלום קומט נאך דער פדיי, נאר) אז די פדיי עצמה איז אין אן אופן פון ״בשלום״, אז עס ווערט א פדיי פון דעם גאנצן ענין פון ״קרב״, באופן אז מ׳דארף לכתחילה ניט אנקומען צו קיין מלחמה, ווייל דער מנגד ווערט אליין נתבטל בלי שום מלחמה. אזוי ווי דאס איז געווען בזמן שלמה [וואס אע״פ אז דוד האט געזאגט ״פדה בשלום נפשי״, איז דאס אבער דערנאך נמשך געווארן צו שלמה בנו באופן נעלה יותר],

---

1) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ תפה. 2) ראה מגילה כט, א. 3) ראה דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א. 4) פרש״י תהלים נה, יט. 5) סוטה פ״א ה״ח. 6) ראה ד״ה פדה בשלום - בשערי תשובה (לאדהאמ״צ) ח״א (שער התפלה) פי״א.

אז שלום הי' בימיו[7], און אלע מנגדים זיינען נתבטל געווארן לגבי שלמה אן קיין מלחמה.

קומט אויס, אז עס זיינען אין דעם פאראן בכללות דריי דרגות ותקופות: (א) דער מצב פון "מקרב לי" - די מלחמות וואס זיינען געווען בזמן דוד. (ב) דער "פדה בשלום נפשי" בזמן דוד, אז אין דעם מצב פון קרב איז געווארן "שלום", ביז אין אן אופן אז אויך אנשי אבשלום מתפללים עבורו. (ג) דער "פדה בשלום" בזמן שלמה - א שלום בשלימות, אן קיין קרב ומלחמה.

ואע"פ אז שלימות השלום איז געווען בזמן שלמה, האט מען דערצו געדארפט אנקומען צו דער הקדמה פון עבודת דוד המלך און די מלחמות וואס ער האט געפירט ביז דער שלום וואס איז ארויס בזמנו ע"י המלחמה. ווי מ'זעט עס בנוגע צו דעם בית המקדש, אז אע"פ וואס דוד האט ניט געקענט בויען דעם בית המקדש בפועל, ווארום "דם לרוב שפכת"[8], נאר דאס האט געדארפט זיין ע"י שלמה בנו וועלכער איז געווען אן איש מנוחה - האבן אבער די הכנות לבנין הבית געדארפט זיין ע"י דוד (וואס דאס איז אן עיקר אין ביהמ"ק, אז עס זאל זיין א בית מוכן להקריב בו קרבנות), ביז אז תבנית הבית איז געווען דורך דוד ("מיד ה' עלי השכיל"[9]), און נאכמער: ניט נאר דער תבנית הבית, נאר אויך דער בית אליין - די פתיחת שערי הבית און דורך דעם די עבודה אין ביהמ"ק, האט ניט געקענט זיין (אפילו לאחרי ווי שלמה האט געזאגט "שאו[10] שערים ראשיכם") ביז מ'האט דערמאנט זכות דוד[11].

ד. וויבאלד אז התורה היא נצחית[12], איז פארשטאנדיק אז די דריי ענינים (תקופות) זיינען פאראן אויך אין עבודת האדם.

ויש לומר הענין: לכל לראש דארף זיין די עבודה פון סור מרע[13] - לאפרושי מאיסורא קדום לכל דבר. וואס דאס איז בדוגמא די מלחמה וקרב פון דוד - די ערשטע תקופה הנ"ל. דערנאך קומט די עבודה פון ועשה טוב[13], וואס דאס קומט לאחרי הנצחון וביטול הרע - בדוגמא ווי די שלום בזמן דוד לאחרי המלחמה. דערנאך קומט די עבודה פון "בקש שלום ורדפהו" - א שלום בתכלית השלימות (בלי שום מלחמה), וואס דאס איז מחבר די ביידע עבודות פון סור מרע און עשה טוב, אז מ'איז מהפך דער רע לטוב (או ניט נאר מבטל הרע).

און די דרגא פון "בקש שלום"[13] דארף זיך הערן גלייך בתחלת

---

7) ראה דה"א כב, ט. 8) שם, ח. 9) שם כח, יט. 10) תהלים כד, ז. 11) שבת ל, א. 12) ראה תניא רפי"ז. 13) תהלים לד, טו.

העבודה (אזוי ווי אין פסוק קומט ״פדה בשלום״ פאר אלע ענינים) - וואס דאס איז די עבודה פון קבלת עול מלכות שמים, וואס קומט פאר אלץ (אויך פאר סור מרע), די כללות׳דיקע קבלת עול צו אננעמען אלץ וואס מלכות שמים וויל, צי דאס איז סור מרע, צי עשה טוב וכו׳.

[בענין חלוקת הש״ס בי״ט כסלו]:

ה. ומפני צוק העתים ולאו כל מוחא סביל דא - צוטיילט מען ש״ס צווישן כמה וכמה, וואס דורך דעם וואס יעדערער איז מסיים זיין מסכת, ווערט דאס פאררעכנט ווי אלע האבן מסיים געווען גאנץ ש״ס. ע״ד ווי דער דין אין הלכות שבת[14], אז א מלאכה וואס ״זה אינו יכול וזה אינו יכול״ און זיי האבן דאס אפגעטאן צוזאמען, ווערט דאס פאררעכנט פאר יעדערן אז ער האט געטאן די גאנצע זאך (און אויב נאר איינער טוט די מלאכה איז ער פטור).

[בהמשך לענין ששים המה מלכות - ששים מסכתות]:

ו. ויהי רצון אז עס זאל נתגלה ווערן בכל העולם כולו דער ענין המלכות - אז דער אמת׳ער בעה״ב אויף די גאנצע וועלט איז דער פסק דין פון רבנים, ״מאן מלכא רבנן״[15], ביז אז מ׳זעט ווי דאס ווערט מקויים אין עוה״ז הגשמי והחומרי, בכל העולם כולו, אין אלע קכ״ז מדינה זעט ווי ווי ״ויהי בימי מלך״ - מאן מלכא רבנן״, כולל אין דעם ענין פון גיור כהלכה, כמדובר כמ״פ בארוכה ואין כאן המקום להאריך בדבר המצער.

[בענין השייכות דגיור כהלכה לא רק לחוג מסויים ביהדות, אלא צורך והכרח של עם ישראל כולו]:

ז. ווארום די מציאות פון יעדער איד (אנשים נשים וטף) איז - צי ער פארשטייט דאס אדער ניט - אז ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אפגעריסן פון אלקות[16], און די וועג צו זיך פארבינדן מיטן אויבערשטן - איז דורך תורתו הקדושה (אורייתא), וואס איז מחבר ישראל און קודשא בריך הוא[17].

ח. דער אמת איז אבער, אז דאס איז נוגע ניט נאר צו אידן (וואס דאס האט מען שוין געוואוסט פון לאנג), נאר אויך צו גויים, ווארום דורך דעם וואס מ׳נארט אים אפ און מ׳איז אים מגייר שלא כהלכה, איז מען מבלבל דער תפקיד ושליחות שלו וואס ער דארף מקיים זיין בעולם (נוסף לזה וואס מ׳נארט אים אפ) - היפך הצדק

14) שבת צב, ב ואילך. רמב״ם הל׳ שבת פ״א הט״ז. 15) ראה גיטין סב, סע״א. 16) ״היום יום״ כ״א סיון. 17) ראה זח״ג עג, א.

והיושר והאנושיות לגמרי!

יעדער מענטש וויל לעבן א באקוועמען לעבן, וואס דאס איז דורך דעם וואס ער לעבט א נארמאלן לעבן, וואס נארמאל הייסט - דוקא בשעת ער פירט זיך אויף בהתאם צו דער תקפיד ושליחות וואס דער איבערשטער האט אים געגעבן, וואס דאס איז דוקא בשעת א איד לעבט ווי א איד און א גוי לעבט ווי א גוי - דעמולט האבן זיי א נארמאלן לעבן, ובמילא א באקוועמען לעבן. משא״כ אויב מ׳איז דאס מבלבל - קומען דערפון ארויס דער גרעסטער אומגליק, ווי מ׳זעט עס שוין אויך בפועל.

וואס דעריבער, איז דער תיקון החוק, נוגע צו אלעמען - סיי צו אידן און סיי צו גויים.

יארן צוריק האט מען זיך געקענט איינרעדן, אז דער תיקון החוק האט א שייכות נאר צו פלוני בן פלוני און נאר צו א חוג מסויים, אבער איצטער זעען אלע ווי דאס איז נוגע לכל העולם כולו.

[בהמשך לזה, שההצבעה בנושא מיהו יהודי בכלל אינה שייכת לגויים]:

ט. פונקט ווי קיינער וואלט ניט ניט געזאגט, אז בכדי זיין א מוסלאמענער, זאל מען גיין פרעגן ביי א אידן ווי מ׳זאל דאס טאן. זיכער דארף מען גיין פרעגן ביי א מומחה באותו ענין, ווי מ׳ווערט א מוסלאמענער און ווי ניט.

[סיום השיחה]:

י. ויהי רצון אז עס זאל זיין דער ״פדה בשלום נפשי מקרב״, דער נצחון אין דעם ענין פון מיהו יהודי, אין אן אופן אז מ׳דארף דערצו ניט אנקומען צו קיין מלחמה.

ביז צו דער ״פדה בשלום״ עיקרי - גאולה האמיתית והשלימה ובנין ביהמ״ק השלישי, ותיכף ומיד ממש, אך אין דעם שבת, ווארום דער ביהמ״ק איז בנוי ומשוכלל למעלה און דארף נאר נתגלה ווערן למטה[18],

ובפרט אין שבת עצמו - בזמן רעוא דרעוין, ועאו״כ בסעודתא דדוד מלכא משיחא, במוצאי שבת קודש, ח״י כסלו, וואס עיקר ענינו פון דוד מלכא משיחא איז - די גאולה האמיתית והשלימה, ותיכף ומיד ממש.

* * *

[בענין ״עמדו הכן כולכם״]:

יא. דער ענין פון ״עמדו הכן כולכם״ - סיי בנוגע צו א רבים און סיי בנוגע צו א יחיד - אע״פ ואס כל השנה זמנו הוא, זיינען אבער

פאראן זמנים מיוחדים ווען ס'איז דא אויף דעם א התעוררות מיוחדת, סיי בנוגע צו א רבים און סיי בנוגע צו א יחיד.

ווי מ'זעט בפועל, אז עס זיינען פאראן מצבים ביי א יחיד ווען ביי אים איז דא א הדגשה מיוחדת אויף שטיין אין אן אופן פון ״עמדו הכן כולכם״, [ער זאל צוזאמענקלייבן זיינע כחות, ״בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך״[19], זיינע ריבוי עניני מחשבה דיבור ומעשה, און זיינע ריבוי ענינים בכלל, אויך עניני חול [כפס״ד הרמב״ם[20] בנוגע צו די עשרה דברים (מספר השלם) אין וועלכע א חכם איז ניכר].

צווישן די זמנים מיוחדים לזה איז אויך אין חודש כסלו.

און אין חודש כסלו עצמו - איז מתאים אז אין דעם יום אחד פון י״ט כסלו זאל זיין בעיקר דער ״עמדו הכן כולכם״ פון יעדער יחיד אין זיינע ענינים, און אין די ריבוי ימים, שמונה ימי חנוכה [שבעת ימי ההיקף און דער יום השמיני השומר את ההיקף] - בעיקר דער ״עמדו הכן כולכם״ פון א רבים.

אין דעם קומט צו נאך אן ענין:

מ'האט דאך צוטאן מיט דער ״קלוגינקער״. וואס בשעת מ'רעדט אז מ'זאל זיך צוזאמענקלייבן און איינער זאל מעורר זיין דעם צווייטן וכו' - איז איינער פון די גרעסטע טענות פון דעם ״קלוגינקן״ איז: מי שמך לראש אויף מיר, ביז אז איפכא מסתברא וכו'!

וואס דערצו איז אן עצה, אז דער ״עמדו הכן כולכם״ פון כו״כ ביחד זאל זיין אין די שמונת ימי חנוכה, וואס דאס וועט באווארענען די אלע טענות, ווייל מ'האט כו״כ ימים, און יעדער טאג קען א צווייטער זיין דער יושב ראש און הויפט רעדנער וכו' [משא״כ אין דעם יום אחד פון י״ט כסלו, וועט ווערן די שאלה מי בראש, דעריבער איז יום זה מערער מתאים צו דער עמדו הכן כולכם פון א יחיד, וואס בנוגע צו זיך אליין איז דאך ניטא די טענה מי בראש].

[סיום השיחה]:

יב. ויה״ר אז נאך אין די לעצטע רגעים פון גלות זאך זיין ״לישב בשלוה״, אזוי ווי ס'איז געווען בא יעקב - אז בקשתו ״לישב בשלוה״ איז מקויים געווארן אין מצרים, ״ויחי יעקב בארץ מצרים

18) ראה סוכה מט, א וברש״י ותוס' שם. 19) ואתחנן ו, ה. 20) הל' דיעות רפ״ה.

שבע עשרה שנה״, זיינע בעססטע יארן, וכל הגלוית נקראות על שם מצרים[21].

און נאכמער: עס ווערט ״ולאום מלאום יאמץ״, נאך בסוף זמן הגלות, אז ״אלוף מגדיאל היא רומי״ (ווי רש״י איז מפרש בסוף פרשתנו), אין גלות זה האחרון, גלות אדום - העלפט ארויס אידן אין אלע זייערע ענינים, ווי ס׳איז געווען ביי אנטונינוס מלך רומי (מושל בכיפה) ורבי ״שלא פסקו מעל שולחנם לא צנון כו׳״ (ווי רש״י איז מפרש אויף ״ולאום מלאום יאמץ״), און זיי זיינען געווען בידידות און האבן איינער דעם צווייטן געהאלפן, ביז אז יש אומרים אז אנטנינוס מל עצמו[22].

ועפ״ז יש לבאר דאס וואס רש״י איז מפרש ״אלוף מגדיאל היא רומי״, דלכאורה: רש״י זאגט ניט קיין פירוש אויף די אנדערע אלופים - איז פארוואס מאכט ער אן אויסנאם בנוגע צו אלוף מגדיאל און איז מפרש ״היא רומי״? ובפרט אז אלוף מגדיאל איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער אלוף אויסערעכנט אין פסוק.

ויש לומר, אז דערמיט איז רש״י ממשיך ומסיים בגלוי ממש זיין פירוש אין פ׳ תולדות אויף ״ולאום מלאום יאמץ״ - ״אלו אנטונינוס ורבי כו׳״ [און רש״י זאגט דאס אלס א פירוש ע״ד הפשט (ער זאגט דערביי ניט רבותינו דרשו), און רש״י רעכנט ארויס די פרטים שבזה, די פרטיות׳דיקע מאכלים (״לא צנון ולא חזרת כו׳״)], און דער ענין איז רש״י מסיים בסוף פרשתנו, ״אלוף מגדיאל היא רומי״, וואס דערמיט איז מובן דער יחוס פון אנטנינוס מלך רומי צו עשו׳ן.

ועפ״ז קומט אויס, אז אין ״אלוף מגדיאל היא רומי״ איז מרומז ווי ס׳ווערט ״ולאום מלאום יאמץ״, און רומי העלפט ארויס אידן. ויומתק בזה, וואס דאס קומט לאחרי ווי דער פסוק רעכנט אויס די ח׳ מלכים ״לפני מלך מלך לבני ישראל״[23], וואס דאס איז כנגד עולם התהו, און דערנאך קומט מלכות בני ישראל, וועלכע זיינען מתקן ומהפך די מלכים דתהו, און דערנאך די אלופי עשו, ביז אלוף מגדיאל היא רומי, ווי ער ווערט נהפך צו העלפט ארויס אידן, אזוי ווי דאס איז געווען ביי אנטנינוס.

וכן תהי׳ לנו אין גלות זה האחרון, גלום אדום, אז די ממלכות העלפן ארויס אידן אין אלע ענינים פון אידישקייט, און וויפל זיי

---

21) ב״ר פט״ז, ד. ויק״ר פי״ג, ה. 22) ראה ירושלמי מגילה פ״א ה״א. 23) פרשתנו לו, לא.

האבן געהאלפן ביז איצטער, זאלן זיי העלפן נאכמער.

ביז אז עס ווערט דאלאי גלות, ובאופן אז מ׳קען דאס טאפן מיט די הענט. און מ׳טאנצט גלייך אריין אין דער גאולה האמיתית והשלימה, און נאך אין דעם שבת, אזוי אז לאחרי השבת ולאחרי הבדלה בין קודש לחול - געפינט מען זיך שוין לאחרי דער גאולה, ובאמת ווען דעמולט ניט זיין קיינע עניני חול, מערניט ווי קדושה, און אין קדושה עצמה - וועט מען נתעלה ווערן מחיל אל חיל עד יראה אל אלקים בציון[24], והוא יכוננה עליון[25], ותיכף ומיד ממש.

* * *

יג. כאן המקום צו נאכאמאל דערמאנען וועגן מעשה בפועל, המעשה הוא העיקר - מ׳זאל אראפברענגען די אלע ענינים אין מעשה:

אנהויבנדיק פון דעם ענין פון ״עמדו הכן כולכם״ סיי יעדער יחיד און סיי א רבים.

ועד״ז בנוגע צו התוועדויות במשך דעם חודש כסלו. ובמיוחד - די הכנות [וואס יעדער דבר חשוב דארף האבן א הכנה רבתי] צו מבצע התוועדות רבתי בי״ט כסלו, און דערנאך - צו מבצע חנוכה. ובפרט בשנה זו - שנת תשמט ידיך און שנת העיבור, שנה תמימה.

ועד״ז אויך בנוגע דעם ענין פון שנת הילד והילדה און שנת הבנין. - ולהעיר מהשייכות צו די צוויי ענינים הנ״ל אין ״עמדו הכן כולכם״: ילד וילדה באדייט דער יחיד, און ״בנין״ איז מדגיש דער ענין הרבים - אלע בני המשפחה וכיו״ב וועלכע געפינען זיך אין דעם בנין].

יד. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט קנקני משקה פאר פארשידענע ענינים, זאלן איצטער ארויפגיין און מכריז זיין דער דער ענין, דער זמן און מקום, וועגן וועלכע עס רעדט זיך,

און דער עיקר - מזמין זיין די אלע מסובים, און אויך מזמין זיין משיח צדקנו, וואס ער איז דאך א בשר ודם (כפס״ד הרמב״ם[26]), און זיכער איז ער שוין פון לאנג געבארן געווארן און איז הוגה בתורה ומצוות כדוד אביו[27],

און זיכער וועט ער זיך ניט אפהאלטן אפילו כהרף עין, און ער וועט צוקומען צו יעדערן פון אונז, איך און דו און דער צווייטער און דער דריטער וכו׳, און וועט מעורר זיין יחידה שבנפש בא מיר (כ״ק אדמו״ר שליט״א הזכיר שמו ושם אמו), און בא כאו״א - (כ״ק

24) תהלים פד, ח. 25) שם פז, ה. 26) הל׳ מלכים ספי״א. 27) רמב״ם שם.

אדמו״ר שליט״א חייך, ואמר:) כ׳וועל ניט דערמאנען יעדערן בשמו ושם אמו, וואס רבים הם ואי אפשר לפורטם, זאל יעדערער אליין זאגן שמו ושם אמו - בלחש אדער בקול רם (קיינער וועט ניט פאראיבל האבן).

און דער עיקר - אז יעדערער זאל זיך פארנעמען מיט הפצת המעינות חוצה, דורך וועלכע עס ווערט ״פדה בשלום נפשי״.

מ׳זאל איצטער ארויפגיין נעמען די משקה, און מאכן די הכרזות, ובזריזות.

און דער אויבערשטער וועט זיכער ניט מעכב זיין אפילו כהרף עין, און עס קומט גלייך משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש, ושמחת עולם על ראשם[28].

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

טו. אע״פ וואס מ׳האט שוין דערמאנט כמ״פ וועגן לערנען מתורתם פון רבותינו נשיאינו, איז וויבאלד אז תורה דארף זיין בכל יום ויום בעיניך חדשים[29], און חדשים אויך מצד דעם נה״ב - דעריבער דערמאנט וועגן דעם נאכאמאל, אז מ׳זאל מוסיף זיין אין לימוד החסידות פון רבותינו נשיאינו, ובמיוחד - אין די נייע ספרים וועלכע האבן זיך אפגעדרוקט לאחרונה (וואס דאס האט א חביבות יתרה אויך פארן נה״ב), כולל די מאמרים ד״ה פדה בשלום נפשי, וואס איז פארבונדן סיי מיט י״ט כסלו און סיי מיט יו״ד כסלו, וואס איצטער שטייט מען אין די ימים צווישן די ימי הגאולה.

און דער עיקר איז - עס זאל זיין תלמוד גדול שמביא לידי מעשה, הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה במעשה בפועל.

און דורך מעשינו ועבודתינו טוט מען אויף - ווי ס׳איז מבואר אין חסידות - דער ענין פון מעשה גדול וואס וועט זיין לעתיד לבוא, כמבואר אין די דרושים בענין ״ויגש אליו יהודה״, וואס יהודה (ענין ההודאה) גייט אויף דעם ענין המעשה.

ועד״ז בעבודת כאו״א - דער ענין ההודאה והביטול, ווי מ׳הויבט אן יעדן טאג מיט דער הודאה פון ״מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך״, און מ׳איז מסיים די תפלה אויך מיט הודאה - ״אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך״,

---

28) ישעי׳ לה, י. נא, יא. 29) פרש״י יתרו יט, א. עקב יא, יג. תבוא כו, טז.

לישב בשלוה ובשלימות.

און מעין זה האט מען נאך בסוף הגלות - אז עס ווערט אתהפכא חשוכא לנהורא פון "מגדיאל היא רומי", "מגדיאל" מלשון גדלות און "רומי" מלשון רוממות - "ולאום מלאום יאמץ", אז ביי אידן די אמת'ע גדלות ורוממות - "הגאוה והגדולה לחי העולמים", "הרון והרוממות לחי העולמים", ביז "התהלה והתפארת לחי העולמים",

און דערנאך זאגט מען "ברוך שאמר והי' העולם", די י"ג פעמים ברוך (כמבואר ענינם בדרושי אדה"ז ובארוכה יותר בדרושי אדמו"ר האמצעי אין סידור[30]), אנהויבנדיק פון "ברוך שאמר והי' העולם" - דער גילוי פון כח הפועל בנפעל בכל העולם כולו, לתקן עולם במלכות שד-י,

און דערנאך קומט מען צו אמירת הללוי-ה, ביז צו דער סיום - די עשר הילולים, כנגד די עשר ספירות (וועלכע זיינען כולל אלע ענינים), כמבואר אין פרדס[31], ביז דער צענטער הילול - כל הנשמה תהלל י-ה, און מ'זאגט עס ב' פעמים,

בכל העולם ווערט דער גילוי פון "ברוך שאמר והי' העולם", תיכף ומיד ממש, ומתוך שמחה וטוב לבב.

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק". "פדה בשלום נפשי".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

---

30) עס דא"ח - לט, ג ואילך. 31) שער יב.

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי — התגלות מלך המשיח — נאו!



נדפס ע"י

משפחת נמדר

הכתובת להשיג ה"התנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

לזכות

הרה״ח **יוסף יצחק** בן **אלטע נחמה גיטל**

וזוגתו **רבקה** בת **מתי׳ה**

ובי״ב

בלה ובעלה **חיים זאב** בן **יהודית**

וילדיהם **חנה, שלמה מרדכי ואפרים צבי בלוי**

מנחם מענדל דוב, חנה ורחל

יוזביץ

לזכות

יוסף יצחק בן **הינדא מלכה**
שטערנא שרה בת **רבקה בלימא**
חי׳ מושקא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **מנחם מענדל** בן **מארייאשא באדאנע שרה** גראנער
ובתם **חנה** בת **חי׳ מושקא**
ובנם **לוי** בן **חי׳ מושקא**
ובתם **דבורה לאה** בת **חי׳ מושקא**
שלום דובער בן **שטערנא שרה**
חנה בת **שטערנא שרה**
ובעלה **שניאור זלמן** בן **אסתר הדסה** ראסקין
ובתם **חי׳ גנעשא בת חנה**
דוד בן **שטערנא שרה**
פייגא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **אליהו צבי** בן **פערל** גורעוויטש
דבורה לאה בת **שטערנא שרה**
מנחם מענדל בן **שטערנא שרה**
נעכא רייזל בת **שטערנא שרה**
שניאור זלמן בן **שטערנא שרה**
פנינה יהודית בת **שטערנא שרה**

לו

לברכה והצלחה רבה בכל מעשה ידיהם
למעלה מן המשוער
ושיזכו לגרום רק נחת רוח
לכ״ק אדמו״ר נשיא דורנו

לזכות

שלום דובער הלוי בן **אסתר** ומשפחתו

שליט״א

לזכות

מושקא בת **דבורה לאה**

מנחם מענדל בן **דבורה לאה**

אליעזר בן **דבורה לאה**

מוקדש

לחיזוק ההתקשרות

להוד כ״ק אדמו״ר זי״ע